15

111

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

H. SH[illegible]PER.



מיט איין זעץ מיט דעם באלמונג האט ל י ד ע ר י ג
איהם דעם קאפף געשפאלטען

## דער געריהמטער

# לידעריג

אדער

דיא מערקווירדיגע פעראירונג

איינע געשיכטע אין 6 העפטין

מיט 6 בילדער פאן דער געשיכטע

פאן דעם בעריהמטען פערפאססער

אלעקסאנדער דאמאס (פאטער)

איבער זעצט פאן נ' ג'

וואַרשא

דרוק אונד אויף לאגע פאן בוימריטטער אונד גאנשאר

ביעלאנסקע שטראססע .12 №

## ДЕРЪ ГЕРИМТЕРЪ ЛИДЕРИГЪ

т. е. „Знаменитый Лидеригъ“

Перев. съ Польскго Н. Г.

въ Тип. и Лит. Баумриттеръ и Гонсіоръ Бѣлянская 12

Варшава 1885 г.

ДОЗВОЛЕНО ЦЕНЗУРОЮ
Кіевъ 12 Декабря 1884 г.

# ערשטער טהייל

אין דער צייט וואס דער קעניג, באניפאציא. דער 5 האט רעגירט אין רוים. דאס וואהר אין ענדע דעם יאהר 628. דאַ וואהר אויך דער קעניג קלאדאריוש. אויף דעם טראהן פראנקאוו. איזט סאלוואטאר דער גראף פאן דיאַן, צו ריק געפאהרין מיט זיינע פרויא ערמינגארדע, פאן זיינער טויפע זיינעם זאהנעם. עס וואהר דאז היבשעסטע צייט. דיא זאנגע פערגאנגענגעס צייט איז ער דורך גינאנגען דורך דעם וואלד, סאנ-מערסיא וואס עס גוט בעקאנט וואהר פאן מערדערייען, פאן פיראַרד פירסט דע-באק.

דער גראף סאלוואטאר, האט מיט זיך נישט מעהר גיהאבט וויא פיר דינער, אזויא וויא ער איז צו געקאמען צו איין טינקעל ארט, זויא גלייך זענען איהם בעפאלין איין באנדע רייבער פאן 20 פערזאהן, אונטער דעם רעגירונג פאן איין גרויסן העלד, דאס וואהר דער פירסט דע-באק. אויב וואהל דער גראף סאלוואטאר האט גאנץ גוט געוויסט דאס ער קאן זיך נישט וועהרין, ער מיט זיינע 4 דינער קעגין 21 פערזאהן מיט וואפען, דאך אבער האט ער זיך בשלאסן דאס ער זאל זיך וועהרין. ניכט דארום דאס ער זאל זיך רעטין. נור דאס זיינע פרויא מיט זיין זאהן זאלין אין דיא צייט פאן זיין וועהרין זיך קענין אנטלויפין.

זויא וויא עס וואהר שוין עטוואס טונקעל. דיא זאגע האט אנגיפ נגין אונטער צו געהן האט ערמאנג ארדע דיא פרויא פאן דעם גראף מיט דעם קינד אויף איהרע שולטערן ארונטער געשפרינגן פאן דעם פערד אויף דיא וויכע ערד, אונ האט זיך שטילערהייט פערטיפט אין איין פערוואקסי ארט (קזיאקעס) האפפענד צו דעם ליבען גאט אין הימעל, צו ערפילען דאס מענשליכהייט פאן איינע מוטער, אונד איינע פרויא, דאס זיא אנידער געלייגט דאס קינד אויף דער ערד, אויף דיא אויבאבט פאן דעם ליבען גאט. אונ זעלבסט איז זא געגאנגן מיט איין ביטער הערץ צו דעם ארט וויא זיא האט איהר ליבן מאן אין איין גיפאר פערלאסין צו ווישען ייבער, מיט דיא גידאנקין דאס זיא זאל זיך טיילען מיט דעם שיקזאהל זויא וויא מאן ווערט פאן הימעל בעצייכנן.

צו קאמענגט צו דעם ארט האט זיא אנגעטראפין 8 טויטע קערפער ליגין איינער נעבין דעם צווייטין אוים גלייגט אויף דיא ערד. ביא דער שיין פאן דער מאנד (לבנה) האט זיא ערקענט איהרע 4 דינער. אונ די אנדערע 4 ווארען פון דיא רייבער. אבער איהר ליבען מאן האט זיא צווישען די 8 לייכין ניכט געפינען. דאן וואהר זיא ניכט אין צווייפעל דאס מאן האט איהם גיפאנגין גינאמין. דען זיא האט דיא מערדער גוט גיקענט, דאס איהר מאן וואהר ניכט אין שטאנדע צו אנטלויפין פאן זיי ערע הענד:

וויא זיא האט זיך אום גיזעהן, פילייכט ווירד זיא איהר מאן אויף איין אנדערע שטעלע געפינען. זויא האט זיא דער זעהן פאן וויימין איינע באנדע רייבער געהען, בעלייכטעט מיט ליכט אונ ציהען צום פעסטונג (וואס וואר אמאהל איין רוימישעס) וייל זיא האט ערקאנט דאס דער ערשטער

וואהר דער הויפט מאן פון דיא רייבער. וואהר זיא דאן ניכט אין צווייפעל דאס איהר ליבער מאן איז דאס אלס געפאנגענער. זויא וויא זיא האט שוין איין מאל גיזאגט דאס איהר פלאטץ איז ביי איהר מאן. זויא איז זיא גלייך צו דיא באנדע. זיא האט זיך ליידער נישט געאירט, איהר מאן וואר טויט ראנירט ליגענר אויף איין טראגע דורך 2 סאלדאטין געטראגין. וויא זיא איז נאר נעהנטער צו געקאמען זויא גלייך האבען אלע סאלדאטין איין וועג געמאכט פיר דיא פרויא, זויא ווי דער פירסט דע-באק האט דער זעהן די פרויא איז ער ערפרייט גווארין דאז ער האט די 2 געפאנגענע פאן איין שטאדט. באלד האבין די סאלדאטין ארויס גנאמין די גיפאנגענע, אונ האבין זיך געלאסט צו דעם שלאס וואס זייא זענין גלייך גיקאמען דאצו.

ליידער דער געראנירטער גראף איז ביים נאכט גישטארבין. איז די פרויא אן שמערצין איין וויטווע גווארן. באלד צו מארגין אין דער פריה האט דער פירסט דע-באק איין פאהר טראג גימאכט די גרעפין סאלוואטאר אוב זיא פרייא זיין וויל קאן זי פרייא ווערין מיט דעם בעדינג דאס זיא זאל איהר דאס פארמעגין אפ געבין אדער וועניגסטען איין טהייל פאן איהר פארמעגין. אבער דיא גרעפין האט נישט איינגעשטימט דארויף. דאס זיא זאל דאס איינגענטהום פון איהרע עלטערן, וואס איהר האפנינג וואהר איהרע קינדער דאס אויך צו געבין. זאל זיא דאס אין פרעמדע הענד אפ געבין. אלזויא האט זיא דיא פאהרטראג פערזאגט.

דער פירסט דע-באק האט דאן בעפאהלין שטרענג צו האלטין דיא געפאנגענע גרעפין פאן (דיאן) דארום דאס

גיפענקינעס זאל אויף איהר מעהר ווערקין וויא זיין מערדעריליכן בייגיין זיך געגין איהר. זעלבסט איז ער אוועק איז וואלד צו מארדין אונד די געפאנגענע פרויא האט אימער געטרויערט אויף דעם גראב פון איהר ערמארדעטען מאן.

אין דעם זעלבין וואלד וואס עס וואהר דאס ערמארדונג דיים גראף פאן–דיאן, וואהר אויך דאן נישט ווייט פאן דיזען ארט איין אפזאנדערונג (פוסטעלניק) בעוואהנט דורך איין פראמען ארעמען, אונד אבגיזאנדערטין פאן דער וואהלטאט דער וועלט. לענגסט האט ער פיהל וואונדער בעוויזען. נור זעהענד דאס די וועלט איז נישט ווערט גאטעס גענאדע. האט ער אויף גיהערט צו בעטין פיר די זינדיגע. אונד האט זיך בעזעצט אויף אימער אין דיא טיפינים פאן גאטעס בעשאפונג וואס ער האט זיך נאר ערנערט מיט מילעך פאן איינע ציגע (קאזע) וואס זיא צו איהם 3 מאהל אין טאגע גיקאמען איזט, דער אבגעזאנדעטער האט איין טהייל פאן דיא מילך וואס דער ליבער גאט האט איהם אללע טאגע צו געשיקט גלייך געטרינקען אונד איין טהייל האט ער זיך אוועק גישטעלט אויף זויער, ער האט אויך גיהאט ארום ביא זיינע וואהנונג פערשידענע קרייטער. וואס עס האט אויך זיין הינגער געשטילט, זויא ווייט דאס ער האט נישט געברויכט אין פערלויף פאן 5 יאהר צו געהן אין איין שטאדט אבער אין איין דארף נאך ערנעהרונג צו זוכען.

מיט איין מאהל האט דער פראמער ''אבגיזאנדעטער,, בעמערגט דאס זיינע ליבע ציגע האט איהם קיין העפט וויא געוועהנליכט מילך גיגעבין, זויא ווייט דאס ער האט זיין טהייל מילך גלייך אויס געטרינקען, איז איהם גאר נישט געבליבען אוועק צו שטעלין אויף זויער, זויא וויא ער גיוואנט

וואהר ، האט ער גערעכינט דאס עס איז איין צו פאל ، וואס עס טרעפט אפט מאהל ، אונד עס וועט געוויס אוועק געהן .

אבער וויא גרויס וואהר זיין פאר וואונדערונג דאס ער האט געזעהן דאס אויף צו מארגינס האט איהם דיא ציגע נאך וועניגער מילך גיגעבין זויא ווייט דאס ער האט שוין זיינע געוועהנליכע מאס צום טרינקען ניכט גיהאט ، דאך אבער האט אונזער „אבגיזאנדעטער" פראמער מאן זיך גיהאלטין ביא זיין גידולט ، האפענט דאס עס ווירד זיך ענדערין וואס וואהר אויך מעגליך דען דיא ציג האט אויס גיזעהען געזינטער ווי איטער . אונד וואהר אויך פרייליבער וויא איטער.

אבער אויף צו מארגין וואהר נאך פיל שלימער . דיא ארעמע ציגע האט בענויא איהם שוין גאר קיין מילך גיגעבין. זויא דאס דער „אבגיזאנדעטער" איזט געצווינגין גיוועהן הערויס צו געהן פאן זיין וואהנונג וואס וואהר צוואהר פיר איהם זעהר איבער לאסט דארום זיך וואסער צו פערשאפין ביא דער גילעגינהייט האט ער זיך אויך קרייטער פערשאפט דען בענויא שוין 2 טאגע האט ער ניכט אין זיין מונד געהאט .

אויף דעם 2 טען טאהגע איז דיא ציג צו איהם גקאמען נאהר אהנע מילך . דאן האט ער שוין אנדערש נישט גקאנט רעכינען גאר ווי שטוילער . (גנבים) האבין גילויערט אויף דאס ארעמע וועזין צו צונעהמין דאס ערנערונג וואס זי געטראגין האט פיהר ידעם ארמען ,,אבגיזאנדערטין" דאך אבער צו ריכטען זיין ברודער זויא שענדליך (דן זיין לכף חוב זיין חבר) האט דער אלטער ,,אבגיזאנדעטער" זיך בעשלאסין צו פערזיכערין דעראן צו דאס וואהר איזט איין שטוילער אבער

ניכט. אונד דען 5 טען טאג פריא ווען דיא ציג קאמט צו איהם זויא ווי געוועהנליך האט ער זיא ביי זיך פערמאכט, אונד האט זי פאן זיך נישט פארט גילאסט.

דעם גאנציז טאג וואהר די ארמע ציגע גאנץ אונרוהיג זי איז נאר ארום גלאפין פאן דעם אלטין „אבגיזאנדערטין" ביז צו די טיהער אונד צוריק זעהר אונרוהיג אונד דער ביי זאלכע קרעכצין (זיפצין) גיטאהן דאס דער אלטער „אבגיזאנדערטער" האט גלייך בעמערקט דאס דיזעס קרעכצין מוס עטוואס בעדייטין זעהר וויכטיגעס.

אין דעם זעלבין טאג האט דיא ציג גינעבין דרייא מאהל מילך זויא פיהל זויא פארמאלס, אלזויא וואהר דאך יעצט ניכט אנדערש נור וויא יעמאנד האט דאס צעהרונג פאן דעם אבגיזאנדערטין צו גינאמען.

דען זעלבין טאג פאר אבענד. האט דער אלטער דיא טיהער עטוואס גיעפינט דאס ער זאל זיך עטוואס צו ווארמען בייא דיא שטראלין פאן דיא זאנע בעפאהר זיא פערגעהט. אבוואהל ער האט דאס גטאן גאנץ פארזיכטיג דאך ווען דיא ציג האט נאר גיזעהן איין קליינע עפנונג זויא פארט האט זיא זיך גיווארפין צו דער עפנונג זויא שטארק דאס זיא האט דעם אלטען אום גיווארפין אונד זעלבסט איז זיא גילאפין אין וואלד אריין.

וויא דער ארעמער „אבגיזאנדערטער" האט זיך אויף גיהויבין האט ער זיך פערוואונדערט וואס דאס קאן זיין דאס דיא ציג האט זיך צו זויא וואס בעוואגין. דען ער האט דיא ציג גאנץ גוט גיקענט דאס לענגסט וואהר זיא נישט אום שטאנדע זיך צו רעזיקירען צו זויא וואס ווען איהר בלויז

אין פְרֵייא וֶוערין גינַאנְגֶן איז. נִישְׁט אֵיין מָאהְל וַואר דֶער אַלְטֶער קְרַאנְק. הָאט עֶר בֶּעמֶערְקְט דָאס דִיא צִיגֶע אִיזְט אִימֶער בייא זַיין בֶּעט גִילֶעגְין. אַלְזוֹויא הָאט עֶר גוּט פֶערְשְׁטאנֶען דָאס דָא מוּז זַיין אֵיין גֶעהֵיימְנִיסֶע וָואס דִיא גֶעהֵיימנִיסֶע אִיז נִישְׁט דאס וָואס עֶר גִירֶעכִינְט הָאט, דֶעם קִינְפְּטִינֶען טָאג הָאט עֶר גִיוַוארְט אֶן גֶעדִילְט דַאס דִיא צִיגֶע זָאל קאמֶען. לֵיידֶער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט עֶרְוַוארְטִין דָאס וַואהְר אֵיין מָאהְל דוּרְךְ 5 יָאהר דָאס דִיא גִיטְרַייע צִיגֶע הָאט זיין הויז אויף אֵיין נאכט פֶערְלַאסִין. אוּנְד דָאס עֶבִין הָאט אוּנְזֶערִין, אַבְגִיזָ נְדֶערְטֶען זֶעהְר בֶּעטְרִיבְּט.

דֶעם 2 טֶען טאג אִיזְט אִיהְם אויף דִיא גִידַאנְקִין גִיקאמִין דָאס עס אִיז כֶּעגְלִיךְ דָאס עֶס הָאט זיינֶע שְׁפַּייזֶערִין אִין אוּמְגְליק גֶעטְראפִין. הָאט עֶר דַאן גאנץ פְרִיה דִיא טִיהְר גִיעֶפִינְט אוּנְד הָאט גזֶעהֶען זַיינֶע גוּטֶע צִיגֶע (קְאזֶע) וִוי זִי עֶסְט דָאס גְרָאז נִישְׁט וַוייט פְאן זַיין הויז. וִויא דִיא צִיגָע הָאט דֶערזֶעהן דֶעם אלטֶען הָאט זִיא אַשְׁפְּרִינְג גִיטָאהְן פְאן פְרֵיידֶע אוּנְד הָאט אִיהם גִיצֵייגט וִויא וַוייט אִיהְר פְרֵיידֶע אִיז דָאס זִיא הָאט אִיהְם דֶער זֶעהֶען. אָבער צוּ זַיין וָואהנוּנְג האט זִיא נִישְׁט צוּ גִיטְרֶעטִין. אוּנזֶער, אַבְגִיזָאנְדְעטֶער' הָאט זִיא צוּ גֶערוּפִין. לֶענְגְסְט הָאט זִיא אויף זַיין שְׁטִימֶע פְאן וִויא וַוייט צוּ אִיהְם גִיקאמֶען. הֵיימֶע אָבער הָאט זִיא זִיךְ נָאר אוּם גִידְרֵייט אוּנְד הָאט דִיא אוֹיעֶרִין אויף גִישְׁטֶעלְט וִויא פִיהְל מָאהְל דֶער אַלְטֶער צוּ אִיהְר צוּ גֶעקאמֶען אִיזְט זוֹיא פִיהְל מָאהְל הָאט זִיא זִיךְ פאן אִיהְם פַארְדְרֵייט. זֶעהֶען וִויר דָאךְ דָאס דִיא צִיגְע הָאט אויף דֶעם אַלְטִין אֵיין פֶערְדְרוּס גִיהַאט. פַאר וָואס עֶר הָאט זִיא אויף אַגַאנְצִין טָאג פֶערְשְׁלָאסִין אוּנְד הָאט פִילֵייכְט גֶעפִּירְכְטֶעט אויף נָאךְ

אַמָאהְל דָאס עֶר זָאל זִיא נִישְׁט צוּ שְׁלִיסֶען.

דֶער אַלְטֶער הָאט זִיךְ גַאנְץ גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען דַארוֹיף. הָאט עֶר זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין דַאס עֶר מוּז דֶער גֶעהְן דִיא אוּרְזַאכֶע פָאן אִיהְר עֶרְוַוייטֶערוּנְג זִיךְ פוּן אִיהְם. אַלְזוֹיא זְויא וִויא דֶער אַלְטֶער הָאט בֶּעמֶערְקְט דַאס דִיא צִיגֶע פַאנְגְט אָן זִיךְ פָאן אִיהְם אַוֶועק צוּ לַאסִין אִין דֶער טִיפֶע פָאן וַואלְד. הָאט זִיךְ דֶער ,אַבְגִיזָאנְדֶעטֶער׳ בֶּעשְׁלָאסִין צוּ גֶעהְן נָאךְ אִיהְר. אִיז עֶר אִימֶער נָאךְ גִיגַאנְגֶען אִין דֶער זֵייטֶע וִויא דִיא צִיגֶע אִיזְט גִיגַאנְגֶען. אוּנְד דִי צִיגֶע אִיז אִימֶער גֶעשְׁפְּרִינְגֶען צוּ פְרִידֶען אוּנְד אִימֶער נִיכְט וַוייט פָאן אִיהְם.

אוֹיף זְויא אֵיין אַרְט. הָאט דִיא צִיגֶע דֶעם אַלְטִין פֶערְפִירְט אִין אֵיינֶע רֵייֶע פָאן לִינְדֶען בֵּיימֶער וָואס דִיא עֶקֶען פָאן דִיא צְוַוייגִין הָאבִּין גֶעגְרֵייכְט אִין אֵיין קְלֵיינֶעס וֶועסֶערִיל וָואס נִישְׁט אֵיין מָאהְל הָאט דֶער אַלְטֶער דָארְט וַואסֶער גֶענָאמֶען. צוּ גֶעהֶענְד צוּ דֶעם וַואסֶערִיל הָאט דִיא צִיגֶע אֵיינִיגֶע שְׁלִינְג וַואסֶער גִיטָאהְן. אוּנְד אִיזְט פֶערְשְׁווִינְדֶען.

דֶער אַלְטֶער הָאט זִיךְ עֶטְוַואס צוּ גֶעאֵיילְט. אוּנְד צוּ קָאמֶענְד צוּ דֶעם אָרְט וָוא עֶר זִיא פְאן דִיא אוֹיגִין פֶערְלוֹירִין הַאט. דָארְט אִיז עֶר שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבֶּען אוּנְד-הָאט זִיךְ אוּם גִיזָעהְן אַרוּם זִיךְ. אָבֶּער עֶר הָאט גָאר נִישְׁט גִיזֶעהְן נָאר אֵיינֶע גְרוֹיסֶע צְוַוייגֶע וָואס אוֹיף אִיהְר גִישְׁטַאנִין אִיזְט אֵיין שְׁפִּיל פוֹיגֶעל (כְּלָאוִויק) (זְויא אֵיין פוֹיגִיל וָואס עֶר שְׁפְּרֶעכְט).

אִין אֵיינֶע וַוייְלֶע הָאט עֶר דֶער הֶערְט אֵיינֶע שְׁטִימֶע פָאן דִי צִיגֶע אוּם אֵיין זֶעהְר פֶערְוַואקְסִין אָרְט. אִיז עֶר לַאנְגְזַאם צוּ גִיגַאנְגִין. וִויא פֶערְוואוּנְדֶערְט וַואהְר עֶר דַאן דַאס עֶר הָאט דִיא צִיגֶע דֶערְזֶעהְן לִיגֶענְט אוֹיף דֶעם גְרָאז אוּנְד נֶעבִּין

אִיהר אִיז גְלֶענִין אֵיין קִינד (קְנַאבֶּע) יונגלינג אֵיין עֶרְךְ פָּאן צְוֵייא אָדֶער דְרַייא מאנאט אוּנְד הָאט גיזֵייגְט בֵּייא דֶער צִיגֶע זעהר פֶּערְגֶעניגֶענְט. דַאן וַואהְר שׁוֹין דֶער שְׁטוּילֶער (גַנָב) עֶנְטְדֶעקט. זוּיא אִיז דֶער אַלְטֶער גִיפַּאלִין אוֹיף דיא קְנִיעֶן אוּנ הָאט גִילוּיבְּט דֶעם לִיבֶּען גָאט דַאס עֶר ווירְקְלִיךְ פֶּערְלַאסְט נִישְׁט קֵיין בֶּשֶׁעפּוּנְג אוֹיף דֶער בְּרֵייטֶע אוּנ גְרוֹיסֶע וֶועלְט. דַאן הָאט דֶער אַלְטֶער נִישְׁט גִיוָואלְט דַאס יוּנְגֶע שְׁוַואכֶע בֶּעשֶׁעפֶּנִישׁ אִיבֶּער לַאסִין אַלֵיין אִין וַואלְד מִיט דֶער עֶרְנֶערוּנג פָּאן אֵיינֶע מְהִירֶע, הָאט עֶר צוּ גִינָאמִין דַאס קִינְד אוֹיף דִיא הֶענְדֶע אוּנְד אֵיין הִילֶענְד דַאס קִינְד מִיט אֵיינֶע הֶעלְפְטֶע פָּאן זֵיינֶעם מאנְטִיל אוּנְד הַאט דַאס קִינְד אַוֶועק גיטְרָאגִין אִין זַיין אַרֶעמֶעס הוֹיז. דִיא צִיגֶע לוֹיפְט דַאן רום אוּנְד קִיקְט נור אוֹיף דֶעם קִינְד, אוּנְד לֶעקְט אִימֶער דֶעם אַלְטִין מִיט אֵיין זֶעהְר צוּ פְרִידֶענְהֵייט.

דֶער אַלְטֶער „אַבְּגִיזָאנְדֶעטֶער“ הָאט דַאס קִינְד גִיגֶעבִּין אֵיין נַאמֶען לִידֶעריק, אוֹיף דֶעם צֵייכִין דֶען שְׁפִּיל פוֹיגֶעל. וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען (לִידֶער) דַארוּם הָאט עֶר דַאס קִינְד גִירוּפִין לִידָערִיק.

עֶס אִיז וֶוערְקְלִיךְ גַאנְץ לַייכְט צוּ פַארְשְׁטֵיין דַאס דֶער אַלְטֶער „אבְּגִיזָאנְדֶערְטֶער“ הָאט פָאן דֶעם טָאג פָּאן מֶעהְר נִישְׁט גִילֶעהְבְּט נָאר פָּאן פֶּערְשִׁידֶענֶע גֶעוִויקְסֶע אוּנְד וַואסֶער. דֶען עֶר הָאט גִיבְּרוֹיכְט אִיבֶּער צוּ לַאסִין פִיר דֶעם כְּנַאבֶּע (יוּנְגֶע) עֶרְנֶעהְרוּנג דֶען עֶס וַואהְר צְוַואהְר אֵיין גוּט עֶרְנֶעהְרוּנג דִיא מִילֶךְ פָּאן דִיא צִיגֶע. דַאס קִינְד אִיז עֶבֶּען זֶעהְר שֶׁעהְן גִיוַואקְסִין אִין דִיא גרעסֶע אוּנְד אִין דִיא דִיקֶע, עֶס וַואהְר צוּ בֶּעוואוּנְדֶערִין. דַאס נָאךְ 8 מְאהְנַאט אִיזְט שׁוֹין דֶער יוּנְגֶע זֶעלְבְּסְט גִישְׁטַאנְן, אוּנְד צוּ דֶעם 10 טֶען

מָאנַאטְהֶ הָאט עֶר אַנְגֶיפַאנְגֶען צוּ רֶעדִין .

דֶער גוּטֶער אַלְטֶער „אַבְּגִיזָאנְדֶערטֶער„ האט דֶעם יוּנְגֶע אוֹים גִילֶערִינְט לֶעזִין , אוּנְד שְׁרַייבִּין אוֹיךְ נָאט לוֹיבִּין . אוּנד דִיא גַאנְצֶע בִּיבֶּעל עֶ־צֶעלוּנג , אַם בֶּעסְטִין הָאט אים גִיפָאלִין דִיא גֶעשִׁיכְטֶע פָאן (שִׁמְשׁוֹן הַגִּיבּוֹר) פָאן (נִימְרָאט) אוּנְד הֶער גְלַייכִין .

זָויא פָּארט וְויא עֶר הָאט אנגיפאנְגֶען צוּ גֵיין , זוֹ א גְלַייךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּ גֶערִיכטעט אֵיין צִיהֶל , אוּנ הָאט אַנגִיַאנְגִין זִיךְ צוּ לֶערְנִין וֶוערְפִין זָויא וַוייט דָאס עֶ־ הָאט זִיךְ אֵיין גֶעאִיבְּט אִין וֶוערפין דָאס עֶר הָאט גִיטְרָאפִין אִין יֶעדִין אָרְט וְויא זַיין צִיהל וַואהְר , מָאג זַיין וְויא וַוייט עֶם נָ־אהְר אוּנ וְויא נִיכְט אַנְזֶעהֶענְד .

זַיינֶע קְרֶעפְטִין הָאבִּין זִיךְ פָאן טָאג צוּ טָאג פַארְגְרֶע־סֶערְט זָויא וַוייט דְאס עֶר האט 8 יָאהר גִיוֶנְדִיגְט , וַואהְר עֶר זָויא וְויא אֵיין 20 יֶעְרִינְגֶער מַאן , אוּנְד אִין 10 טֶען יָאהְר וֶוען עֶר אִיז זִיךְ אִיבער גִיגאַנְגִין מִיט זַיינֶע עֶרְנֶערִין וָואס זיא יַיאהְר דָאזִי שׁוֹין אַלט האט זִיךְ אֵיין וָואלְף אוֹיף אִיהְר גִיוִיאלט וַוארְפִין . אָבֶּער לִידֶערִיק הָאט זִיךְ פְרִייער גִיוָוארפִין אוֹיף דֶעם יָואלְף אוּנְד הָאט אִיהְם אִין דִיא הֶענְד־ דֶערְשְׁטִיקְט. נַאכְהֶער הָאט עֶר זִיךְ גִעמַאכְט אֵיין אִנְצִיג פִּאן זַיינֶע פֶּעלֶע , דֶען עֶר הָאט גִיזֶעהְן בַּייא דֶעם אַבְּגִיזָאנְדֶערטִין . דָאס בִּילְד סאמְסָאן (שִׁמְשׁוֹן) אִין אֵיין אַנצוּג פָאן אֵיין לֵייבִּין פֶּעל וָואס עֶר הָאט זֶעלְבְּסְט פָאן דֶעם טהִיר אָפְּגִיצוֹיגִין , פִּי־ דֶעם וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּא בֶּעשֶׁעפְטִיגֶ־ן אַנְצוּוֶוערִין פָאן דֶעם טוֹיט דִיא שְׁוַואכֶע טְהִירֶען , אוּנד דִיא שְׁוַואכֶע פֵייגְלַייז פָאן דִיא שְׁטַארְקֶע , הָאבִּין אִים אַלֶע גֶעקֶענְט אוּנְד גֶעלִיבְּט ,

זֶענִין דִיא סֶערְנֶעס אוּנְד דִיא (קְרוּלִיקֶעס) גִיגאנְגִין דָא וויא עֶר פְלֶעגְט צוּ גֵיין , זויא וויא נָאךְ זֵייעֶר אֵיינְגֶענְטִימֶער , אוּנְד דִיא פוֹיגְלִין זָענִין אִימֶער אִיהְם אִיבֶּער זַיין קָאפְּף גֶעפְלוֹיגִין . זִינְגֶענְד אִימֶער פְרֵיילִיךְ , אוּנְד אוֹיךְ דֶער שְׁפִּיהְל פוֹיגִיל (סְלָאוִויק) וָואס עֶר פְלֶעגְט אִיהְם גַאנְץ גוּט צוּ פַּאר שְׁטֵיין .

דֶער אַלְטֶער אַבְּגִיזאנְדֶעטֶער האט דָאס אלֶעס גִיזֶעהְן , דַאן הָאט עֶר גִיזָאגְט דֶער לִידֶערִיג הָאט אֵיינֶע (זכיה) בּייא גָאט גִיהַאט , דַאס דער יוּנְגֶע ווירד נָאךְ אַמָאהל זֶעהְר גְרוֹיס זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ הָאט פָּאן פְרֵיידֶע גִיוֵויינְט .

דַאס עֶרְשְׁטֶע קְרֶענְקוּנג לִידֶערִיגְס אִין זַיין לֶעבְּן וואר דֶער טוֹיט פָאן דִיא צִיגֶע דֶעו דֶער יוּנגֶע הָאט בּיז יֶעצְט נִישְׁט גִיזֶעהְן אִין גֶעווִיסְט וָואס אִיז דָאס אַטוֹיט (שְׁטַארְבִּין) דֶער אַלְטֶער אַבְּגִיזאנדעטֶער הָאט אִים דָאס אוֹיפְמֶערְקְזָאם גֶעמַאכְט , אָבֶּער לֵיידֶער דַאס אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט הָאט אִים נָאךְ מֶעהְר טְרוֹיריגֶער גִימַאכְט , דַאן הָאט עֶר אוֹיס גֶעגְרָאבִּין אֵיין גְרוּבּ פִיר דִיא צִיגֶע אוּנְד הָאט זִיא מִיט עֶרְד אוּנְד מִיט מֶעהְ פַאר דֶעקְט , דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶער גִיזֶעצְט אוּנְד זִיא בֶּעקְלָאגְט .

זִיצֶענְד בַּייא דֶעם גְרָאבּ פָאן דִיא צִיגֶע , הָאט דֶער שְׁפִּיל פוֹיגִיל אַנְגִיפַאנְגִין אִיבֶּער זַיין קָאפְּף צוּ זִינְגֶען ,

אַלֶעס קאמְט פָאן דֶעם לִיבֶּען גָאט ,
אַלֶעס גֶעהְט צוּ רִיק צוּ דֶעם לִיבֶּען גָאט ,

אֵיין בֶּעשֶׁעפְנוּנג וָואס נָאר אֵיינֶע מִינוּטֶע לֶעבְּט ,
אֵיין וֶוערִימְכֶען וָואס נָאר אֵיינֶע שְׁטוּנְדֶע שְׁוֶועבְּט ,

איינע רויזע וואס נאר איין טאגע עגזיסטירט ,
איין זאמער פויגיל וואס ביז 6 מאנאטה זיך רירט ,

איין שפיל פויגיל וואס ביז 5 יאהר טוט זינגען ,
איינע ציגע וואס ביז 15 יאהר טוט שפרינגען ,

דער מענטש וואס ביז 100 יאהר טוט לעבין ,
דאך מוס אלעס צו דער עוויגקייט שוועבין ,

דיזע וואס זעהר ווענינ טוהען עגזיסטירען ,
אויך דער מענטש וואס זעהר לאנג טוט רעגירען ,

ווען אלע צור עוויגקייט געהען ,
טוהען זייא זיך צו זאמען פרייען ,

זויא וויא איין גראדע עגזיסטירונג ,
אבער יעצט האבין זייא נאר איין הערונג ,

גאט איז נאר עוויגער אליין ,
וויר אלע מוסין אין דיא ערדע אריין ,

דארום מוסין וויר אלע לויבין ,
דעם ליבען גאט וואס רעגירט אויבין ,

אונד זויא האט דער שפיל פויגיל זיך ווייטער געזיננען טרויריג אונ מיט אבערגלויבונג , זויא דאס אונזער (לידעריג) האט דיא אויגין צום הימעל ערהויבין , דאן האבין דיא שטראלין פאן דיא זאנע איהם דיא טרערין פאן וויינען אויס גיטראקענט , וואס איהם אויף דעם געזיכט זויא וויא פאן איינע קוועלע האבין געפליסט , דאן איז דער יונגע עטוואס צו זיך געקאמען , פאן דאן איז אונזער לידעריג גיגאנגין

אַלֶע טאגֶע אויף דֶעם גְרַאבּ פאָן דִיא צִיגֶע, וָואס אִיז דַארויף בלוּמֶען גיוַואקְסֶין, אוּנ פֵייגיל הָאבִּין גִיזִינְגֶען, אוּנ אֵיינֶע קוּרְצֶע צֵייט הָאבִּין זִיךְ דִיא גֶעוִויקְסֶע פָאן דֶעם גְרַאבּ מִיט דִיא גֶעוִויקְסֶע פָאן אַרוּם צוּ מִישְׁט, אוּנ אִין עֶנְדֶע דַאס יַאהְר וַואהְר אוּמֶעגְלִיךְ דַאס אָרְט צוּ עֶרְקֶענִין. דֶער ווִינְטֶער אִיז אַן גֶעקאמֶען אוּנְד דִיא עֶרְד מִיט שְׁנֵייא פַאר דֶעקְט. נַאכְהֶער אִיז פְּרִילִינְג אָן גִיקָאמֶען. אוּנְד הָאט מִיט זַיין גְרִינֶעם מַאנְטִיל דִיא עֶרְד פַאר דֶעקְט אוּנְד פַארְצִירְט מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע גֶעוִויקְסֶע. דֶער אוֹיסְזִיכְט וַואהְר צְוַואהְר גַאנְץ שֶׁעהְן. לֵיידֶער דָאס גְרַאבּ פָאן דִיא צִיגֶע וַואהְר קֵיין צֵייכִין עֶס וַואהְר פֶערְלוֹירִין זוֹיא וַוייט דָאס זֶעלְבְּסְט לִידֶערִיג הָאט שוֹין דָאס גְרָאבּ נִישְׁט עֶרְקֶענְט. אָבְּוָואהְל עֶר הָאט זִיךְ גִינוּג מִיהֶע גִיגֶעבִּין דַאס גְרַאבּ צוּ גֶעפָאנֶען, עֶס וַואהְר לֵיידֶער אוּמְזָאנְסְט. אִין דִיא צַייט ווִיא עֶר זוֹיא זִיךְ בֵּייגְט אוּם דַאס גְרַאבּ צוּ גֶעפִינֶען, הָאט דֶער שְׁפִּיל פוֹיגֶעל ווִידֶער אַנְגִיפַאנְגִין טְרוֹיֶערִיג צוּ זִינְגֶען.

דוּא זוּכְסְט לִידֶערִיג דוּא קָאנְסְט נִיכְט רוּהֶען,
מַיין קִינְד אוּמְזָאנְסְט טוּסְט דוּא זִיךְ בֶּעמִיהֶען,

דִיא עֶרְד פָאן דִיא גַאנְצֶע ווֶעלְט,
אִיז מִיט מֶענְשִׁין בֵּיינֶער פַארְשְׁטֶעלְט,

יֶעדֶעס בִּיסֶעל עֶרְד,
הָאט גִיהַאט מֶענְשִׁין הֶערְד,

ווֶוען פָאן דִיא גְרַאבִּין מֶעכְט קֵיין עֶנְדֶע ווֶערִין
מֶעכְט דָאס אֵיין גְרָאבּ פִיר אוּנְז שְׁטֶערִין

אויף אונזערע פעטערס ערטער
מעכטע ליגען זעהנע אונד טעכטער

ווען אונזער לידעריג איזט 15 יאהר אלט געווארין. האט דער אלטער „אבגיזאנדעטער" אנגיפאנגען איהם דיא וועלט בעשרייבונג צו לערנין, דען דער אלטער וואהר זעהר איין געבילדעטער מאן, דער יונגער לידעריג האט דאס אלעס גאנץ שנעל איבערגינאמען. דער אלטער האט איהם אויך אויף גיקלערט וויא גרויס דיא וועלט איז. דאס עס פינדעט זיך נאך פיהל ערטער וואס עס איז וויסטע. אונד פיהל וואסער וואס דער בעסטער שיפער מעכט מיט זיין זעגעל דארט ניכט פאהרין, אונד פיהל אנדערע קליינע ניסע האט ער איהם אויס גילארינט אונד אויף גיקלערט. דיא לעהרע האט אויף לידעריגען זויא גיווערקט דאס יעדע זאך אונד יעדע ערצעהלונג איז איהם וויא איין בילד פאר דיא אויגען גישטאנען, אונד ווען ער איז אלט געווארין 18 יאהר, וואהר ער דאן איין געבילדעטער אונד אויף גיקלערטער, אונד איין פראמער מאן אויף דער גרויסער וועלט, זויא וויא אין זיין געבורצטאג, דאן האט דער אבגיזאנדעטער גיענדיגט 100 יאהר איז ער קראנק געווארין אונד פילענד דאס ער ווערט וואס איין מאהל שוועכער, האט ער לידעריגען צו זיך צו גערופען אונד האט איהם ערצעהלט אלעס וואס ער האט פאן איהם געוויסט, אונ האט איהם איבער גיגעבין דעם מעדאליאן וואס ער אויף זיין האלדז האט געפינען. דאן ווען ער האט איהם אין וואלד געפונען, וואס דאס וואהר איין איינציגער צייכין זיינע עלטערין צו געפינען, ער האט איהם איין פראגע געמאכט וואס ער דענקט מיט זיך צוא מאכין, צוא ער זאל בלייבין

אין דיא אַבְגְיזאָנְדערְטֶע זויא וויא ביז יֶעצְט , אָדֶער יֶער
ווירד זיך לַאסֶען אין דיא וֶועלְד , נָאר בַּייא זיך וַואהְר דֶער
אַלְטֶער זִיכֶער , דָאס דֶעם וֶועג וָואס דֶער בְּרַאוֶוער יוּנְגֶער
מַאן (לִידֶערִיג) ווירד זיך אויס וֶועהְלִין ווירְד זַיין דוּרְךְ
דֶעם טֶווינֶען .

דַאן וֶוען דֶער אַלְטֶער שׁוין זַיין מֶענְשְׁלִיכְהַייט הָאט
עֶרְפִיהְלְט . איז עֶר צוּ דֶען עֶווינֶען גִינַאנְגֶען רֶעכְנוּנְג (דִין
וְחֶשְׁבּוֹן) צוּ גֶעבִּין פָאן זַיין גַאנְצִין לֶעבִּין וָואס עֶר וַואהְר
בִּיז יֶעצְט אין זַיין דִינְסְט .

דֶער טוֹיט פָאן זַיין עֶרְצִיהֶער , וַואר דַאן שׁוין לִידֶערִיגְס
צְווייטֶער שְׁמֶערְץ , אויבּ וָואהְל עֶר הָאט גוּט גֶעוְוּיסְט
דָאס דֶער בְּרַאוֶוער אַלְטֶער מַאן וַואהְר שׁוין אין דיא צַייט
פָאן שְׁטֶערְבִּין , דָאךְ אַבֶּער הָאט עֶר זיך נִישְׁט גִיקָאנְט אֵיין
הַאלְטִין פָאן וויינֶען . דיא טְרֶערִין זֶענִין וויא פָאן אֵיינֶע
קְוֶועלֶע גֶערִינֶען , דֶען עֶר הָאט זיך אִיבֶּער גִיגֶעבִּינְט דַאס
עֶר בְּלֵייבְּט אויף זויא אֵיין גְרויסֶער וֶועלְט אֵיינֶער אָהְנֶע
עֶלְטֶערִין , אָהְנֶע פַאמִילְיֶע , אָהְנֶע שִׁיצֶער , דֶעם גַאנְצִין
טָאג איז עֶר גִיזֶעסִין אִיבֶּער אִיהְם , בִּיטֶענְט אִיהְם דָאס
עֶר זָאל אִיהְם שִׁיצֶען פְאן אוֹיבִּין אין הִימֶעל זויא גוּט וִויא
עֶר מֶעכְטֶע זַיין אֵייגֶענֶער זָאהְן זַיין , זויא וויא עֶר וַואהְר פִיר
אִיהְם אויף דיא עֶרְד , דֶען צוּקוּנְפְטִיגֶען טָאג הָאט לִידֶערִיג
דֶעם אַלְטִין בֶּעגְרָאבִּין , אין דֶעם זֶעלְבִּין גְרַאבּ , וָואס עֶר
זֶעלְבְּסְט הָאט זיך פְרִיהֶער אויס גֶעגְרָאבִּין , אוּנְד אוֹיף דֶעם
גְרַאבּ הָאט עֶר אֵיין לִינְדֶען בּוֹים גֶעפְּלַאנְצְט , דָאס עֶר זָאל
דַאס גְרַאבּ פְאן זַיין פָאטֶער נִיכְט פֶערְלִירֶען , זויא וויא
דַאס גְרָאבּ פָאן זַיינֶע עֶרְגֶערֶערִין , וָואס אִיהְם פֶערְלוֹירִין
גִינַאנְגִין איז ,

נָאךְ דִיא עֶנְדֶע דָאס בֶּעגְרֶעבֶּענִיס פָאן זַיין פָאטֶער, וַואר עֶר דַאן זֶעהְר טְרויריג דֶען עֶר הַאט זִיךְ יֶעצְט בֶּעזָאנֶען דָאס עֶר אִיז זֶעלְבְּסְט אויף דִיא וֶועלְט, נָאר אֵיין גָאט קָאן אִיבֶּער אִיהְם שִׁיצֶען, הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶער גִיזֶעצְט נֶעבִּין דֶעם גְרַאבּ, אוּנְד הָאט זִיךְ בֶּעזָאנֶען, וָואס מִיט זִיךְ צוּא מַאכִין, צוּ זָאל עֶר בְּלַייבִּין זויא וִויא דֶער „אַבְּגִיזַאנְדָעטֶער" אִין דִיא ווִיסְטֶע, אָדֶער עֶר זָאל אויף דִיא וֶועלְט אַרוּיס גֵיין, אוּנְד יָאגִין נָאךְ דִיא צְוֵוייא שַׁאטִינְס וָואס מַאן רוּפְט, עֶהְרֶע, אוּנְד פֶערְמֶעגִין.

וִויא עֶר זויא קְלֶערְט, הָאט דֶער שְׁפִּיל פויגִיל זִיךְ גִיזֶעצְט אויף אֵיין צְוַואג אוּנ הָאט אַנְגִיפַאנְגִין צוּ זִינְגֶען.

צְוֵויי זַאכִין בְּרויכְט דֶר מֶענְשׁ הֵיילִיג צוּ הַאלְטִן אויף דֶר עֶרְד, דַאס גְרַאבּ פָאן פַאטֶער, אוּנ דִי עֶלְטֶער דִי מוּטֶער, אִיז דִי וֶועֶרְד,

אֵיין פְלִיכְט אִיבֶּער אַלֶעם אויף דִיא וֶועלְד,
וַואס עֶרְפִילֶן גֶבְרויכְט צוּ אַקִינְד, צוּ דֶר גְרֶעסְטֶער הֶעלְד,

אִיזְט צוּ צוּ מַאכִין דִיא אויגִין, וָואס הָאבִּין גִיזֶעהֶן,
וִויא דָאס בֶּעשַׁאפוּנְג פָאן אִיהְם אִיז גִישֶׁעהֶען,

לִידֶערִיג הַאט גְלַייךְ פֶערְשְׁטַאנִין דִיא רַאטְה, פָאן דֶעם שְׁפִּיל פויגִיל וָואס אִיהְם וַואהְר דִיא רַאהְט פִּיר אֵיין פִירֶער אִין דִיא וֶועלְט, הָאט עֶר גְלֵייךְ אַנְגִיפַאנְגִין אִין דִיא גְרויסֶע וֶועלְט זִיךְ צוּא לַאסִין, מִיט דִיא הָאפְנוּנְג דָאס עֶר וֶועט אִיבֶּעראַהְל בֶּעקָאמֶען דִיא קְרֵייטֶער, זויא גוּט וִויא אִין דֶער וִויסְטֶע אִיהְם זַיין הוּנְגֶער צוּ שְׁטֶעלִין, זויא אִיז לִידֶערִיג גִינַאנְגֶען אִין פֶערְשִׁידֶענֶע גֶעגֶענְדִין דְרַייא טַאגֶען אַלֶעם נָאךְ

אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען וַאלד , אוּנד עֶר הָאט נאךְ אַלֶעס נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ קאמֶען צוּ אֵיין עֶנדֶע. אַם עֶנדֶע דֶעם פִירטֶען טָאג פְרִיה הָאט עֶר דָר הֶערט אֵיין קְלאפְּעֶרֵייא פָאן הַאמֶער'ס הָאט עֶר זיךְ גִיקֶערְט צוּ דֶר אַ שְׁטִימֶע פָאר דֶעם קְלאפִּין. אוּנד הָאט אַנְגִיפַאנְגִען צוּ גֵיין אַבִּיסֶעל פְרֵיילִיכֶער , אִין אֵיין קוּרְצֶע צֵייט הָאט עֶר דֶערְזֶעהֶען אֵיין רויךְ גֵייט אִיבֶּער דִיא בֵּיימֶער הָאט עֶר אַנְגִיפאנגען גֶעשְׁוִינְט צוּ גֵיין. אִין פֶערלוֹיף פָאן אֵיינִיגֶע מִינוּטִין אִיז עֶר גִישְׁטַאנֶען פִיר אֵיין גרוֹיסֶע שְׁמִידֶערַייא וִויא עֶס הָאט זיךְ דָארְט גִיקָאכְט וִויא אִין אֵיין (גיהנם) עֶס וַואהְר דָארְט צְווֶעלִיף שְׁמִידֶער גִיזֶעלִין צוּ דֶער אַרְבֵּייט אַלֶע הָאבִּין גִיאַרְבֵּייט זֶעהר פְלֵייסִיג מִיט דֶעם בְּפֶעהְל פָאן אֵיינֶעם וָואס עֶס גִיהֶערְט צוּ זַיין זֵייעֶר הֶער. אִיבֶּער דִיא שְׁמִידֶערַייא פַאבְּרִיק וַואהְר אֵיין שִׁילְד אוֹיפְגֶישְׁרִיבֶּען מִיט גְרוֹיסֶע בּוּכְשְׁטַאבִּין , שְׁמִידֶער פַאבְּרִיקַאנְט , מִימֶער פְלַאטֶנֶערְז , אוּנְזֶער לִידֶערִיג אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין , אֵיין קְלֵיינֶע צֵייט בֵּייא אֵיין בּוֹים פָאן דֶער וַוייטִין , זֶעהְר פַאר וואוּנדֶערְט , דֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהְל אִין זַיין לֶעבִּין , הָאט עֶר זיךְ גִיבְּרוֹיכְט מִיט מֶענְשֶׁען צוּ דֶער קֶענֶען . אוּנד אוֹיךְ דִיא אַרְבֵּייט הָאט אִיהְם זֶעהר פַאר וואוּנְדֶערְט . אוֹיבּ וָואהְל עֶר הָאט דֶער פָאן גֶעוִויסְט גַאנְץ גוּט , דֶען עֶר הָאט דָאךְ פִיהְל גִילֶעזִין. דָאךְ אַבֶּער וַואהְר עֶר נִיכְט דְרֵייסְט אוּנְד אִיז גִישְׁטַאנֶען וִויא אֵיין יוּנְגֶעס קִינְד.

וִויא עֶר זָא שְׁטֵייט בֵּייא דֶעם בּוֹים , זֶעהט עֶר וִויא עֶס אִיז אַנְגִיקָאמֶען אֵיין הֶעלְד אוֹיף אֵיין פֶערְד , זֶעהר שֵׁיהן בְּקְלֵיידֶעט , אוּנְד אִיז גִיבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין בֵּייא דִיא פַאבְּרִיק , פָאן זַיין פֶערְד , אוּנְד אִיז אַרוּפ גִישְׁפְּרוּנְגֶען , הָאט דָאס פֶערְד אָן גִיבּוּנְדֶען צוּ אֵיין בּוֹים , אוּנְד אִיז אַרוּנְטֶער גֶעשִׁיקְט פָאן פֶערְד דִיא לֵייצִין הָאט

עֶר אִיבֶּער גִיגֶעבִּין זַיין דִינֶער וואס אִיז מִיט אִיהְם מִיט גֶעקָאמֶען אוּנְד אִיז אַרַיין אִין דֶער שְׁמִירֶעַרַייא ׃

דֶער ווירְד מִימֶער הָאט גְלַייךְ גִיעֶפִינְט אֵיין שַׁאנְק, אוּנ הָאט אַרוֹיס גִינָאמִין אֵיין זֶעהְר שֶׁעהְנֶע שְׁוֶוערְד אוּנ הָאט זִיא דֶערְלַאנְגט דֶעם הֶעלְד אוּנ דֶער הֶעלְד הָאט אִים בֶּעצָאהְלְט אֵיין גָאלְד שְׁטִיק ׃ נַאכְהֶעַר אִיז עֶר שְׁנֶעל אַרוֹיף אוֹיף זַיין פֶּערְד ׃ אוּנ הָאט אַבְּגֶערַייזְט ׃ אִין אֵיין קוּרְצֶע צַייט אִיז דֶער הֶעלְד פֶּערְשְׁווינְדֶען פָאן לִידֶערִיגְס אוֹיגִין ׃ אִין פַאר וֶוייטֶערוּנְג פָאן וַואלְד ׃

וְויא לִידֶערִיג הָאט דֶער זֶ'הְן דִיא שֶׁעהְנֶע שְׁוֶוערְד ׃ הָאט עֶר זֶעהְר גְרוֹיסֶע לוּסט בֶּעקָאמְן זִויא אֵיין שְׁוֶוערְד צוּ הָאבִּין ׃ אוּנ הָאט אַנְגִיפַאנְגֶען צוּ קְלֶערִין וִויא אַזוֹי עֶר זָאל בֶּעקָאמֶען זִויא אֵיין שְׁוֶוערְד ׃

וַוייל אוּנְזֶער לִידֶערִיק הָאט נִישְׁט גִיהַאט קֵיין גָאלְד אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין זִילְבֶּער דָאס עֶר זָאל זִיךְ זִויא אֵיין שְׁוֶוערְד צוּ קוֹיפִין ׃ הָאט עֶר בַּייא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין זֶעלְבְּסְט זִיךְ צוּזַא מַאכִין. אוּנְד זִויא גְלַייךְ אִיז עֶר צוּ גִינַאנְגִין צוּ דִי וֶוערְגְשְׁטֶעלֶע אוּנ הָאט אַנְגִיפַאנְגֶען צוּ שְׁפְּרֶעכִין מִיט דֶעם הֶער מִימֶער פְּלַאטְנֶערְז ׃ אִיךְ מֶעכְטֶע זִויא אֵיין שְׁוֶוערְד הַאבִּין ׃ זִויא וִויא דֶער הֶעלְד הָאט בַּייא אִיהְן פִיהְר אֵיין שְׁטִיק גָאלְד גִיקוֹיפְט ׃ נוּר וַוייל אִיךְ הַאבֶּע קֵיין גָאלְד ׃ אוּנ נִיכְט קֵיין זִילְבֶּער דַאס אִיךְ זָאל קֶענִין אִיהְן בֶּצַאהְלִין ׃ אַלְזִויא בִּיטֶע זִיא מִיר צוּ עֶרְלוֹיבִּין פִיר זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ מַאכִין זִויא אֵיין שְׁוֶוערְד בַּייא אִיהְן אִין דֶער וֶוערְגְשְׁטֶעל ׃ אוּנְד מִיט אִיהְרֶע הַאמֶערְם ׃ אִיךְ וֶועְרְדֶע אַרְבֵּייטִין בֵּייא זִיא צְוֵוייא שְׁטוּנְדֶען טֶעגְלִיךְ ׃ אוּנְד דִיא רֶעסְט צַייט ׃ וֶוערְדֶע אִיךְ

אַרְבֵּייטִין פִיר אִיהְן דָאס ווִירְד זַיין אֵיין לוין פִיר דָאס אֵייזִין
וָואס אִיךְ בְּרויכֶע זִיא זָאלִין מִיר גֶעבִּין ·

אויף דִיא אויפְטְרַאגֶע וָואס דֶער יוּנְגֶער לִידֶערִיג הָאט
דֶעם הֶערר מִימֶער פְּרָאפָּאנִירְט , הָאבִּין אַלֶע אַרְבֵּייטֶער
אַנְגִיפַאנְגִין צוּ לַאכִין. דֶען עֶס הָאט בַּייא זַייא אוים גִיזֶעהְן ,
וִויא אֵיין קִינְדְהֵייט דָאס וָואס מֶעכְטֶע דֶער הֶערר מִיט
זוֹיא אֵיין קִינְד מַאכִין אוּנְד וִויא קָאן זוֹיא אֵיין יוּנְגֶע זִיךְ
אֵיין שְׁוֶוערְד מַאכִין, אוּנ דֶער הֶערר מִימֶער הָאט זִיךְ אוּם
גִיזֶעהְן אויף דִיא אַרְבֵּייטֶער שְׁטֵייבֶּעלְדִיג אוּנְד זָאגְט צוּ דֶעם
יוּנְגֶע , גוּט אִיךְ בֶּעשְׁטֵייא אויף אַלְלֶעם וָואס דוּא הָאסְט
מִיר פָאר גֶעטְרַאגִין נָאר בֶּעפָאהְר אַלֶעם מֶעכְטֶע אִיךְ זֶעהְן
צוּ דוּא הָאסט קְרֶעפְטִין דֶעם הַאמֶער פָאן מֵיינֶע פַאבְּרִיק
אויף צוּ הֵייבִין .

לִידֶערִיג הָאט זִיךְ אוים גִילַאכְט, אוּנ אִיז צוּ גִיגַאנְגֶען
נֶעהְנְטֶער צוּ דִיא אַרְבֵּייטֶער , אוּנְד נֶעמְט דֶעם גְרֶעסְטִין
הַאמֶער אוּנְד דֶעם שְׁוֶוערְסְטִין · וָואס נָאר אִין דֶער פַאבְּרִיק
אִיז גִיוֶועזִין , אוּנ הָאט אִיהְם אויף גִיהוֹיבִּין אִין דֶער הֵייךְ
אִיבֶּער זִיךְ זוֹיא לַייכְט וִויא מַאן הֵייבְּט אויף אֵיין פֶּעדֶער ,
נַאכְהֶער הָאט עֶר מִיט דֶעם הַאמֶער אַזֶעץ גִיטָאהְן אִין דֶעם
קְלָאץ , וָואס מַאן הָאט אויף אִיהְם גִיאַרְבֵּייט , זוֹיא גְלֵייךְ
אִיז דֶער קְלָאץ אויף צְוֵוייא צָאהְל אַרַיין אִין דֶער עֶרְד ,
בֶּעפָאר דֶער הֶער מִימֶער אוּנְד דִיא אַרְבֵּייטֶער הָאבִּין זִיךְ
אוּמְגִיזֶעהְן . הָאט עֶר נָאךְ צְוֵוייא קְלַאפְּ גִימָאהְן אִין דֶעם
קְלָאץ אִיז דָאס קְלָאץ אִין גַאנְצִין אַרַיין אִין דִיא עֶרְד ,
דָאס עֶס אִיז נִישְׁט גִיוֶועזִין צוּ עֶרְקֶענִין , צוּ עֶס וַואהְר
אויף דֶעם אָרְט אֵיין קְלָאץ .

דַאן הָאט לִידֶערִיג אַוֶועק גִילֵייגְט דֶעם האמֶער אוּנְד הַאט גִיזָאגְט צוּם וִוירְד, נוּא הֶערר וִוירְטְה, יֶעצְט קָאן אִיךְ שׁוֹין זַיין בַּייא אִיהְן אֵיין אַרְבֵּייטֶער ?

דֶער הֶער מִימֶער וִויא עֶר הָאט דָאס גִיזֶעהְן אִיז עֶר גִיוָוארֶען וִויא פַארְשְׁטֵיינֶערְט פָאן פַאר וִוינְדֶערוּנְג פָאן דֶעם יוּנְגְע. זוֹיא וִויא עֶר אִיז נָאר עֶטְוַואס צוּ זִיךְ גֶעקָאמֶען, זוֹיא אִיז עֶר צוּ גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם קְלָאץ, דֶען עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיוָואלְט צוּ גְלוֹיבִּין וָואס עֶר הָאט גִיזֶעהְן, לֵיידֶער דָאס קְלָאץ וַואהְר וֶוערְקְלִיךְ אִין דִיא עֶרְד, הָאט עֶר אָנְגִיפַאנְגִין דָאס קְלָאץ אַרוֹיס צוּ צִיהֶען, עֶס וַואהְר אַבֶּער אוּנְמֶעגְלִיךְ הָאט עֶר צוּ גֶערוּפִין אַלֶע אַרְבֵּייטֶער דַאס זֵייא זָאלִין אִיהְם הֶעלְפִין עֶס וַואהְר אָבֶער אוּם זָאנְסְט זֵייעֶר מִיה, זֵייא הָאבִּין אַנְגִיפַאנְגֶען פֶערְשִׁידֶענֶע פְאר טְהֵיילִין צוּ בֶּענִיצֶען, מַאן הָאט גִיבְּרֶענְגְט לִיוֶוערְס, דְרֶעננֶער, שְׁטְרִיק, אוּנ נָאךְ אַנְדֶרֶע פֶּערְשִׁידֶענֶע וֶוערְגְצֵייג, עֶס וַואהְר אַלֶעס אוּמְזָאנְסְט, עֶס הָאט אַלֶעס נִישְׁט גִיהָאלְפִין, דַאס קְלָאץ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פָאן אָרְט.

זוֹיא וִויא לִידֶערִיג הָאט גֶעזֶעהְן דָאס אַלֶע הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גוּט אָן גִיאַרְבֵּייטֶעט, הָאט עֶר אוֹיף זֵייא מִיטְלֵייד בֶּעקָאמֶען, אוּנְד הָאט זֵייא אֵיין צֵייכִין גִיגֶעבִּין דָאס זֵייא זָאלִין זִיךְ אָפְּרִיקֶען, אִיז עֶר צוּ גִיגַאנְגִין אוּנ הָאט דָאס קְלָאץ פָאן דֶער עֶרְד אַרוֹיס גֶעְרִיסֶען, זוֹיא לֵייכְט וִויא אֵיין גֶערְטְנֶער רַייסְט אַיין קְרֵייטֶער פָאן דִיא עֶרְד אַרוֹיס.

דַאס קָאן דֶער לֶעזֶער גוּט פַארְשְׁטֵיין, דָאס דֶער הֶער מִימֶער אִיז גְלֵייךְ נִישְׁט גֶענֵיגְט צוּ נֶעהְמִין לִידֶערִיקֶען, דֶען עֶר הָאט גִירֶעכִינְט צוּ הָאבִּין פָאן אִיהְם אַגְרוֹיס נוּצֶען.

בַּייא זָאלְכֶע קְרֶעפְטִין עֶר הָאט מִיט אִיהְם גְלַייךְ גִיעֶנְדִיגְט, אוֹיף דִיא זֶעלְבֶּע אוֹיפְטְרַאגֶע וָואס עֶר הָאט אִיהְם פַאר גֶעטְרָאגִין.

דֶער הֶער טִימֶער הָאט פוּרְכְט גִיהַאט, דַאס לִידֶערִיג זָאל נִישְׁט (חרטה) קְרִיגֶען זַיין וָוארְט עֶנְדֶערִין. נַאטִירְלִיךְ לִידֶערִיג הָאט גְעווּיס זַיין וָוארְט נִישְׁט גִיעֶנְדֶערְט, דֶען זַייא אֵיין עֶרְצִיהוּנְג וִויא דֶער לִידֶערִיג הָאט גִיהַאט בַּייא דֶעם אַבְּגִיזָאנְדֶערְטִין. זַייא פְרָאם אוּנְד זַייא אוּנְשׁוּלְדִיג וִויא עֶר וָואהְר, וַואר עֶר נִישְׁט אִין שְׁטַאנְד זַיין וָוארְט צוּ עֶנְדֶערִין, אוּנְד עֶבִּין הָאט עֶר זִיךְ אַרַיין גִיצוֹיגִין צוּ דֶעם הֶער טִימֶער. אַלְס דְרַייצֶעטֶער בַּייא אִיהְם אִין זַיין וֶוערְגְשְׁטֶעל.

אַלֶעס אִיז זֶעהְר גוּט גִינַאנְגִין. לִידֶערִיג הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעווֶעהְלְט אֵיין שְׁטִיק אַייזִין זָאלְבֶעס עֶר זָאל פַאר אִיהְם גוּט זַיין. אוּנְד אִין פֶּערְלוֹיף פָאן זֶעקְס וָואכִין, אָבֶּער נָאר צְוֶוייא שְׁטוּנְדֶען אִין טַאהְג לוֹיט וִויא זַייא הָאבִּין צְווִישֶׁען זִיךְ אַפּ גִימַאכְט, הָאט עֶר זַיין שְׁוֶוערְד פֶערְפֶערְטִיגְט. דִיא שְׁוֶוערְד הָאט גִיהַאלְטִין צְוֶוייא אוּנְד אֵיין הַאלְבּ עֶלֶע אִין דִיא לֶענְג דִיא הַאנְד אוּנְד דִיא קְלִינְג (מֶעסֶער) וַואהְר גִימַאכְט פָאן אֵיין שְׁטִיק, זַייא לַאנְג וִויא דֶער מֵייסְטֶער טִימֶער הָאט עֶנְזוּעסְטִירְט אִיז נָאךְ פָאן זַיין וֶוערְגְשְׁטֶעלֶע זַייא אֵיין שְׁוֶוערְד נִישְׁט אַרוֹיס גִינַאנְגִין, דִיא שַׁארְף וַואהְר זַייא הַארְט דַאס זַייא הָאט גִישְׁנִיטֶען אֵייזִין, זַייא וִויא הָאלְץ, אוּנְד דִיא הַאנְד פָאן דִיא שְׁוֶוערְד וַואהְר זַייא קִינְצְלִיךְ גִימַאכְט, דָאס מַאן הָאט גִיקֶענְט זָאגִין דָאס עֶס וַואהְר נִישְׁט קֵיין מֶענְשִׁין הַאנְד אַרְבֵּייט, נָאר אֵיין טֵייוִויל הָאט דָאס גִמַאכְט אוּנְ עֶר לִידֶערִיג הָאט דִיא שְׁוֶוערְד אָן גֶערוּפִין "בַּאלְמוּנְג",

זויא וויא דער הער מימער האט גיזעהן דיא שווערד
וויא קינסטליך זיא וואהר גימאכט זו א האט ער (מקנא)
גיוועזן בעניידעט דעם יונגען מאן . אונד האט בייא זיך
געטראכט דאס דער לידעריג וואס ער איז זויא געשיקט
אונד זויא שטארק ווען ער זאל זיך בעזעצין אין דער געגינד
אונד זאל אנפאנגין צו ארבייטין , וואלט איהם דאס געוויס
געקענט שאדין , דען ער וואלט מיט איהם געקענט
קאנקארירען , איבער הויפט וואהר איהם נאך פיהל
ערגער דאס ער האט דער הערט פאן לידעריגען איינע
ביטע דאס ער ווינשט זיך בייא איהם נאך ווייטער צו
בלייבין אויף דרייא מאנאטה דאס ער זאל זיך קענין נאך
גיוועהר מאכין , דאן וואהר דער הערר מימער זיכער דאס
ווען דיא העלדין וועלין זעהן לידעריקס ארבייט דאס ער
ארבייט זויא גוט אין שטארק , ווערדין זייא נאר וועלין
לידעריקס ארבייט , אונד זיינע ארבייט וועלין זייא נישט
וועלין קויפין .

איבער דעם האט דער הער מימער אויבער פלעכליך
נאר פאר גישטעלט , דאס ער ווינטשט זיך דאס לידעריג
זאל בייא איהם ווייטער ארבייטין , אונד איז בעשטאנען
אויף זיין ביטע דאס ער זאל בלייבין נאך אויף דרייא
מאנאטה , אבער אין ווארהייט (אמת) האט ער געזיכט איין
פאהרטייל וויא אזוי ער זאל פאן איהם לויז ווערין .

אין דיא זעלבע צייט וויא לידעריג איז ווייטער געבליבן
נאך אויף דרייא מאהנאטה , האט דער ווערג פירער
האנגען (זויא האט דער ווערגפירער גיהייסין) פארבט
געקריגען , דאס דער פרישער ארבייטער (דאס מיינט מען
לידעריגן) ער זאל נישט זיין שטעלע צו נעמין אלס ווערגפירער

דָעןּ עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט דָאס לִידֶערִיג אַרְבֵּייט בֶּעסֶער ווִיא עֶר , אִיז עֶר צוּ גִינַאנְגֶען צוּא דֶעם הֶער מִימֶער דַאן ווִיא עֶר הָאט גִיזֶעהֶען ווִיא עֶר קְלֶערְט זוִיא . הָאט עֶר צוּ אִיהְם גִיזָאגְט הֶער ווִירְטְה אִיךְ פַאר שְׁטֵייא נִישְׁט ווָאס זִיא זָענִין זוִיא פֶערְטְרַאכְט ? ווָען אִיהְן גֶעהְט אַן דָעם דָאס זִיא זָאלִין פָאן לִידֶערִינְגֶען לויז ווֶערִין , לָאז עֶר גֶעהְן אִין שְׁוַוארְצִין וַואלְד אַרַיין פִיר אוּנְז קוֹילִין אוֹיס צוּ בְּרֶענִין , פַאר גֶעוויס ווֶעט עֶר שׁוֹין פָאן דָארְט נִיכְט מֶעהְר צוּ רִיק קָאמֶען , דֶען דֶער (סְמָאק) ווִירְד אִיהְם דָארְט פִיר גֶעווִיס אוֹיף פְרֶעסִין .

דָעןּ עֶס וַואהְר ווִירְקְלִיךְ אִין דִיזֶען שְׁוַוארְצִין וַואלְד אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער (סְמָאק) אַיין סְמָאק אִיז אַיין טְהִיר (חיה) ווָאס הָאט אוֹיגִין ווִיא פַייעֶר , זֵייא שַׁיינֶען פָאן דֶער ווַייטִין , זוִיא ווִיא דִיא פַאנַארִין (לַאמְטֶערִין) פָאן דֶער אַייזִין בַּאהְן , אִין אַיין פִינְסְטֶערֶע נַאכְט , עֶר שְׁפְּרִיצְט פָאן זִיךְ פַייעֶר , עֶר אִיז זֶעהְר גְרוֹיס אִין שְׁטַארְק , עֶס אִיז אוּם מֶעגְלִיךְ דָאס אַיין מֶענְשׁ זָאל זִיךְ פָאן אִיהְם קֶענִין ווֶעהְרִין , דֶער סְמָאק הָאט שׁוֹין פִיהְל מֶענְטְשִׁין אוֹיף גִיפְרֶעסִין זוִיא דַאס אַיין מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין פָארְכְט גִיהַאט פַאר דֶעם וַואלְד פַאר בֵּייא צוּא גַיין , אַלְזוִיא לִיבֶּע לֶעזֶער קֶענִין זִיא גוּט פַאר שְׁטֵיין , ווִיא וַוייט דֶער ווֶערְגְפִירֶער הַאגֶען הָאט אִיהְם גִיוָואלְט אִיבֶּער פִירֶען , דֶען לִידֶערִיג הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דַאס אִין דִיזֶען וַואלְד גֶעפִינְט זִיךְ זוִיא אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶעס טִיהְר , דֶען עֶר פְלֶעגְט נִימַאלְס פָאן דֶעם אַבְגִיזָאנְדֶערְטִין ווֵייט אִין וַואלְד אַרַיין גַיין .

הֶער מִימֶער הָאט דִיא אוֹיפְטְרַאגֶע פָאן זַיין ווֶערְגְפִירֶער

זֶעהְר גוט גִיפַאלִין, אוּנְד זָאגְט צוּ לִידֶערִיגֶען מִיט אַפַּאלְשִׁין שְׁמֵייכִיל, לִיבֶּער לִידֶערִיג וִויר הַאבִּין שׁוֹין וֶועניג קוֹילִין. אַלְזוֹיא גֶעה אַיִין שְׁוַוארְצִין וַואלְד אַרַיין אוּנ בְּרֶען אוֹים עֶר זָאל זַיין אוֹיף אֵיין לַאנְגֶע צַייט אֵיין (זַאפַּאס) קוֹילִין.

זֶעהְר גוּט הָאט אוּנְזֶער לִידֶערִיג גִיאַנְטְוָוארְטֶעט, מָארְגִין פְּרִיה וֶועְרְדֶע אִיךְ גֶעהְן זוֹיא וִויא דֶער הֶער הֵייסְט מִיךְ.

דִיא קִינִיפְּטִינְגֶע נַאכְט אִיז הַאגֶען דֶער וֶוערְקְפִירֶער צוּ גִינַאנְגִין צוּ אוּנְזֶער אוּנְשׁוּלְדִיגֶען לִידֶערִיגֶען, אוּנְד הָאט אִיהְם גִיהֵייסִין דָאס עֶר זָאל גֵיין דִיא קוֹילִין בְּרֶענִין אוֹיף דִיא שְׁטֶעלֶע וָואס מַאן רוּפְט „טְרוֹירֶענְדֶע פֶּעלְזֶע“ (וֵויינֶענְדֶע סְקַאלֶע) עֶר זָאגְט אִיהְם דַאס דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דִיא שֶׁענְסְטֶע אוּנְד דִיא בֶּעסְטֶע בֵּיימֶער צוּ קוֹילִין.

הַאגֶען הָאט אִיהם צוּ פְּלֵייס אָן גֶעוִויזֶען יֶענֶעם אָרְט, דֶען דָארְט וַואהְר דִיא שְׁטֶעלֶע וִויא דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער סְמָאק הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען, אוּנ דָארְט וַואהְר אִימֶער דָאס גְרֶעסְטֶע גֶעפַאהְר.

נָאר לִידֶערִיג הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט דָאס הַאגֶען אִיז אִיהְם זוֹי אוּנְטְרֵייא (פַאלְשׁ) הָאט עֶר אִיהְם גִיבֶּעטִין דָאס עֶר זָאל אִיהְם גוּט אַנְצֵייגִין דָאס אָרְט, אוּנְד הָאט בֶּשְׁלָאסִין אוֹיף מָארְגִין פְרִיה הִין צוּ גֶעהְן אוּם דִיא קוֹילִין אוֹים צוּ בְּרֶענִין, עֶבִּין אוֹיף דִיא שְׁטֶעלֶע וִויא עֶר הָאט אִיהְם אָן גֶעוִויזֶען.

אוֹיף צוּ מָארְגִינְס וִויא עֶר הָאט שׁוֹין גִיוָואלְט אַרוֹיס

גֶעגֶען אִין וַואלְד אַרַיין, אִיז דֶער יוּנְגְסְטֶער אַרְבֵּייטֶער וָואס וַואהְר דָארְט אוֹיף דִיא לֶעהְרֶע. עֶר הָאט גֶיהֵייסֶן (פֶּעטֶערְס) עֶר וַואהְר זֶעהְר אַשֶׁענֶער יוּנְגֶע מִיט שֶׁענֶע הֶעלֶע בְּלָאנד לָאקֶען אוּנד אֵיין רוּנְדֶעס גֶעזִיכְט מִיט בְּלָאהֶע אוֹיגֶען; דֶער יוּנְגֶע וַואהְר זֶיא פִיהְל גוּט וְויא פִיהְל דִיא רֶעסְט וַואהְרֶען שְׁלֶעכְט, וַוייל עֶר וַואהְר דֶער יוּנְגְסְטֶער פָאן דִיא וַוארְגְשְׁטַאט, הָאט עֶר זֶעהר פִיהְל גִימוּזְט בַּייא זֶייא לַיידֶען. נָאר בִּיז צוּ דִיא צַייט וָואס לִידֶערִיג אִיז אַנְגֶעקָאמֶען צוּם הֶער מִימֶער, וָואס דַאן יֶעצְט אִיז לִידֶערִיג גֶעוָוארִין זַיין שִׁיצֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גִילָאזְט דֶעם אַרֶעמֶען יוּנְגֶע קַיין שְׁלֶעכְטֶעס טָאהְן.

וְויא דֶער יוּנְגֶער פֶּעטֶערְס הָאט גֶיהֶערְט וָואס דֶער הֶער מִיט דֶעם וֶוערְקְפִירֶער הָאבִּין זִיךְ אָן גֶעשְׁמִיסְט צוּ טָאהְן לִידֶערִיגֶען, אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ לִידֶערִיגֶען אוּנְד הָאט אִיהְם גִיוָוארִינְט דָאס עֶר זָאל נִישְׁט גֶעהְן אִיז דֶעם וַואלְד אַרַיין דֶען דָארְט אִיז דָא אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶער סְמַאק, עֶר קֶען אִיהְם גָאךְ אוֹיף פְרֶעסִין, אָבֶּער לִידֶערִיג הָאט זִיךְ נָאר אוֹיס גִילַאכְט, עֶר הָאט גִידַאנְקְט (פֶּעטֶערְסִין) פִיר זַיין גוּטְקַייט, אוּן הָאט זִיךְ פָארְט פָארְגִיבְּרֵייט צוּ דֶעם וֶועג. עֶר הָאט מִיט זִיךְ גִינָאמִין דֶעם (בַּאלְמוּנְג) זַיין שְׁוֶוערְד וָואס עֶר מֶעכְטֶע דִיא שְׁוֶוערְד פֶערְגֶעוִוים צוּ הוֹיזֶע אִיבֶּער גֶעלָאסְט, נָאר וַוייל פֶּעטֶערְס הָאט אִיהְם גִיזָאגְט. פָאן דֶעם סְמַאק הָאט עֶר דִיא שְׁוֶוערְד גִינָאמֶען מִיט זִיךְ. דֶער הֶער הָאט אִיהְם גֶעפְרַאגְט נָאךְ וָואס עֶר נֶעמְט דֶען (בַּאלְמוּנְג, הָאט עֶר אִיהְם גֶעאנְטְוָוארְט דָאס עֶר נֶעמְט דִיא שְׁוֶוערְד דִיא בֵּיימֶער אוֹיס צוּ הַאקֶין אוּם קוֹילֶין צוּ בְּרֶענְגֶען.

נַאכְהֶער הָאט זִיךְ לִידֶערִיג אוֹיס גִיפְּרֶעגְט בֵּייא הַאגֶען דֶעם וָועג צוּ דִיא ‚ווֵיינֶענְדֶע פֶעלְדְזִין' אוּנְד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִין וֶועג אַרֵיין זֶעהְר פְרֵיילִיךְ, זוֹיא וִויא עֶס מֶעכְטֶע גָאר נִישְׁט גִיוֶועזִין. וִויא עֶר אִיז צוּ גֶעקָאמֶען צוּ דֶעם אַנְפַאנְג פָאן וַואלְד הָאט עֶר זִיךְ גִיפְּרֶעגְט אֵיין דָארְפְס מַאן וָואס אִיז דַאן פֶערְבַּייא גִינַאנְגִין, וִויא מֶען גֵייט צוּ דִיא ‚ווֵיינֶענְדֶע פֶעלְדְזֶע' דֶען עֶר הָאט פָארְכְט גִיהַאט פִילֵייכְט וִוירְד עֶר זִיךְ אִירֶען (בְּלָאנְדְזִין) אִין וָועג. דֶער דָארְפְס מַאן הָאט גִירֶעכִינְט דָאס לִידֶערִיג וֵוייס נִישְׁט וָואס פַאר אֵיין אוּמְגְלִיק אִיהְם דָארְט וַוארְט, הָאט עֶר אִיהְם גֶעזָאגְט דָאס אִין דִיא פֶעלְדְזֶע אִיזְט אֵיינֶע נוֹרֶע (הֵיילֶע) פָאן אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶען סְמָאק, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין מֶעהְר וִויא הוּנְדֶערְט מֶענְטְשִׁין אוֹיף גֶעפְרֶעסִין. נוּר לִידֶערִיג הָאט אִיהְם גִיאַנְטְוָוארְטֶעט דָאס עֶר גִיבְּרוֹיכְט דָארְט אוֹיס צוּ בְּרֶענִין קוֹילִין. אוּנְד דָאס דָארְט גֶעהֶערִין צוּ זַיין זֶעהְר גוּטֶע בּוֹימֶער צוּ קוֹילִין בְּרֶענִין. אוּנְד וָואס אַן בֶּעטְרֶעפְט דֶעם סְמָאק וֶוערְדֶע אִיךְ אִיהְם דֶעם קָאפְּף אָפּ הַאקִין מִיט דֶעם ‚בַּאלְמוּנְג'.

דֶער דָארְפְס מַאן הָאט גִידֶענְקְט דָאס עֶר הָאט צוּ טָאהְן מִיט אֵיין אוּנְזִינִיגֶען (מְשׁוּגָעֶנֶעם) הָאט עֶר אִיהְם גִיצֵייגְט דֶעם וֶועג, אוּנ זֶעלְבְּסְט הָאט עֶר גִינָאמֶען דִיא פִּיס אוּנְטֶער דִיא אַרֶעמֶען, אוּנְד אִיז אַנְטְלָאפִין וִויא אַם שְׁנֶעלְסְטִין אוּנְד הָאט זִיךְ גִיקְרֵייצְט (גִיצֵיילֶעמְט).

אוּנְזֶער לִידֶערִיג אִיזְט אַרֵיין אִין וַואלְד. אוּנְד אִין פֶערְלוֹיף פָאן אֵיין קְלֵיינֶע צַייט הָאט עֶר אָן גִיטְרָאפִין זֶעהְר שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנִין דָאס עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד אוֹיף דִיא רִיכְטִיגֶע שְׁטֶעלֶע. דַאן עֶר הָאט

אויך פערקאנט אן דעם וואס עס וואהר אויף דעם וועג זעהר
פיהל מענשען ביינער וואס ווייטער ער איז געגאנגען האט
ער ווייניגער פלאץ געהאט צו געהן, דאס ער זאל ניט
אויף מענשען ביינער טרעטען.

ווייא לידעריג נאך עטוואס ווייטער אריין געהט טיפער
אין וואלד האט ער געזעהן איין שרעקליך גרויסען שטיין, אונד
אונטער דעם שטיין וואהר איין עפנונג אין דיא הייל אריין
דער גרויסער שטיין וואהר זעהר נאס פאן דעם וואסער
וואס איז געררינען פאן דיא (קוועלע) וואס וואהר איבער
דעם שטיין, האט ער גלייך פארשטאנען דאס דא איז דיא
וויינענדע פעלדזען, צו וועלכע מאן האט איהם אן געוויזען,
האט ער זיך אפגעשטעלט, אונד האט זיך אום געזעהן,
וועלכען בוים צו בענוצען צו קוילען. דען בייא לידעריגען
וואהר דער גרעסטער פליכט געהאט צו זיין זיין העריוס'
בעפעהל דאס ער זאל אום האקען דיא בייםער, וואס
וואחזען בייא דיא וויינענדע פעלדזען, זיין ערענטליכקייט
אונד אונשולדיגקייט האט איהם נישט גילאזט קיין ליגענד
זאגען, אונד נישט געהארזאם זיין, דען ער וואהר זעהר
פראם ערצויגען, אונד נאך דער צו איז איין וואלד
אבגיזאנדערט פאן מענטשען, דארום וואהר ער זעהר פראם
אונד אבער גלויביש, מאן קאן זאגען דאס לידעריג וואהר
זויא אונשולדיג זויא וויא איין ענגיל (מלאך), אלס דאן דאס
ער וואהר שוין איבער צייגט, דאס ער פינדעט זיך שוין אויף
דיא ריכטיגע שטעלע, זויא וויא זיין העער האט איהם
בעפוילען, האט ער זיך גינאמען צו דער ארבייט. אונד
איין האק מיט זיין באלמונג, האט ער דעם גרעסטען בוים

אום גילײַגט, אונד אין פּערלויף פֿאן איין פּערטיל שטונדע האט ער גיהאַט איין גרויסין שטויס מיט האָלץ וואָס ער האט עבין גלײַך אָן געצינדען.

דער ווײַל וויא לידעריג האט דעם ערשטין קלאַפּף גיגעבין, דאס עס האט געהילכט אין גאַנצין וואַלד, האט זיך דער סמאק אויף גיהאָבּט אונ האט זיין קאָפּף פֿאן זיינע נוֹרע (היילע) אַרויס גישטעקט, וויא לידעריג האט דער זעהן דעם שרעקליכען קאָפּף מיט דיא צוויא פֿייערדיגע אויגין, ער האט זיך אָבער גאר נישט ערשראָקין, אונ איז זיך ווײַטער גישטאַנין בײַא זיין אַרבּייט, דען ער האט זיך גימראַכט דאס עס ווירד צייט זיין דיא אַרבּייט אַוועק צוא לייגין, ווען ער וועט נעהנטער צוא איהם צוא קאָמען.

לידעריג האט גיוואַרט דאס ער זאל צוא איהם צוא קאָמען, ער האט זיך גאר נישט גיקענט ערוואַרטין דער סמאק איז אַלץ גיזעסין אויף זיין אָרט, לידעריג האט גאר נישט גיקאָנט פֿאר שטיין, וואס דאס קאן זיין, וואָס דער סמאָק גייט פֿאן זיין נוֹרע נישט אַרויס, צוא דאַפּיר וואָס ער איז זאַט אָדער דאס ער האט נעוויסט מיט וועמען ער האט צו טאָהן, גענוג דער סמאָק איז זיך גיזעסין, אין זיין נוֹרע אונ האט אַרויס גיקיקט, אין דיא גאַנצע צייט וויא ער האט דאס האָלץ צו האַקט, אונ האט זיך אַשטויס גימאַכט, אונ האט דאס אָן גענצינדען, נאר וויא ער האט דער זעהן דאס פֿייער, האט דער סמאָק אָנגיפאַנגען צוא ריצען אונ צו שפּריצען מיט פֿייער, זויא שרעקליך, אונ זויא שטאַרק, דאס איין אַנדערער אויף לידעריגס שטעלע,

מֶעכְּט אִין דִיא עֶנְדֶע פָאן דֶער וֶועלְט אַנְטְלוֹיפִין .

נָאר לִידֶערִיג הָאט זִיךְ מִיט דֶעם נִישְׁט צוּ פְרִידֶען גֶעלָאזְט , עֶר הָאט דֶעם סְמָאק נָאךְ מֶעהְר גִיוָואלְט צוּא רֵייצִין . הָאט עֶר גְלֵייךְ גִינָאמֶען (עֶר הָאט זִיךְ נָאר נִישְׁט גֶעשֶׁעהמְט) אֵיין פֵייעֶרְדִיגֶע קוֹיל , אוּנ הָאט זִיא גֶעוָוארְפִין צוּא דֶעם סְמָאק

זֹויא אֵיין דְרֵייסְטֶער רוּהְף , וְויא מִיט דִיא קוֹיל וַואהְר , הָאט דֶעם סְמָאק דֶער בֵּייזֶערְט אִיז עֶר גְלַייךְ אַרוֹיס גִיקְרָאכִין , עֶר הָאט זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרִיט גִישְׁטָעלְט , אוּנ מִיט דִיא פְלִיגֶעל גֶעפָאכְט גְרַאדֶע צוּא לִידֶערִיגֶען , דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט לֵייֶדער נָאר אֵיין זִיפְץ גִימָאהְן אִין הָאט דִיא אוֹיגִין צוּ גָאט אוֹיף גִיהוֹיבִּין , אוּנ אִיז דֶעם סְמָאק נָאךְ אַקֶעגִין גִיגַאנְגִין .

דַאן הָאט זִיךְ אַנְגִיפַאנְגֶען אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶער מָארְד , אֵיין צַאנְקֶערֵייא , צְווִישֶׁען דֶעם סְמָאק אוּנְד לִידֶערִיגֶען , דָאךְ הָאט לִידֶערִיג אִיבֶּער הוֹיפְּט , אוּנ הָאט דֶעם סְמָאק אֵייניגֶע מָאהְל מִיט דֶעם (בַּאלְמוּנְג) שְׁוֶוערְד רַאנִירְט , זֹויא וֵוייט דָאס דֶער סְמָאק הָאט זִיךְ אוֹים גֶעדְרֵייט צוּא זַיינֶע הֵיילֶע אוּם צוּא אַנְטְלוֹיפִין , אוּנְד הָאט פֶערְלָאזְט דֶעם שְׁלַאכְט פְּלַאץ אִיבֶּער לַאסֶענְט זֶעהְר אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶען (טֵייךְ) מִיט בְּלוּט , דֶער בַּייא הָאט עֶר זֶעהְר שְׁרֶעקְלִיךְ גֶערִיצֶעט , אוּנְד גֶעווֶיעֶט דָאס אַלֶע טְהִירֶע פָאן צְוֵוייא מֵיילִין פָאן וֵוייטִין הָאבִּין זֵייעֶרֶע בֶּעהֶעלְטְנִיסֶע פֶערְלַאסְט אוּנְד זֶענִיז אַנְטְלָאפִין , נָאר אֵיין שְׁפִּיהְל פוֹיגִיל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִימֶער דִיא גַאנְצֶע צֵייט פָאן דֶער שְׁלַאכְט , אוֹיף אֵיין

צווַייגעלֶע זיצֶען , איבֶּער דֶעם קָאפּף פָאן לִידֶערִיגֶען , אוּנְד הָאט אִיהְם אִימֶער מוּהְט צוּ גִיגֶעבִּין , מִיט זַיינֶע לִידֶער .

וויא דֶער סְמאק איז אִין זַיינֶע הֵיילֶע אַריין , הָאט לִידֶעריג גֶענוּמען אֵיין שְׁטִיק בְּרֶענעְנְדִיג הָאלְץ , אוּנ אִיז אַרַיין אִין דִיא הֵיילֶע , אוּנד אִין פֶּערלויף פָאן אֵיינֶע קְלֵיינֶע צַייט אִיז עֶר אַרוֹיס גִיגַאנגען פָאן דיא הֵייל מִיט דֶעם קָאפְּף פָאן סְמאק אִין דִיא הֶענְד . זויא וויא דוד המלך הָאט גִיטְרָאגִין דֶעם קָאפְּף פוּן גלִית הַפְּלִשְׁתִים . .

דַאן וְויא דֶער שְׁפִּיל פוֹיגִיל הָאט גִיזֶעהְן וויא לִידְעריג , הָאט אִיבֶּער הוֹיפְט , הָאט עֶר אַנְגִיפַאנְגֶען צוּ זִינְגֶען .

פִיר דֶעם גוּטען לִידֶעריג אֵיינֶע לוֹיבֶּע ,
פִיר דֶעם יוּנְגֶען מַאן וָואס אִיז וְויא אֵיינֶע טוֹיבֶּע ,

דֶער וָואס הָאט זִיךְ צוּ גָאט בֶּעהֶעפְטִין ,
אוּנ הָאט גִירֶעכִינְט אוֹיף זַיינֶע קְרֶעפְטִין ,

דֶער זָאל זִיךְ זַיין אַנְצוּג אוֹיס טוּהֶען ,
אוּנְד לָאז אִין דֶעם בְּלוּט פָאן סְמָאק רוּהֶען .

ווִירְד אִיהְם נִיכְט קֶענִין קֵיין גִיזָועהְר רַאנִירֶען ,
זויא לַאנְג וְויא עֶר ווִירְד אוֹיף דִיא וֶועלְט עֶנְזִיסְטִירֶען .

דֶער גוּטֶער לִידֶעריג הָאט נִישְׁט גִישֶׁענְט דִיא רַאטְהְ פָאן שְׁפִּיל פוֹיגִיל , עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ זַיין אַנְצוּג אוֹיס גִיטָאהְן (וָואס אִיז בֶּעשְׁטַאנִין נָאר פָאן אֵיין פֶעל) אוּנ אִיז גְלַייךְ צוּ גִיגַאנְגֶען וְויא עֶם וַואהְר אֵיין טַייךְ פָאן בְּלוּט , אִין דִיא

זָעלְבֶּע מִינוּט אִיז אֵיין בְּלֶעטיל פְּאן אֵיין בּוים אַרוּנטֶער גִיפַּאלִין, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אִיהְם אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶע וָואס וַואהְר זֶעהְר פַּאר שְׁוֵויצְט אָן גִיקְלֶעפְּט. עֶס אִיז גָאר קֵיין וואוּנְדֶער נִישְׁט וָואס עֶר וואהְר פַּאר שְׁוִויצְט, דֶען עֶר הָאט גִיהַאט מִיט וֶועסֶען צוּ שְׁטְרֵייטִין.

לִידֶערִיג הָאט זִיךְ גְלֵייךְ, אוּנְטֶער געטִיקְט אִין דֶעם בְּלוּט פְאן דֶעם סְמָאק, זוֹיא גְלַייךְ אִיז זַיין קֶעפֶּער גִיוָוארִין מִיט שִׁיפֶּען, זוֹיא וִויא אֵייז פַּאנְצֶער, נאר אוֹיף דִיא שְׁטֶעלֶע וִויא עֶס וַואהְר דָאס בְּלֶעטִיל, אִיז גֶעבְּלִיבֶּען זוֹיא וִויא פְרִיהֶער.

דֶעם זֶעלְבִּין טאג בַּייא נַאכְט וִויא דִיא קוֹילִין הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין אוֹיס גִיבְּרֶענְט, הָאט עֶר דִיא קוֹילִין אִין אֵיין זַאק אַרַיין גִילֵייגְט, אוּנ הָאט דֶעם זַאק גֶענָאמֶען אוֹיף זַיינֶע (שׁוּלְטֶערִין) פְּלֵייצֶעס, אִין דֶעם בַּאלְמוּנְג הָאט עֶר אָהְן גֶעטאהְן, דֶעם קָאפְּף פאן סְמאק הָאט עֶר גִינִימֶען אִין דֶער הַאנְד אַרַיין אוּנ הָאט אַנגִיפאנְגֶען צוּ גֵיין צוּא דִיא (קוּזְנִיע) שְׁמִידֶערַייא פָּאן זַיין הֶערר מִימֶער, וָואס אוֹיף צוּ מָארְגִינְס אִין דֶער פְּרִיה אִיז עֶר אַהִין גִיקָאמֶען,

לִיבֶּע לֶעזֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט אוּנ שְׁטאנְד מִיט מֵיינֶע פֶּעדֶער אַרוֹיס צוּ שְׁרייבִּין, דָאס פַּאר וואוּנְדֶערוּנְג פאן הֶערִין מִימֶערְס אַרְבֵּייטֶערְס, אוּנְד פְּאן הֶערִין מִימֶער זֶעלְבְּסְט, דֶען זֵייא הָאבִּין שׁוֹין נִישְׁט מֶעהְר גִירֶעכִינְט לִידֶערִיגֶען צוּ זֶעהְן.

לֵיידֶער נִישְׁט יֶעדֶער הָאט אִיהְם גֶערִין גֶעוִוינְשְׁט, נָאר זֵייא וַוארִין גִינֵייט אִיהְם פְרֵיינְדְלִיךְ צוּ גְרִיסֶען, אִיבֶּער הוֹיפְּט

האַגען דער וועריגפּירער, וואָלט אין זיין גאַנץ לעבּין נישט געוואָלט דאס לידעריג זאָל בּעמערקין זיין פאַלשהייט, דען אַלע האָבּין פאַרכט געהאט פיהר איהם.

דאָך האָט דער הער אונד דער וועריגפּירער גיקלערט. וויא אַזויא איהם אויף עם נייעס פאָן דער וועלט אום צו בּרענגין. אונד האָבּין אַנגיפאַנגין צו קלערין וויא אַזויא איהם אין איין פריש אומגליק אַריין צו פירען.

לידעריג האָט גאנץ נוט בּעמערקט זייער מיינונג, האָט ער זיא איבּער גילאָזט מיט זייער מיינונג אונד האָט עבּין דעם זעלבּין טאָג, דעם הער מימער דיא שטעלע אָפּגיזאָגט, אונד האָט איהם גיזאָגט דאס ער האָט זיך בּערעכינט אונד ווינטשט זיך צו נעמין זיין שוועסטר וואס ער האָט זיא גערופין באַלמונג, וואָס ער האָט שוין אַצייט פיר איהר אַפּגיאַרבּייטעט, אונד אַוועק צו לאַסין זיך אין דער וועלט אום זיין גליק צו זוכין, זויא וויא דיא העלדין מאַהן וואס קויפין דא אימער גיוועהר.

דער הער מימער איז געווען בּעשטאַנען אויף דעם וואס ער גייט זיין פאַבּריק פערלאַסין, נאר ער האָט גירעכינט דאס ער ווירד וועניג האָבּין נאָר איין שוועסטר, דען זויא איין העלד וויא לידעריג געבּרויכט צו האָבּין איין פאַנציר. נאר לידעריג האָט אויף גיקלערט דאס ער האָט זיך גיבּאָדין אין בּלוט פאָן דעם סמאק, האָט ער גקריגען שפּין אויף דעם לייב זויא וויא איין פאַנצער. נאר אויף איין שטעלע וויא איין בּלעטיל איז איהם [illegible] פאַלין. איז געבּליבּען אָהנע שפּין.

דער הער מימער אונד האגען מעכטין גערין וויסען וויא דיא שטעלע איז וויא דאס בלעטיל האט זיך איהם אן גיקלעפט, נאר זייא האבין פארכט געהאט איהם צו פרעגין, דעו ער קאן זיך נאך בעמערקין זייער פאלשקייט, אלזויא האבין זייא זיך מיט לידערינגען געזעגינט מיט זעהר איין פריילכע מינע, אבער אין הערץ האבין זייא געמיינט אנדערש ...

זויא וויא לידעריג האט זיך גיזעגינט מיט זיינע קאמראדין אונד מיט זיין הער, זויא האט ער זיך אום גיזעהן, אונד האט געזיכט (פעטערסין) דעם לערין יונגע, מיט איהם זיך צו גיזעגינען, ליידער האט ער איהם נישט געפינען.

נאר אשטיק וועגס פאן דער שמידערייא האט ער גיטראפין פעטערכין [illegible]ין אונטער איין בוים וואס ער האט עבין אויף איהם גיווארט, אונד זויא וויא פעטערס האט איהם דער זעהן, זויא איז ער צו איהם צו גילאפין, מיט אנעשרייא אונד אגיוויין.

ברודער זאגט ער וויא ער מעכט זיין גלייכין גיוועזין. אלע ארבייטער אין דיא ווארגשטאדט זענין מיר דיא גרעסטע אומפריינדע, דארום ווייל איך דיך ליהב האבע. אלזויא האבע איך פורכט צו ריק צו געהן ווען דוא וואלסט מיך מיט דיר מיט נעהמין אבוואהל איך בין שוואך, בין איך דאפיר זעהר שטארק ווען דוא מיך קענין וועריין, אונד איך וועל דיך דאפיר בעדינען.

קאם מיט האט לידעריג איהם געאנטווארטעט. איז לידעריג צו זאמען מיט דעם קליינעם פעטערסין

אנגיפאנגין צו געהן, זעהר צו פרידען אונד מיט פיהל
פריידען זייא האבין זעלבסט נישט געוויסט וויא אהין זייא
גייען, זויא זענין זייא גינאנגין צו זייא וואכין, זייא האבין
נאר גילעבט פאן פערשידענע קרייטער (געוויקסע) וואס
עס געפינט זיך אין וואלד, זייא האבין געטרינקען וואסער,
אונד זענין נעבין גישלאפין אונטער ביימער, אדער אונטער
גרויסע שטיינער האפינט צו דעם (עוויגען) ליבען גאט ואס
זיי ער שיקזאהל, האבין זייא אין זיינע מאכט איבער גיגעבין.

דען פונפצעטין טאג פאהר אבענד האבין זייא זיך
מיט אריין גילאזט אין איין שטהגעס גידאכטעס וואלד.
אזויא וויא זייא זענין נאר אין וואלד אריין גיקאמען, האבען
זייא דער הערט אלארעם פאן הינד, אונד איין שטימע (קול)
פאן אבט טראמייטין, האבין זייא זיך גענומען צו גיין אויף
דיא זייט פאן וואנען דיא שטימע איז גינאנגין. לידעריגען
האט דיא שטימע פאן דיא טראמייטין אונטער גיהויבין,
עס האט זיך איהם גידאכט דאס מאן רופט איהם צו איין
שטרייט (מלחמה) .

זויא געענד זענין זייא ארויס גיקאמען אויף א שטיק
אוים גיהאקט וואלד, וואה לידעריג האט גלייך בעמערקט
וויא איין שרעקליכער ווילדער שוויין (חזיר) איז גישטאנין
אן [illegible]הט אויף צווייא לאפעס אונ האט גיריצייט אויף
איי[illegible] הינד וואס האבין אויף איהם געבילען. אין דיא
זעלבע מינוט איז אן גיקאמען צו רייטין איין העלד (ריצער)
אויף איין טהייער פערד, אונד מיט זעהר שענעם גיוועהר
אן געצירט. דער העלד האט אלע יעגער איבער געיאגט,
אונד מיט צווייא מאהל אוים שיסען האט ער זיך גיווארפין

אויף דעם דזיק, אונד האט דרייסט אַזעץ געגעבין מיט זיין גיװעהר, אַבער דער ווילדער שווין, דורך דעם שמערץ וואס ער האט גיהאט, האט ער זיך גלייך גיװארפין אויף איין הונד אונ האט איהם צו ריסען. נאך דעם האט ער זיך אוים גידרייט פאן דיא הינד אונ האט זיך גיװארפין אויף זיין פיינד אונד איז באלד אַרונטער אונטער דעם פערד, אונד האט דאס פערד גיראַנירט, זויא וייט דאס דיזעס פערד איז גלייך אַנידער גיפאלין, אונד דער רייטער איז געבליבען אונטער דעם פערד. זויא באלד האט זיך דער שווין געוואלט נעמין צו דעם וואס ער האט איהם גיראַנירט, נאר אַזויא וויא מיט איין ווינט אין איין סעקונדע האט זיך לידעריג געווארפין צווישען דעם העלד אונד דעם שווין, אונד מיט איין זעץ דעם שווין מיט זיין באַלמונג, האט ער דעם שווין אויף צווייען צו שניטען.

נאכהער האט זיך לידעריג געקערט צו דעם העלד וואס ער האט איהם זיין לעבין גערעטעט, אונד האט איהם פאן אונטער דעם פערד אַפער גישלעפט. איבער דיא צייט האט (פעטערס) דעם ווילדען שווין דעם קאפף אַרונטער גענאמען אונד האט איהם לידעריגען דער לאַנגט, וואס לידעריג האט איהם גילייגט פאר דיא פיס פאן דעם העלדישעו רייטער, זויא וויא עס מעכטע איהם פאן גערעכט גיקאמען.

אין דיא זעלבע מינוט זענין דיא רעשט רייטער פאן געיעהג אַן גיקאמען, אונ יעדער איז פאן זיין פערד אַרונטער געשפרינגען, אונ האבין גלייך זיך געפרעגט ביא דעם הערליכען רייטער צו ער איז ניכט גאט בעהיט

ראנירט, אָבער דער העלד אויף דעם אָרט וואס ער האט גיבראויכט זייא צו בעאַנטוואָרטין, האט ער זייא פאָר גישטעלט דיזען מאן וואס האט איהם גירעטעט פאָן טויט, דאס מיינט מען לידעריגען, אונד זאגטע לאסען אלע וואס זענין צו פרידען פאָן דעם וואס איך לעהב אונד בין גיזונד, דאנקען דעם יונגען מאן וואס איהם האב איך מיין לעבין צו פאר דאנקין.

זויא פאָרט האבין אלע רייטער ארום גינאמען דעם יונגען מאן (לידעריגען) אונד האבין איהם בעוואָרפין מיט פיהל דאנקונג אונד מיט פיהל לויבונג, אָבער לידעריג האט דאס אלעס אויס גיהערט אונד האט גישוויגען. ער וואהר זעהר פארוואונדערט אויף דעם וואס אלע דאנקין אונד לויבען איהם זויא, פאר דעם וואס ער וואהר בייא איהם גאנץ איינפאך אונד גאנץ נאטירליך.

וויא זייא האבין איהם זויא גידאנקט אונד גילויבט אהנע אויף העד, האט זיך לידעריג גיטראכט דאס ער מוז זיין צווישען אונזיניגע (משוגעים), האט ער זיך גיפרעגט אין וואס פאר איין געזינד ער פינדעט זיך אונד ווער איז דער וואס ער האט איהם זיין לעבין גערעטעט.

האט מאן איהם בעאנטווארטעט דאס ער פינדעט זיך אין דעם וואלד וואס ער היסט דע ברוו, אונד דעם וואס ער האט זיין לעבין גירעטעט, איז דער קעניג דאגאבערט אליין.

לידעריג האט עבין איין מאהל שוין גיהערט פאן דעם פערשטאנד, אונד פאן דעם העלדישקייט (דאס ער איז

איין איש מלחמה) פאן דעם קעניג , ער האט אויך געוויסט דאס זיין נאמען בעדייט אויף טעמאטאנישע שפראך גליינצענדע שווערדין . אלזויא איז לידעריג צו גענאנגין צו דעם קעניג זעהר ארטיג , אונ איז געפאלין אויף דיא קניא , אונד האט צו איהם גירעט זעהר שעהן אונד פארשטענדליך , זויא וויא עס גיהער צו איין קעניג , דאס דער קעניג דאנגאבארד האט פארשטאנין דאס ער האט גיהאט צו טאהן מיט איין יונגען מאן , פאן גרויסע הערקונפט (שטאנד) דען זיין אנציג האט אויף זויא איינעם ניכט אוים געוויזען . אלזויא האט דער קעניג לידעריגען אויף גיהויבין פאן דער ערד אונד האט איהם גיפראגט ווער ער איז אונד פאן וואנען ער קאמט ? האט לידעריג גיאנטווארטעט , גנעדיגער הער קעניג , ליידער ! איך קאן נור איין אנטווארט געבין אויף דיא צווייטע פראגע איך קאמע פאן דעם וואלד וואס מאן רופט עס סאן-מערסיא , וואס עס פינדעט זיך נעבין דעם וואלד , פאן דעם פירסט ידע-באק, איך וואהר אומגיפעהר זעקס וואכין אין דיא שמידעריא פאו הערר מימער , האבע איך מיר דיזע שווערד זעלבסט גימאכט , אונ וואס אן בעטרעפט מיך ווער איך בין , וויים איך זעלבסט נישט , איך וויים נאר , דאס איין גוטער אבגיזאנדערטער , האט מיך געפונען , אין וואלד צווישען געוויקסע , וואס דער גוטער פראמער אבגיזאנדערטער האט מיך ערצויגין , אונ האט מיך גילערינט פערשידענע קענטניסע , וואס ער וואלט מיך נימאלס קאן זיך אוועק גילאזט , נאר נאך דעם טויט פאן דעם אבגיזאנדערטין , האט מיר איין שפיל פויגיל געזאגט דאס דער ערשטער פערפליכט פאן איין מענטש דיא אויגין פאן איין מוטער

צו צוא מאכין, נאר ווייל איך קאן נישט מיין מוטער, האב איך אויף מיר גענאמען. דאס איך זאל מיין מוטער אויף זוכין, האפענט צו דעם ליבען גאט, דאס ער וירד מיר העלפין, אונ דער ליבער גאט האט מיר גיהאלפין, מיט דעם וואס ער האט מיינע פיס געפירט, אין דיזען וואלד אריין, וויא איך האב גיקענט רעטין דאס לעבין פאן זוא איין גרויסין גערימטען קעניג.

דוא האסט רעכט מיין קינד, האט דער קעניג דאנגעבערט איהם געאנטווארטעט. דען פיליכט ווערדע איך נאך קעניז זאנין דיר וואס דוא ווייסט נישט, דער קעניג האט זיך אוים גידרייט צו דעם גרויסין גייסטליכען (גלך) דע נא יאן, וואס ער וואהר זאץ-מיינסטער אונד מיניסטער, אונ זאגט צוא איהם-עליגיאשא, וואס האסט דוא גימאכט מיט דעם בריף, וואס מען האט ערהאלטין הייטע פאן דיא גרעפין, דע דיאן (ערמאנגארדע דע סאלוואדר)? וואס וויר האבין זיא פיר איין געשטארבענע גערעכינט, וואס אבער אונ דיא צייט וואהר זיא אין געפענקעניס ביא דעם פירסט דע-באק, דא איז ער, גענעדיגער העדר, האט עליגיאש געאנטווארטעט.

דאס וואהר איין בריף, וואס אין פערלויף פאן אכצין יאהר, האט דיא גרעפין דע-דיאן איין גילעגינהייט בעקאמען, איין בריף צו שיקען דעם קעניג, דורך איינעם פאן דיא העלדין, פאן דעם פירסט דע באק, וואס זיא האט איהם איבער גיקויפט, מיט איין רינג פאן איהרע פינגער וואס דיא רינג איז ווערט גיוועזין זעקס טויזענד פונד סטערנעזישע, דיזע מאנעטעס ווארין געשלאגין, אין דיא

שטאדט טאור אין פראנקרייך , דער קעניג האט גינאמען דעם בריף צום לעזין , אונ האט איהם אין גאנצין דורך גילעזין .

דאס וואהר דאס בעשרייבונג וואס עס האט זיך געטראפין מיט דיא געפאנגינע , אויך איהר מאן אין וואלד סאן—מערסיא .

זויא וויא איך האב מיך פאן מיין פערד אראפ גערוקט האב איך מיין קינד (עס וואהר איין יונגע) איך איין פאר וואקסין ארט אנידער געלייגט , אונד וויא איך האב איהם איבער גיגעבין , אויף דיא אויבאכט פאן דעם ליבען גאט בין איך צו ריק גינאנגען , אויף דיא שטעלע , וויא איך האב מיין ליבען מאן איבער גילאסט. ליידער איך האב איהם אבער ראנירט אן גיטראפין , וואס ער איז דיא צווייטע נאכט גישטארבין פאן יענער צייט אן בין איך גיווארין איין געפאנגענע פאן דעם פירסט דע באק , אונ ביז הייטע וויל איך נישט הערין , פאן אונס קויפין זיך מיט מיין פערמעגין , וואס דער פירסט פערלאנגט נאר דאס , איך קאן דאס אבער נישט טאהן , דען דאס פערמעגין איז נישט מיין , נאר מיין זאהנס , איינענטום מיין איינציגעס קינד , וואס דאס פערמעגין קאן נאר איין קינד נאך דעם אנדערין ערבין (ירושה) .

אלס דאן ביטע איך דעם קעניג דאנאבערג—ניכט דאס ער זאל מיך בעפרייען פאן דעם געפענקנים , דען איך פערלאנג ניכט , דאס דער הערר קעניג זאל זיך בעמיהן צו קריגען מיט זיא איין שרעקליכען העלד , וויא

דֶער פִּירְסְט דֶע–בָּאק אִיזְט.

נָאר דָאס דֶער הֶער קֶענִיג זָאל בֶּעפֶעהְלִין צוּ זוּכִין מַיין זָאהְן, אוּנ וֶוען עֶר לֶעבְּט מוּז עֶר גֶעווִיס שׁוֹין הָאבִּין אַכְצֶעהְן יַאהְר, אוּם אִיהְם אָפּ צוּ גֶעבִּין זַיין עֶרְבּוּנְג נָאךְ זַיין פָאטֶער אוּנְד מַיין מַאן דָאס פֶערְמֶעגִין ·דְיָאן׳ ·

מַיין זָאהְן צוּ עֶרְקֶענִין קָאן מַאן נָאר ·דוּרְךְ דֶעם מֶעדַאלְיָאן וָואס אִיךְ הָאבּ אִיהְם אוֹיף זַיין הַאלְדְז אָן גִיהַאנְגִין אוּנְד מַיין מֶעדַאלְיָאן מִיט מֵיינֶע פַאמִילִינֶע מָאנָאגְרַאם גֶעבִּין דֶעם.

מִיט אַכְטוּנְגְם פָאלל עֶרְמַאנְגַארְדִיא.

לִידֶערִיג הָאט זִיךְ צוּ גִיהֶערְט ווִיא מַאן הָאט דֶעם בְּרִיף גִילֶעזִין מִיט צוּ זַאמֶען גֶעלֵיינְטֶע הֶענְד, אוּנְד מְרֶערִין זֶענִין אִיהְם פָאן דִיא אוֹיגִין גֶערִינֶען, דֶעז דֶער קֶענִיג הָאט גֶעלֶעזִין הָאט עֶר אִין דֶער מִיט נִיכְט גִיקֶענְט אִיבֶּער שְׁלָאגִין, נאר עֶר הָאט גֶעוַוארְט בִּיז מַאן ווִירְד דָאס לֶעזִין עֶנְדִיגֶען. זויא ווִיא מַאן הָאט נָאר גִיעֶנְדִיגְט זויא הָאט עֶר גִיגֶעבִּין אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶען גֶעשְׁרֵייא פָאן פְרֵיידֶע אוּנְד הָאט זִיךְ אַוֶועק גִימַאכְט פַאר זַיין הֶערְץ דִיא פֶעל וָואס עֶר הָאט גִיטְרָאגִין, אוּנד הָאט גִיצֵייגְט דֶעם קֶענִיג דֶעם מֶעדַאלְיָאן מִיט דֶעם רִיכְטִיגֶען מָאנָאגְרַאם אוּנְד דֶען...

דֶער קֶענִיג דַאנָאבֶערְט הָאט גִיוָואלְט בַּאלְד זֶעלְבְּסְט בֶּעשְׁטְרָאפִין דֶעם פִּירְסְט דֶע–בָּאק פַאר דֶעם וָואס עֶר הָאט עֶרְמָארְדֶעט דֶעם גְרַאף סַאלְוַואטָאר, אוּנְד פִיר דַאס גִעשֶׁענְקֶענִישׁ פָאן זַיינֶע פְרוֹיא עֶרְמַאנְגַארְדֶע, נָאר לִידֶערִיג אִיז גִיפַאלִין דֶעם קֶענִיג צוּ דִיא פִיס, אוּנְד הָאט גִיבֶּעטִין

דָאס עֶר זָאל אִיהְם עֶרְלויבּין זֶעלְבְּסְט (נוקם) זַיין אֵיינֶע רַאכֶע פָאן זַיין פָאטֶער אוּנְד טוֹטֶער צוּ זוּכִין ׃

דֶער קֶענִיג הָאט אִיהְם עֶרְפִילְט זַיין פֶערְלַאנְג , אוּנְד הָאט לִידֶערִיגֶען זַיין פְּרַאוָואלֶעגִין גֶעגֶעבִּין דָאס עֶר זָאל פִינַאנְדִין דֶעם פִירְסְט דֶע–בָּאק אָן זָאגִין זַיין פֶעכְטוּנְג אוּנְד הָאט אִיהְם צוּ גֶעזָאגְט , וֶוען פִינַאנְד ווִירְד נָאר צוּ נֶעמִין דֶעם אַנְזָאהְג , זוֹיא וֶועט עֶר אִיהְם זֶעלְבְּסְט פִיר אֵיין הֶעלְד אָן צִיהֶען אוּנְד ווִירְד זַיין זַיין פַאטֶער בֵּייא דֶעם פֶעכְטִין .

דֶער קֶענִיג–דַאגָאבֶּערְד הָאט אוֹיךְ בֶּעפוֹילִין , דָאס דִיא הוֹיפְט פֶערְוַואנְטֶע פָאן פְרַאנְקְרֵייךְ זָאלִין זִיךְ גְרֵייט מַאכִין אִין וֶועג דַארוּם אָן צוּ זָאגִין דֶעם פִירְסְט (פִינַאנְד) דֶע–בָּאק אֵיין פֶעכְטוּנְג מִיט לִידֶערִיגֶען , נָאר לִידֶערִיג הָאט גִירֶעכִינְט ווייל דָאס אִיז אֵיין פְרִיוַואט זַאךְ , אַלְזוֹיא גֶעבְּרוֹיכְט מַ ןְ נִיכְט צוּ שִׁיקֶען גֶעוֶועגְלִיכֶע פֶערְוַואנְטֶע , מִיט דֶעם אָפְזָאג .

דֶער קֶענִיג הָאט לִידֶערִיגֶען רֶעכְט גִיגֶעבִּין , אוּנְד הָאט אִיהְם עֶרְלויבְּט אוּם צוּ קְלֵייבִּין זִיךְ אֵיין בֶּעאַמְטִין צוּם שִׁיקֶען , אוּנְד אִיהְם צוּ גֶעבִּין אֵיין קָאמְפַּאנִיֶע לוֹיט ווִיא עֶס קָאמְט אֵיין פִירְסְט .

לִידֶערִיג הָאט אוּים עֶרְוֶוייְלְט פִיר אֵיין פֶערְוַואנְטִין פִיטֶער סִין , אוֹיבּ וָואהְל עֶר הָאט יֶעצְט גִיהַאט נָאר פֶערְצִין יָאהר דָאךְ וַואהְר עֶר זִיכֶער , זַיין גוּט פְרֵיינְדְשַׁאפְט , אוּנְד הָאט אִיהְם מֶעהְר גִיגְלויבְּט ווִיא אֵיין אַנְדֶערִין .

פֶעטֶערְס גִיז אַרוּים אִין וֶועג אַרַיין , אִין דֶער

גֶעזֶעלְשַׁאפְט פָאן זֶעקְס אַנְדֶערֶע בֶּעאַמְטֶע אוּנְד מִיט
צְוָואנְצִיג מַאן אָן גֶעגִירְט אִין גֶעוֶועהְר , אוּנְד אִין אֵיין
קוּרְצֶע צַייט זֶענִין זֵייא גִיקָאמֶען , קֵיין פְלַאנדריא אוּנְד צוּ
פִינַארְדְס שְׁלָאס ; ווִיא זֵייא זֶענִין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין בֵּייא דֶעם
טוֹיעֶר פָאן דֶעם שְׁלָאס הָאבִּין זֵייא גֶעבְּלָאזִין אוֹיף דֶעם
טְרָאמֵייט , אִיזְט גְלַייךְ אַרוֹיס גִיקָאמֶען אֵיין שׁוּלְד וַואךְ
פָאן אֵיין וַואךְ הֵייזְכִין אוּנְד הָאט גִיפְרַאגְט וָואס זֵייא
פֶערְלַאנְגִין , פֶּעטֶערְס הָאט דֶעם סָאלְדַאט גִיאַנְטְוָוארְט דַאס
עֶר פֶערְלַאנְגְט צוּ שְׁפְּרֶעכִין מִיט דֶעם הֶער , נִיכְט מִיט
דִינֶער . (דִיא אַנְטְוָוארְט וַואהְר צְוַואהְר זֶעהְר דְרֵייסְט ,
נָאר פֶּעטֶערְס וַואהְר דַאצוּ בֶּעפָאלִין) דֶער סָאלְדַאט הָאט
זִיךְ גָאר נִישְׁט בֶּעטְרַאכְט , אוּנְד אִיז גְלַייךְ אַוֶועק אָן צוּ
זָאגִין דֶעם פִירְסְט דֶע בָּאק פָאן דֶעם וָואס עֶר הָאט גִיזֶעהְן
אוּנְד גִיהֶערְט .

דֶער פִירְסְט דֶע בָּאק הָאט גְרַאדֶע דַאמָאלְס
גֶעפְרִישְׁטִיגְט , הָאט עֶר זִיךְ גִיקֶערְט צוּ דֶעם סָאלְדַאט מִיט
אֵיין זוֹיעֶר גֶעזִיכְט (דֶען עֶר הָאט נִיכְט עֶרְלוֹיבְּט דַאס מַאן
זָאל אִיהְם שְׁטֶערִין וֶוען עֶר שְׁפֵּייזְט) , אוּנְד הָאט גְלַייךְ
בֶּעפָאהְלִין זַיינֶע צְוֵוייא מֶענְשִׁין דַאס מַאן זָאל דֶעם סָאלְדַאט
הַאלְטִין אוּנְד אִיהְם גֶעבִּין דִיטֶער , הָאט זִיךְ דֶער סָאלְדַאט
אָן גֶערוּפִין מִיט אֵיין גֶעבֶּעט דָאס עֶר מֶעכְטֶע זִיךְ צוּ זוֹיא
וָואס נִיכְט בֶּעוֶועגִין , וֶוען דֶער וָואס הָאט אִיהְם גֶעשִׁיקְט
וָואלְט נִיכְט גִיוֶועזִין פָאן קֵייזֶערְלִיכֶען הוֹיף פָאן פְרַאנְקְרֵייךְ ,
וָואס וַואהְר לֵייכְט זֵייא צוּ עֶרְקֶענִין דוּרְךְ דִיא פְרַאנְקְרֵייכִישֶׁע
הֶערְבִּין , וָואס זֵייא הָאבִּין אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענְטִיל גֶעטְרָאגִין .

אוֹיף דִיזֶע וָוארְטִין אִיז דֶער פִירְסְט דֶע בָּאק שְׁנֶעל

אויף גישְׁטַאנֶען . נאר ווייל דער פראנקרייכישער קעניג , וואהר זיין העֶר , וואס זיין רעזיקא . אונד זיין פערשטאנד וואהר איהם גוט בעקאנט האט ער איהם ניכט גיוואלט דערבייזערין פיר קיין זאך אין דער וועלט ;

איז דער פירסט דע באק גלייך ארויף גיגאנגין אויף דיא גענבירגע (וואס זייא זענין ארום דעם שלאס) זיך איבער צו צייגין , צו דער סאלדאט האט איהם גיזאגט דיא וואהרהייט , אונד פילייכט האט דער סאלדאט פאר זעהן . נאר וויא ער האט אקיק גיגעבין אויף דיא מענער וואס זענין גישטאנין בייא דעם טויער , האט ער דיא לייטע גלייך ערקאנט , דאס זייא זענין פאן דעם קעניג (דאנאבערג) .

האט ער בעפוילין גלייך ארונטער צו לאסין דיא בריק דאס מאן זאל זייא צו נעמין , זויא וויא עם גיהער זויא איינעם וואס איז גֶעקאמען מיט דעם בעפעהל פאן דעם קעניג דאנאבערט ; נאר פעטערס , וויא ער האט דער הערט דעם בעפעהל , האט ער איין צייכין גיגעבין דאס ער פערלאנגט צום הערין .

האבין אלע אויף דעם צייכין דיא אוירין אויף גישטעלט אונד האבין גֶעהערט דאס וואס עם קאמט נאך . פעטערס האט אנגיפאנגין צו שפרעכין , פירסט-דע באק , אום זאנסט בעפעהלסט דוא דאס מאן זאל דיא בריק אראפ לאסין , איך ווערדע ניכט ארייין גיין אין דיין שלאס , דען דאס שלאס איז פיהל מיט בעטריבונג אונד מערדערייא ;

אלזויא הער מיך אוים פאן היער אין גענענווירד פאן אלע וואס זיך דא פינדען , ווערדע איך דיר זאגין אלעס ,

וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר צוּ זָאגְן, אִיךְ קאם אִין נַאמֶען פוּן דַיין הֶערְשֶׁער וָואס אִים דָער גְרֶעסְטֶער דֶער בֶּעסְטֶער, אוּנְד דֶער עֶרְבַּארִימִיגֶער קֶעניג, (דַאנָאבֶּערְט) דִיר אָן צוּ זָאגְן דַאס דוּא זָאלְסְט דִיךְ פְאהר בְּרֵייטִין, צוּ בֶּעאַנְטְוָוארְטִין פָאן הַייטֶע אִיבֶּער אֵיין מָאהְנַאט אִין גֶעגֶענְוַוארְט פָאן אַלֶע קֶענֶעגְלִיכֶע הויף לֵייטֶע, אוֹיף דִיא פָאהְר וַוארְפֶע וָואס מַיין הֶער הָאט דִיךְ אַן גֶעקְלַאגְט. אִיךְ קָאן דִיר אויךְ זָאגְן וֶוער מֵיין הֶער אִיזְט, דֶער גְרויסֶער אוּנְד דֶער מֶיכְטִיגֶער לִידֶערִיג, פִירְסְט דֶע-דִיָאן דֶער זָאן פָאן דֶעם זֶעלִיגֶען פִירְסְט סַאלְוַואטאר, אוּנְד פוּן דִיא פְרָאמֶע עֶרְמַאנְגַארְדֶע, מַיין הֶער קְלָאגְט זִיךְ אוֹיף דִיר, עֶרְשְׁטֶענְס דַאס דוּא הָאסְט זַיין פָאטֶער עֶרְמָארְדֶעט, אִין וַואלְד (סַאן מֶערְסִיא). צְוֵוייטֶענְס דַאס דוּא הָאסְט זַיינֶע לִיבֶּע מוּטֶער אוּם זאנְסְט גֶעפַאנגִין גִינָאמֶען, וָואס דוּא הַאלְסְט זִיא שׁוֹין אַכְצֶעהְן יאהְר בַּייא דִיר אִין גֶעפֶענְקֶענִיס. וֶוען דוּא וָואלְסְט פֶערְמַיידֶען דַאס דוּא זָאלְסְט נִיכְט זַיין פֶערְקְלָאגְט אִין גֶעגֶענְוִוירְט פוּן מֶענְטְשִׁין. אַלְזוֹיא זָאלְסְטוּ צוּ נֶעמִין דֶעם בֶּעפֶעהְל פָאן מֵיין הֶער, אוּנְד אוּנְטֶער דֶעם שִׁיצוּנְג פָאן קֶעניג צוּם שְׁטְרֵייטִין, צוּ מִיט מֶעסֶער צוּ מִיט פִּילְוֶוער צוּ אוֹיף פֶערְד, אוּנְד אוֹיף אֵיין צֵייכִין פָאן בֶּעפֶעהְל. דָא אִיז אֵיין הַאנְדְשׁוּה וֶועלְכֶע מֵיין הֶער הָאט מִיר בֶּעפוֹילִין זִיא אָן צוּ שְׁלָאגִין אוֹיף דֶעם טוֹיעֶר פָאן דַיין שְׁלָאס.

אוּנְד זוֹיא וִויא עֶר הָאט דָאס אַרוֹיס גֶעזָאגְט, זוֹיא אִיזְט עֶר צוּ גִיגַאנגִין צוּם טוֹיעֶר אוּנְד הָאט צוּ גֶעשְׁלָאגִין דִיא הַאנְדְשׁוּה מִיט דִיא הֶענְד פָאן זַיינֶע שְׁוֶוערְד.

אַזוֹיבּ וָואהְל דֶער בֶּעפֶעהְל וַואהְר צוּ דְרֵייסְט דָאךְ

האט דער פירסט דע באק מענכעס מאהל ווען ער האט
געברויכט זויא פיהל געדולט גיהאט, דאס איבער דיא
גאנצע צייט פאן אנפאנגס ביז צו דיא ענדע פאן פעטערסינס
ליידין האט ער געהארט אונד האט געשוויגען זויא חיא איין
הייליגער; נאר נאכעהער וויא פעטערס האט געענדיגט
האט ער זיך אן גערופין מיט דיא ווערטער.

זעהר גוט, גייא צו ריק צום הער קעניג, צו מיין
איבער הער אונד פערזיכערע איהם פאן מיר דאס איך
האב ניכט קיין שלעכץ גיטאהן, אויך קיין שלעכץ געגין
דעם קעניג. דען דער פירסט דע (סאלוואטאר) איז ראנירט
גיווארין אין דיא שטרייט, אבער ניכט פאן איבער פאל,
נאר פאן דעסט וועגיז נעם איך צו דעם בעפעהל פאן מיין
אנקלאגענדען, דארום דאס איך האבע אונזער שטרייט
זאל אדם צייגין דיא וואהרהייט, ווער עס האט רעכט
אונד ווער עס איז דער אונשולדיגער אונד וואס אן
בעטרעפט, דיא פירסטען (ערמאנגארדע) דער וואס האט
מיך אהער גישיקט פאדערט איהר פרייהייט, אלזוא זאג
איהם דאס פאר הער מוס איך מיך מיט איהם אויף דיא
שטעלע בערעכינען.

יעצט ווען איר זאלט צו מיר ארויין קאמען אין שלאס
אריין, ווערדע איך אייך צו נעמין דיא וויא עס געהער
זויא איינעם, וואס איז געשיקט פאן זויא איין גרויסין קעניג
וויא דאנאבערט.

אבער אויף דיא שטעלע וואס ער זאל צו נעמין אונ
פאר בעבין דיא געסט, האט פעטערס זיך אויס גערייט,

און האט איין שאָקעל גימאַהן מיט דעם קאָפּף, און האט גיבלאָזין, אויף דיא טראָמפּיט וויא צום אומקערין זיך, און האט זיך אַוועק גילאָזט צוריק אַהיים מיט זיינע קאַמראַדין, טראָגענד דעם קעניג דאַגאָבערט, און דעם פּירסט לידעריג, דעם אַנטוואָרט, פאָן פּינאַרדען, דיזע אַנטוואָרט האט לידעריגען זעהר גיפרייט, דען ער האט גיהאָפּט צו גאָט, און האט גירעכינט אויף זיין געשיקליכקייט.

דער פּירסט, דער באָך, וואס האט נישט געוויסט, דאס עס געפינט זיך איין (יורש) נאָך דעם גראַף (סאַלוואַטאָר) דארום האט ער גילאָזט רופין דיא גרעפין ערמאַנגאַרדע, און האט זיא גיפרעגט, ווער איז דאס פיר איין לידעריג וואס ער רעכינט זיך פאַר איהר זאָהן, און וואס ער האט מיר געשיקט אונטער דער שיצונג פאָן קעניג, איין בעפעהל צו שטרייטין.

דאַן איז ערמאַנגאַרדע בעפאָהר זיא האט גיאַנטוואָרט גיפאַלין אויף דיא קניען, און האט גידאַנקט דעם ליבען גאָט, זעהר ערינצט און וואהר, דאס פּינאַרד, האט נישט גיצווייפעלט, דאס לידעריג איז ווערקליך איהר זאהן.

האט יעצט דער פּירסט געפראַגט, ערמאַנגאַרדין, וואַרום זיא האט נישט גיזאָגט פאָן איהר זאָהן, האט איהם ערמאַנגארדע גיאַנטוואָרט, דאס זיא האט געשוויגען, דורך פירכט פיר איהם, דאס ער זאל איהם נישט ערמאָרדין, נאר ווייל ער איז יעצט אונטער דער שיצונג פאָן פראַנקרייכישען קעניג, אַלזויא האט זיא שוין פיר

אִיהְם קֵיין פָארְכְט , אוּנְד הָאט אִיהְם אָפֶענְטְלִיךְ דִיא גַאנְצֶע
וַואהְרְהֵייט גְיזָאגְט , אוּנְד הָאט אִיהְם וֶוערְקְלִיךְ אַלֶעס
עֶרְצֶעהְלְט וִויא עֶס וַואהְר מִיט אִיהְר אוּנְד מִיט אִירֶען
זָאהְן .

דַאן הָאט פִינַארְט זִיא גֶעפְרַאגְט , וִויא פִיהְל יַאהְרֶ
קַאן אִיהְר זָאהְן הַאבִּין , הָאט אִים עֶרְמַאנְגַארְדֶע גִיאַנְטְוַוארְט
דַאס עֶר קַאן הָאבִּין 18 אָדֶער 19 יָאהְר , הָאט פִינַארְד זֶעהְר
אַנְגִיפַאנְגִין צוּ לַאכִין , עֶר הָאט נִישְׁט גִיקָאנְט בֶּעגְרֵייפִין ,
וִויא אַזוֹי זָא אֵיין יוּנְגֶער מַאן קַאן זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמִין מִיט
אִיהְם צוּא פֶעכְטִין וָואס עֶר וַואהְר בַּייא דִיא גְרֶעסְטֶע
קְרֶעפְטִין , אוּנְד וַואהְר וֶוערְקְלִיךְ בַּייא דִיא גוּטֶע יַאהְרֶען ,
אוֹיךְ וַואהְר עֶר זֶעלְטִין אֵיין גֶעאִיבְּט אִין שְׁטְרֵייט , זוֹיא דַאס
פָאן הוּנְדֶערְט מֵיילִין אַרוּם אִיהְם , מֶעכְט קֵיין מֶענְטְשׁ זִיךְ
רֶעזִיקִירֶען , מִיט אִיהְם זִיךְ צוּ פְּרָאבִּירֶען , (שְׁטְרֵייטִין)

אַלְזוֹי הָאט עֶר טְרַווַארְטֶעט גַאנְץ רוּהִיג , דָאס קָאמֶען
פָאן זַיין פֶערְקְלַאגֶער , עֶר וַואהְר בַּייא זִיךְ זֶעהְר זִיכֶער דַאס
עֶר וֶועט גֶעוִוינֶען דִיא שְׁטְרֵייט .

אִין אֵיין גֶעוִויסֶען טָאג , הָאט אִיהְם זַיין וַואךְ בֶּענַאכְ-
רִיכְטֶעט , דָאס מַאן זֶעהְט פָאן דֶער וַוייטִין , זֶעהְר אֵיין
גְרוֹיסֶע בַּאנְדֶע הֶעלְדִין , וָואס זַייא קֶערִין זִיךְ צוּא דֶעם
רִיזָען שְׁלָאס .

אִיז פִינַארְד גְלַייךְ אַרוֹיף אוֹיף דֶעם טוּרֶעם פָאן זַיין
שְׁלָאס , אוּנ הָאט גְלַייךְ עֶרְקַאנְט דַאס דֶער פְרַאנְקְרֵייכִישֶׁער
קֶענִיג , קָאמְט אַן מִיט זַיינֶע הוּיף לֵייטֶע , הָאט עֶר
בֶּעפוֹילֵען דָאס מַאן זָאל אוֹיף עֶפִינֶען דִיא טוֹיעֶרִין אוּנ

איז איהם אַנטקעגען גינאַנגען מיט זיינע גאַנצע מאַכט, (דאס איז מיט אַלע מענטשין) אין בלוזין קאפף אונד אָהנע געוועהר, זויא וויא עס גיהער צו איין דינער, ער זאָל צו נעמין זיין העער.

ביי דיא רעכטע זייט פאָן קעניג, איז לידעריג געריטען אויף זעהר איין שעגעס פערד וואס ער האט גיקריגען אַפּראזענט פאן קעניג, אונד דער סאמעטענער זאָטיל וואָהר גיהאפטין אונד אויס גינייט מיט גאָלד שניר אונד פרענדזלין, וואס עס האט גירייכט ביז צו דער ערד.

ביי דיא לינקער זייטע פאן קעניג איז געריטען דער היילינער גייסטליכער–דע–נאָיאן–וואס אָן איהם האט זיך דאנאבערט ניט גיקענט בעגיין, קיין מעניט, ער האט קיין זאך ניט גיטאָהן אָן זיין ראָהט (עצה).

פינאַרט האט איין שנעלין אונד אונטערעסירטען קיק גיגעבין פאָן קאפף ביז דיא פים אויף לידעריגין, אונד אין הערצין ביי זיך האט ער גילאַכט אויס איהם אונד פאָן זיין יונגהייט.

פינאַרט האָט פאַרבעטין דיא גאַנצע געמיינדע אין שלאָס אריין, נאר דאנאבאָרט האט אידם גענטוואָרט ווייל אויף איהם איז בעטראַפט איין יום־טוב פאן פאַלשקייט אונד פאן מערדעריא. אלזויא קאן ער ניט אריין גיין אין זיין שלאס, ביז וואנען ער ווירד זיך פאן דעם שולד אפּ רייניגען.

דאן האט פינארט געזאגט דאס סאלוואָרט האט זיין

לֶייבּן פערלוירן איז שטרייט אונ ניט פאן איבערפאל אונד וואס ערמאנגארע איז פאר אן שטירט גיוואָרן, איז נאר דאדורך ווייל זיא האט מיר ניט גיוואָלט געבּן איין טהייל פאן איהר פערמעגען וואס איך האב געבּן רעכט דער צוא.

נאָר לידעריג האט ניט גיקאנט ליידן קיין ליגענד האט ער זיך אן געררופן מיט איין הויכע שטימע (קול), געטנעהדיגער הער קעניג, דער מאן זאגט ליגענד! איבעריגענס איך בין אהער גיקאמען מיט דיא ערלויבּעניס פאן איהרע מייעסטעט, ניט פאן זיינע פאלשע פאר ענפערונג צו הערין. נאר איך זאל מיך מיט איהם פראבירען אלס העלד, אלזויא בעפעהל, גענעהדיגער הער קעניג, דאס מאן זאל גלייך פאר בּרייטין צו איין שטרייט, דען 18 יאהר איז מיינע מוטער אום זאנסט אין געפענקעניס, אונ האפט צו זעהן איהר איינציגען זאהן.

האט זיך דאן דער קעניג גיקערט צום פירסט דע–באק אונד זאגט צו איהם צו דוא הערסט?

יא גענעהדיגער הער קעניג–האט פינארט גענאנט–ווארטעט–מיר איז אויך נעהטיג שנעל זיך צו פראבירען מיט דעם וואס ער פערקלאגט מיך אומזאנסט: דיא ענדע פאן דער שטרייט, האפע איך דאס זיא ווירד זיין פיר מיר פיהל שנעלער וויא דער אנפאנג, דען מאן ווירד זעהן דיא ווערקליכע וואהרהייט.

האט זיך דער גייסטליכער אן גערופין–לאס מאן גלייך פאר בּרייטין איינע שטעלע צום שטרייט, אונד ביידע

פיינדע לאסן אפ ריינינגען זייער ערליכקייט. דען מארגין ווירד ערפיהלט זיין דאס געשעכטיגהייט פאן דעם ליבען גאט (סאגד) אונ וויא ווירד זיין דעם וואס דער ליבער גאט ווירד איהם אום פערטייהדיגט צו זיך רופין.

פינארד האט זיך גיניינט אונד האט זיך געקערט צו זיין שלאס.

דער קעניג דאנאבערט האט בעפוילן, איין לאגער צו מאכין, אויף דיא זעלבע שטעלע וויא זייא זענין גישטאנין דאס ארט וואס איז געבליבען צווישען קעניגליכען לאגער, אונד פירסטליכען שלאס איז אנגיצייכינט גיווארין פיהר איינע שטעלע צום שטרייט.

לידערינג האט דעם גאנצין טאג נאר גאט גילויבט, אונד אויף צו מארגענס גאנץ פריה, האט ער פיר דעם גייסטליכען דע־נאין פאר גיליינט זיינע זינדע (עבירות) אונד דער גייסטליכער האט איהם זיינע זינד פאר געביז.

אונד וואס אן בעטרעפט, דען פירסט דע־באק ער האט זיך גאר מיט וואס אנדערש איבער דיא צייט בעשעפטיגט. דען דיא אוים זיכט פאן דעם יונגין מאן האט איהם גוטע האפענונגען גינעבין. אויב וואהל ער האט גאנץ גוט גיוויסט דאס ער איז דער אונשולדיגער, דאך וואהר ער ביא זיך זיכער דאס ער ווירט דען שטרייט געווינען, נאר דורך זיין קראפט אונד געשיקטדיקייט (גבורה).

אלס דאן אויף דיא שטעלע וואס ער האט גיברויכט

זיך צו בעשעפטיגען, מיט נאמעם לויבונג, האט ער בעפוילין איין צו ריכטען אגומעם מאהל צייט, מיט פערשידענע וויינע אויך מיט מוזיק, פיהר זיינע הויפט לייטע. ער האט גיוואלט דאס ער זאל נאך פריילכער זיין, האט ער פאר בעטין דיא גרעפין (ערמאנגארדע), אונד האט איהר גילאזט זאגין דאס ער גיט איהר אשטעלע אנטקעגין איבער איהם.

דיא גרעפין האט גילאזט זאגין פינארדין דאס איין טיש מיט געוויזין פיהר איהר צו איהם צו נעהן, דאס הייסט נאר צו נאמעס דינסט. דען ווירקליך דער וואס איז געשיקט געווארין צו איהר פאן פינארדין, האט זיא גיטראפין, קניענדיק ביי דעם הייליגען בילד, אונד ביטענט צו גאט.

פינארד וויא ער האט דיא אנטווארט פאן דיא גרעפין דער הערט האט ער אנגיפאנגין דאס מאהלצייט מיט זיינע הויפט לייטע, נאר דיא שטעלע פיר דיא גרעפין האט ער לעהר גילאזט, אויב זיא וועט זיך איבער לעגין אונד ווירד קאמען, זאל זיא איהר שטעלע האבין. נאכהער האט ער וויין אן גינאסין אונד האט מיט זיינע לייטע געטרונקען אונד האט זיך גילאזט וואהל געהן.

דאס פריילכע מאהל צייט האט גידויערט ביז טיף אין דער נאכט, אונד אין מיטין דיא גילענכטערין אונד דיא פריילכע געזענגע אונד פערשידענע פינגלערייען, אין דיא צייט וויא דיא אוהר גלאקע האט טרויעריג געשלאגין דיא פערגאנגענע שטונדען, וואס פינארד האט גיברויכט דא

אַנְדֶערְשׁ דִיא צַייט צוּ פַאר טְרַייבִּין , אִיז בַּייא דֶעם עֶרְשְׁטִין קְלִינְג , פָאן הַאלְבֶּער נַאכְט הָאבִּין זִיךְ אַלֶע לַאמְפִּין אֵיין גֶעטִינְקֶעלְט, אוּנְד מַאן הָאט גְיהֶערְט זֶעהְר שְׁוֶועהְרֶע טְרִיט אוֹיף דִיא טְרֶעפֶּע אַלֶע מָאהְל נֶעהְנְטֶער צוּם מָאהְלְצַייט צִימֶער , אוּנְד עֶס אִיז גֶעקְאמֶען פָאן דֶעם אָרְט וִויא עֶס וַואהְר דֶער טֶעמְפִּיל .

אַלֶע הָאבִּין זִיךְ גִיקֶערְט צוּא דֶער זַייט וִויא דִיא שְׁטִימֶע , אוּנְד אִין דִיא סֶעקוּנְדֶע וִויא דִיא אוּהְר הָאט גֶעשְׁלָאגִין דֶען 12 טֶען קְלִינְג , הָאט זִיךְ דִיא טְהִיר גֶיעֶפִנְט אוּנְד עֶס הָאט זִיךְ גֶעווִיזֶען אֵיין הֶעלְד .

עֶס אִיז אַשְׁרֶעק גֶעפַאלִין אוֹיף אַלֶע וָואס וַואהְרִין דָארְט אוֹיף דֶעם מָאהְלְצַייט , דֶען וִויא זֵייא הָאבִּין זִיךְ גוּט אֵיין גֶעקִיקְט, הָאבִּין זֵייא דֶער זֶעהְן , דַאס דֶער הֶעלְד אִיז אוֹים בְּלוֹיז מַארְמֶער שְׁטֵיין , אוּנְד פִיהְל הָאבִּין דֶער קֶענְט אִין אִיהְם דָאס עֶר אִיז דֶער פָאטֶער פָאן פִירְסְט דֶע־בָּאק , וָואס עֶר אִיז שׁוֹין אִין פֶערְלוֹיף פָאן דְרַייסִיג יָאהְר טוֹיט , אִין דֶער מַארְמָאר אִיז גִישְׁטַאנִין אוֹיף דֶעם גְרָאבּ נִיט רִירֶענְט .

אוֹיף דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען צוּא פַאל , זֶענִין אַלֶע אוּנ אוֹיךְ פִינַארְט , אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פָאן זֵייעֶרֶע עֶרְטֶער אוּנְד וַוארֶען אַלֶע זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען אוּנְד בְּלַאס , מֶעהְר פָאן אַלֶע וַואהְר (פִינַארְד) עֶרְשְׁרָאקֶען , עֶר וַואהְר וַוייס וִוייא קַאלְךְ , דֶען עֶר הָאט גוּט גֶעווִיסְט , דַאס עֶס וַואהְר דַאן גֶעוֶועהְנְלִיךְ אִין זַיינֶע גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע , דַאס דִיא פֶּעטֶערְס , זֶענִין אַלֶע מָאהְל גִיקָאמֶען , אוֹיף דֶער אַהְרְט ,

אָן זָאגִין זֵייעֶרֶע זֶעהְנֶע, אַן זֵייעֶר טויט.

דֶער מארְמוּר אִיז צוּא גִיקָאמֶען גֶעהְנְטֶער, גאנְץ לַאנְגְזַאם אוּנד שְׁטֵייף מִיט דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער (דַאס אִיז אוֹיף אֵיין הִיטֶעל פָאן אֵיין הֶעלְד, וָואס מַאן לַאסְט דָאס אוֹיף דָעם גֶעזִיכְט אַרוּנְטֶער, קָאן קֵיין קָאהְל נִיכְט צוּם גֶעזִיכְט צוּ קָאמֶען) אוֹיף גִיהוֹיבִּין מִיט שְׁטֵיינֶערְנֶע אוֹיגִין וָואס זֵייא הָאבִּין נָאר גֶעקִיקְט אוֹיף פִּינַארְדִין, נַאכְהֶער הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶער גִיזֶעצְט, אוֹיף דָעם לֶערִין אָרְט אַנְטְקֶעגִין דֶעם פִּירְסְט פִּינַארְט.

דַאן הָאט פִּינַארְט בֶּעפוֹילִין דֶעם וֵויין שֶׁענְקֶער, אֵיין צוּ גִיסֶען וֵויין פִיהְר זַיין פָאטֶער, אוּנְד דָער קְרֶעדֶענְצֶער זָאל אִיהְם עֶסִין דֶער לַאנְגִין, לֵיידָער נִיכְט דֶער וֵויין שֶׁענְקֶער, אוּנְד נִיכְט דֶער קְרֶעדֶענְצֶער, הָאבִּין זִיךְ רֶעזִיקִירְט, צוּ דֶעם מַארְמוּר (מֶענְטְשׁ) צוּ צוּ גֶעהְן.

אִיז פִּינַארְד זֶעלְבִּסְט צוּ גִיגַאנְגִין, אוּנ הָאט אֵיין גֶעגָאסִין דֶעם בֶּעסְטִין וֵויין, וָואס עֶס הָאט זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען, אוֹיף דֶעם מָאהְלְצַייט, פִּיר זַיין פָאטֶער, אוּנ הָאט אִים דָאס בֶּעסְטֶע שְׁטִיק פְלֵיישׁ, אוֹיף אֵיין טֶעלֶער אַנִידֶער גֶעלֵייגְט.

דֶער מַארְמוּר שְׁטֵיין הָאט נָאר גֶעקִיקְט, אוֹיף אַלֶעס אוּנ הָאט זַיין מַארְמוּר שְׁטֵיינֶערְנֶעם קָאפְּף אוֹיס גִידְרֵייט, אוֹיף זַיין שְׁטֵייפִין הַאלְדְז, אוּנְד דֶער גַאנְצֶער קֶערְפֶּער וַואהְר נִישְׁט רִירֶענְד עֶר הָאט זַיינֶע הֶענְד פָאן זֵיין הֶערְץ נִיכְט פֶענאנדֶער גִינָאמֶען, וְואס עֶר הָאט זֵייא גִיהַאלְטִין אוֹיף זַיין הֶערְץ זְויא וְויא אֵיין קְרֵייץ, אִיבֶּער דִיא גַאנְצֶע

צַייט, עֶר הָאט נִשְׁט גִיגֶעסִין, אוּנ נִיכְט גֶעטְרִינְקֶען, נָאר אַזוֹי וְויא (פִּינַארְד) הָאט זִיךְ צוּ רִיק אַנִידֶער גִיזֶעצְט אוֹיף זַיין אָרְט, הָאט זִיךְ אִיהְם גִידַאכְט זוֹיא וְויא עֶס וָואלְט צְוֶוייא גְרוֹיסֶע טְרֶערִין פָאן דִיא מַארְמוֹרֶענֶע אוֹיגִין אַרָאפּ גֶערִינָען.

פִּינַארְט הָאט גִישֵׁיינְט צוּ זַיין דֶער לֶעצְטֶער פָאן זַיין גֶעבִּירְט (פַאמִילְיֶע) אַלְזוֹיא הָאט דֶער טוֹיטֶער אוֹיבּ וָואהְל עֶס וַואהְר אֵיין שְׁטֵיין הָאט עֶר גִיוֶוייגְט דַאס דָאס לֶעצְטֶע גֶעבִּירְט (פַאמִילְיֶע) עֶנְדִיגְט זִיךְ, זוֹיא שֶׁענְדְלִיךְ, אוּנְד זוֹיא פֶערְפֵיינְדֶעט.

דִיא צְוֶוייא טְרֶערִין זֶענִין גֶערִינֶען פָאן דֶעם אַלְטִין פִירְסְט דֶע—בָּאק, אוֹיף דִיא וָואנְסֶעס, נַאכְהֶער הָאבִּין זֵייא זִיךְ אַרָאפּ גִיקָאלֶערְט אוֹיף דֶעם טִישׁ. דַאן הָאבִּין דִיא אוֹיגִין פָאן דֶעם מַארְמוֹר, זִיךְ אוֹיס גֶעטְרִיקֶענְט, אוּנְד דֶער מַארְמוֹר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנִין, פָאן זַיין שְׁטֶעלֶע, אוּנ הָאט אַצֵייכִין גִיגֶעבִּין פִּינַארְדִין, דָאס עֶר זָאל מִיט אִיהְם מִיט גֶעהְן,

פִּינַארְד הָאט גִינָאמֶען אֵיין שְׁטִיק בְּרֶענֶעדִיק הָאלְץ, וָואס עֶס הָאט גֶעשְׁטֶעקְט אִין אֵיין אֵייזֶערְנֶע הַאנְד, וָואס וַואהְר אִין דִיא וַאנְד צוּ גֶעשְׁלָאגִין, אוּנ אִיז גִינַאנְגִין נָאךְ דֶעם מַארְמוֹר, אוּנ וָואס אַן בֶּעטְרֶעפְט, דִיא אַלֶע וָואס וַואהְרֶען דָארְטֶען, זֶענִין אַלֶע גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען, אוּנְד הָאבִּין זִיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט רִירֶען, זוֹיא וְויא פַאר שְׁטֵיינֶערְט.

דֶער מַארְמוֹר אִיז נָאר גִינַאנְגֶען גְרַאדֶע, אוּנ אִיז דוּרְךְ גִינַאנְגֶען, דוּרְךְ דֶעם גֶעוֶועהְר צִימֶער, נָאר וָואס

עֶר הָאט גִיבְּרוֹיכְט נָאךְ צוּ זֶעהְן דָאס גַאנְצֶע צִימֶער , אִיז עֶר צוּ גִינָאנְגִין , צוּ אֵיין זֵייטִיגֶע טִיר , אוּנ אִיז אַרוֹיף גִיקָאמֶען אוֹיף אֵיין לֶערִין הוֹיף , וָואס מַאן הָאט דָארְט נָאר אַלֶע אוּם נִיצְלִיכֶע זַאכִין , אַרַיין גִיוָוארְפִין , אוּנ הָאט פִינַארְדִין צוּ גֶעפִיהְרְט צוּ אֵיין פְרִישׁ אוֹיס גִיגְרָאבִּין גְרִיבּ (קבר) אוּנ אִיז אַבִּיסֶעל גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין , אוּנ אִיז וַוייטֶער גִינַאנְגִין .

פִינַארְד אִיז דִיא זֶעלְבֶּע נַאכְט , מִיט אֵייניגֶע שְׁטוּנְדֶען פְרִיהֶער וִויא דָאס מָאהְלְצַייט הָאט זִיךְ אַנְגִיפַאנְגִין . אוֹיף דֶעם הוֹיף גִיוֶועזִין, אוּנ הָאט דָארְט נִיכְט גִיזֶעהְן קֵיין גְרוּבּ , אַלְזוֹיא קָאן אַנְדֶערְשׁ גִישְׁט זַיין , נָאר דָאס גְרָאבּ אִיז אוֹיס גִיגְרָאבִּין גִיוָוארִין , אִין דִיא צַייט פָאן דֶעם מָאהְלְצַייט , פִינַארְד הָאט זִיךְ אוּם גִיקִיקְט פָאן אַלֶע זַייטִין , אוּנ הָאט מֶעהְר נִיכְט גִיזֶעהְן , נָאר וִויא דֶעם מַארְמוֹר שְׁטֵיינֶערְנֶעם פַאטֶער , וָואס אִיז אַלֶעם נָאר וַוייטֶער גִינַאנְגִין , שְׁטַאךְ אוּנְד לַאנְגְזַאם .

דַאס מָאהְל הָאט זִיךְ דֶער מַארְמוֹר גֶעקֶערְט , אִין דִיא זַייט וִויא דָאס קְלוֹיסְטֶער אִיז , וִויא זַיין גְרָאבּ גֶעפִינְט זִיךְ , אוּנ נָאךְ אִיהְם אִיז (פִינַארְד) נָאךְ גִינַאנְגִין , זוֹיא וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועזִין גִיצְווּנְגֶען אִיהְם נָאךְ צוּ גֶעהֶען .

דִיא טִירֶען פָאן דֶעם קְלוֹיסְטֶער הָאבִּין זִיךְ זֶעלְבְּסְט גִיעֶפִינְט פִיר דֶעם שְׁטֵיינֶערְנֶעם שְׁטֵיין (שׂטן) אוּנ פִינַארְד , זוֹיא וִויא עֶר אִיז אַרַיין גִיקָאמֶען , הָאט עֶר בֶּעמֶערְקְט , דָאס אוֹיף דֶעם גְרָאבּ פָאן זַיין פַאטֶער , פֶעלְט דִיא מַארְמֶעל שְׁטֵיינֶערְנֶע פִיגָאר , נָאר דֶער לֵייבּ וָואס וַואהְר

בייא דיא פיס פאן דיא פינאר. (דער ליב וואהר איין בעוויז דאס דער ערליכער פירסט וואהר געהיטען דורך דעם ליב וואס ער איז געשטארבען אויף דעם שלאכט פלאץ) וואס איז אימער גילעגין אויף אלע פיר פיס, איז יעצט גישטאנין נאר אויף 2 פיס אום גיקערט צו דיא טהיר, זויא וויא ער וואלט ערווארטעט דאס קאמען, פאן זיין הער.

דיא מארמורנע פינאר איז גלייך צו גינאנגין צום גראב, אונד האט זיך צו ריק געשטעלט אויף דיא שטעלע וואס שוין פאן 30 יאהר ער דארט גישטאנין איז אונ דער ליב האט זיך גלייך צו ריק געליינט אויף אלע פיר. לעבין דיא פיס פאן דיא פינאר, אונד אלעס איז גיווארין פאר שטיינערט אונד נישט ריהרענד. שטיל, וויא דער טויט.

דער לעזער האט גיוויס דער קענט אונזער פינארדין, דעם פירסט דע־באק, ער וואהר איין אייזערנער מענטש וואס נאר דער טייוויל האט איהם פאן וועג אראפ געפירט. דאך זויא וויא ער וואהר איין רייבער אונד איין בלוט פארגיסער, דאך האט ער זיין רעזיקא זיין דרייסט־הייט אויך זיין גרויסקייט ניט פארלוירין. ער האט זיך גיוואלט איבער צייגין צו דאס אלעס וואס ער האט גיזעהן וואהר ניט איין אן שטעל (פיגלע) פאן יעמאנדין, אבער פיליכט האט ער שלעכט גיזעהן, אונ איז צו גינאנגין צום גראב, אבער דער שטיין וואהר וויא צו גיוואקסין, זויא וויא ער מעכטע נימאלס גיוועזין צו שייט, נאכהער האט ער זיך גיקערט צום גראב, פאן זיין מוטער, וואס איז גיוועזין געגען איבער, וואס אימער איז דארט גישטאנין, איין מארמור שטיינערנע פינאר דיא אויסזיכט פאן זיינע

מוּטֶער, אוּנְד דֶער נְעבִּין אִיז גִילֶעגְן אֵיין הוּנְד, צוּם צֵייכִין פָאן טְרֵייהֵייט. לֵיידֶער עֶר הָאט אָבֶּער גִיזֶעהְן דָאס בִּילְד פָאן זַיין מוּטֶער אִיז נִיט גִישְׁטַאנִין דִיא וְויא עֶס גִיהֶער. נָאר דָאס בִּילְד אִיז גִילֶעגִין אוֹיף דִיא קָנִיא, דִיא וְויא זִיא וָואלְט גִיבֶּעטִין צוּ גָאט מִיט דִיא הֶענְד, צוּזַאמֶען, אוּנְד מִיט דִיא אוֹיגִין צוּם הִימֶעל.

דַאן הָאט שׁוֹין פִינַארְד נִיט גִיצְוֵוייפֶעלְט, דָאס וָואס עֶר הָאט גִיזֶעהְן אִיז אֵיין וַואהְרְנוּנְג פָאן הִימֶעל. דָאס דֶער שְׁטֵיינֶערְנֶער שָׁאטִין אִיז אִיהְם גִיקָאמֶען אַנְזַאגִין וָואס אִיהְם וַוארְט (זְויא וְויא עֶס וַואהְר דַאן אֵיין צֵייכִין וֶוען דִיא עֶלְטֶערִין חָאבִּין זִיךְ בֶּעווייזֶען וַואהְר שׁוֹין דַאן בֶּעוואוּסְט דָאס עֶס אִיז שׁוֹין נִיט וַוייט צוּם טוֹיט) דָאס דֶער טָאג פָאן זַיין טוֹיט אִיז שׁוֹין נִיט וֵוייט, דַאס גְרַאבּ וָואס מַאן הָאט אִיהְם גִיצֵיינְט וָואס וַואהְר אוּים גִיגְרָאבִּין נִישְׁט אוֹיף אֵיין הֵיילִיג אֶרְט, דָאס גִיבְּרוֹיכְט צוּ זַיין פִיר אִיהְם אֵיין גְרָאבּ (קבר) בִּיז צוּ דֶעם טָאג וָואס עֶר וֶוירְד גֶעבְּרוֹיכִין צוּ שְׁטֵיין פִיר דֶעם עֶווִיגֶען גָאט, אוּם רֶעכְנוּנְג פָאן זַיין לֶעבִּין אָפּ צוּ גֶעבִּין, (ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) דָאס הֵייסְט עֶר אִיז יֶעצְט צוּ זַיין פֶערְשְׁטַאנְד גִיקָאמֶען, וָואס אוֹיף אִיהְם וַוארְטִין. אוּנְד דָאס וָואס זַיין מוּטֶערְס בִּילְד אִיז גִישְׁטַאנִין אוֹיף דִיא קְנִיא, אִיז, דַאס זִיא הָאט גִיבֶּעטִין דֶעם לִיבֶּען גָאט, אוּם פֶערְצֵייאוּנְג פִיהְר אִיהְר זָאהְן.

אַלֶעס הָאט זִיךְ אוּים גִיצֵיינְט פִינַארְדִין, זְויא הֶעל זְויא דֵייטְלִיךְ, זְויא וְויא עֶר מֶעכְטֶע אַלֶעס אוֹיף גִישְׁרִיבֶּען גִיזֶעהְן, אִין זָאלְכֶע גִידַאנְקִין אִיז עֶר גִיגַאנְגִין צוּרִיק אִין זַיין מָאהְל

צייט צימער אַריין, דאס צימער וואהר אָבער לעהר, וואהר שיינדליך זענין אַלע זיך צו לאפין.

האט פינאַרד געררופין אויף זיינע דינער, אָבער יעצט צום דריטען געשרייא האט ער יעצט איין אַנטוואָרט בעקאמען פאן איין אַלטען דינער.

מיין אַלטער (מיכאל) האט ער צו איהם ניזאגט—רוף מיר דאַ אַהער דעם גייסטליכע. דער אַלטער מיכאל האט פינאַרדין אָן געקיקט זעהר פערוואונדערט, אָבער פינאַרד האט איהם נאך איין מאהל געשיקט נאך דעם גייסטליכען.

האט איהם דער אַלטער בעאַנטוואָרט—געגעהדיגער העה פירסט, דוא ווייסט דאך דאס דער גייסטליכער איז שוין 15 יאהר טויט, אונד ביז יעצט איז נאך ניט געוועזין קיין אַנדערער.

אַך יאַ עס איז דאך וואהר, האט איהם פינאַרד גיאַנטוואָרטעט מיט איין זיפץ, ער האט וואהר שיינדליך פאר געסין אַן דעם-אַלזויא געה צו דעם לאַגער פאן דעם קעניג פאן פראנקרייך צו מיין העה אונד העררשער, אונד ביטע דעם גייסטליכען דע-ניאן דאס ער זאל קאמען, מיינע זינדע איבער צו נעמין אונד צו פאַרגעבין.

ליידער פינאַרדס שרייען וואהר יעצט אום זאנסט, עס מעכטע איהם שוין קיין 100 גייסטליכע דאן ניט העלפין.

אויף צו מארגינס פריא וואהר דער שלאכט פלאַץ שוין בגרייט, אונד דער קעניג דאגאָבארד. אַרום איהם זיינע אַלע העלדין אונד הויף לייטע זענין אַרויף גיגאַנגין

אויף דיא בּינֶעס וְואס עָס אִיז פִיהְר זַייא אָן גִיגְרַייט גִיוָואְרִין.

לִידֶערִינג וַואהְר אִין זַיין גָעצֶעלט, וויא דָער קֶענִיג הָאט אִיהְם דָארְט אהין גֶעשִׁיקְט זֶעהְר שֶׁיינֶען גִיוֶועהְר, זויא וְויא עֶר הָאט זַייא גִיפְּרָאבִּירְט אִין דִיא הַאנד צוּ הַאלְטִין, הָאט זִיךְ אִיהְם גִידַאכְט דָאס ער שְׁטֶערְט אִיהְם נָאר, אַלְזויא הָאט עֶר דָאס צוּ ריק גֶעשִׁיקְט, דֶעם קֶענִיג מִיט דֶעם פֶּערְאנְטְוָוארוּנְג דְאס עֶר אִיז נִיט גִיוָואהְנְט צוּ בֶּענִיצִין קַיין גִיוֶועהְר, אוּנ דָאס עֶר אִיז זִיכֶער אוּנְד הָאט עָס עֶרְצֶעהְלְט מִיט וואס, דָאס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ אַיין פַּאנצֶער פְּאן שִׁיפֶּען וָואס עֶר הָאט דָאס בֶּעקוּמֶען וְואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעבָּאדִין אִין בְּלוּט פָאן אַיין סְמָאק וָואס עֶר הָאט אִיהְם גִיהַארְגִיט.

דִיא אוּהְר הָאט 6 גִישְׁלאגִין, דָאס וַואהְר דִיא צַייט פָאן דֶער שְׁטַרַייט, אוּנד אַלֶע וַוארִין זעהר פאר וואוּנדֶערְט וְואס מַאן זֶעהְט נָאךְ נִיט דֶעם פִּירְסְט דֶע-בָּאק וָואס עֶר הָאט גִיזָאלְט אִין דִיא צַייט שׁוֹין זַיין אִין גִיצֶעלְט, נֶעגֶען אִיבֶּער לִידֶערִינְס גֶעצֶעלְט. דֶער קֶענִיג הָאט גִימֵיינְט דַאס דֶער פִּירְסט וואהְר שׁוֹין אָן גֶעגִירְט אִין זַיין פֶעסְטוּנְג, הָאט עֶר בֶּעפוילִין דָאס מאן זָאל אַיין סִינְגַאהְל גֶעבִּין צוּ שְׁטַרַייט. עָס אִיז גְלַייךְ עֶרְפִילְט גִיווארִין אוּנְד מַאן הָאט גְלַייךְ אוּיס גִיטְרַאמֵייטֶערְט 4 מָאהְל, אַיין צֵייכִין דָאס לִידֶערִינג רוּפְט דֶעם פִּירְסְט צוּם שְׁטְרַייט.

דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ נִיכְט גֶערִירְט, דֶען זויא גְלַייךְ וְויא מַאן הָאט נאר דֶעם סִיגְנַאהְל גִיגֶעבִּין זויא הָאט זִיךְ דָאס טוּיעֶר גִיעֶפִינְט, אוּנ דֶער פִּירְסְט דֶע-בָּאק, הָאט זִיךְ

גִיצַייגְט, נִיט אַזוֹיא וִויא מַאן הָאט זִיךְ גִירֶעכְט אוֹיף אִיהְם, דָאס עֶר זָאל אַרוֹיס קָאמֶען אוֹיף אֵיין גוּט פֶערְד אוּנְד גוּט אָן גִיגִירְט, נָאר עֶר אִיז לֵיידֶער גִיקָאמֶען צוּ פִּים אַן גִיצוֹיגִין אִין אֵיין זַאק מִיט אֵיין שְׁטְרִיק אוֹיף דֶעם הַאלְץ אוּנְד אַשׁ גֶעשִׁיט אוֹיף דֶעם קָאפְּף, אוּנְד נָאךְ אִיהְם אִיז גֶערִיטֶען דִיא גְרֶעפִין אוֹיף אֵיין שֶׁעהְנֶעם פֶערְד, אָן גֶעצוֹיגִין אִין אֵיין מַאנְטִיל פָאן אֵיין פִּירְסְט, מִיט דִיא קְרוֹין אוֹיף דֶעם קָאפְּף אוּנְד נֶעבִין אִיהְר אִיז גֶערִיטֶען דֶער גֵייסְטְלִיכֶער דֶע-נְיָאן אִין פָארְמַאלְנֶעם אַנְצִיג. נָאךְ זֵייא אִיז נָאךְ גִינַאנְגִין אַלֶע הוֹיף לֵייטֶע אוּנְד דָאס גַאנְצֶע מִילִיטֶער, נָאר אָן גֶעזִיכְט שִׁיצֶער, אוּנְד אָהְנֶע שְׁוֶוערְדִין, אוֹיף אֵיין צֵייכִין דָאס עֶר גֶעט זִיךְ אוּנְטֶער.

דִיא זֶעלְטֶענֶע קָאמְפַּאנְיֶע אִיז אַרוֹיף גִינַאנְגִין אוֹיף דֶעם שְׁלַאכְט פְּלַאץ, אוּנְד פִינַארְד אִיז צוּ גִינַאנְגִין צוּם קֶענִיג. אוּנְד אִיז גִיפַאלִין אוֹיף דִיא קְנִיא, דַאן אִיז גִיוָוארִין זֶעהְר שְׁטִיל, דֶען יֶעדֶער הָאט גֶערִין גִיוָואלְט הֶערִין וָואס דֶער פִירְשְׁט וֶועט שְׁפְּרֶעכִין.

גֶענֶעדִיגֶער הֶער קֶענִיג-הָאט פִינַארְד אַן גִיפַאנְגִין-אִיךְ שְׁטֶעה פִיר דִיר זוֹיא וִויא דֶער גְרֶעסְטֶער פַאר בְּרֶעכֶער וָואס עֶר בְּרוֹיכְט נָאמֶעס גֶענֶאדֶע (לַאסֶעקְיֶ) (הִילְף), אוּנְד וָואס עֶר הָאט וֶוערְקְלִיךְ פַאר דִינְט דֶעם טוֹיט. אָבֶער יֶעצְט בֶּעט אִיךְ אֵייעֶר מֵייסְטֶעט אוּם פֶער צֵייאוּנְג דַאס זִיא זָאלִין אִיהְם דָאס לֶעבִּין שֶׁענְקִין דָאס עֶר זָאל קֶענִין זַיין פֶעלֶער פַאר רֶעכְטִין, אוּנְד זָאל קֶענִין בֶּעקָאמֶען אֵיין פַאר צֵייאוּנְג פָאן הִימֶעל. אַלְס וַואס דֶער הֶער גְרַאף לִידֶערִיג הָאט גִיזָאגְט אִיז אַלֶעס וַואהְר, אָבֶער אִיךְ בֶּעט אִיהְם אוּם פַאר

צֵייאוּנְג , זויא וִויא זַיינֶע מוּטֶער הָאט מִיר שׁוֹין מֵיינֶע זִינְדֶע פִּאר גֶעבִּין , אוּנְד אִיךְ בִּיטֶע אִיהְם דָאס עֶר זָאל פְּאן מִיר צוּ נֶעמִין , אַלְס לוֹין , פִּיר דַאס שְׁלֶעכְץ וָואס אִיךְ הָאבּ אִיהְם גִיטָאן , דָאס פִּירְסְטוּנְג פָאן דֶע–בָּאק' אוּנְד דָאס גְרַאפוּנְג הַארְלֶעבֶּעקֶע' , וָואס אִיךְ גֶעבְּרוֹיךְ דָאס , קֵיין גְרֶעסֶערִין הֶעלְד אוּנְד קֵיין אָרֶענְטְלִיכֶער מַאן וִויא לִידֶערִיג אִיז נִיט אַוֶועק צוּ גֶעבִּין .

–פִּירְסְט–הָאט אִיהְם דֶער קֶענִיג בֶּעאַנְטְוָוארְט , וֶוען דֶער וָואס דוּא הָאסְט אִיהְם שְׁלֶעכְץ גֶעטָאהְן , אוּנְד הָאסְט אִיהְם זויא לַאנְג אִין גֶעפֶענְקֶענִים גִיהַאלְטִין , הָאט דִיר דַיינֶע זִינְדֶע פִּאר גֶעבִּין . אַלְזויא פַאר גִיבּ אִיךְ דִיר , אוּנְד אוֹיף וַוייטֶער , פַאר לָאס אִיךְ מִיךְ אוֹיף דֶעם עֶווִיגֶען גָאט .

פִּירְסְט דֶע–דְיָאן , הָאט דֶער קֶענִיג , אוּם קֶענִינְם זִיךְ גִיזָאגְט צוּ לִידֶערִיגֶען , הָאסְט דוּא גִיהֶערְט וָואס פִּינַארְד הָאט גֶעזָאגְט , אוּנְד צוּא דוּא פַאר צֵייעֶסְט אִיהְם זויא וִויא אִיךְ .

אָבֶּער לִידֶערִיג וַואהְר דַאן שׁוֹין אִין דִיא מוּטֶערְס אָרֶעם , וָואס עֶרְמַאנְגַארְדֶע הָאט אִיהְם גְלֵייךְ עֶרְקַאנְט פִּיר אִיהְר זָאהְן , אוּנ זִיא אִיז צוּ גִינַאנְגֶען , צוּם קֶענִיג , אוּנ הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט ,

יַא גֶענֶעהְדִיגֶער הֶער קֶענִיג , וִויר פַאר צֵייעֶן דֶעם פִּירְסְט דֶע–בָּאק , מִיט דעם גַאנְצִין הַארְץ , נָאר וִויר בִּיטֶען נָאךְ דָאס דֶער קֶענִיג זָאל אִיהְם לַאסִין בֵּייא זַיין נָאמֶען , אוּנְד פַארְמֶעגִין , זויא לַאנְג וִויא עֶר וֶועט לֶעבִּין , אוּנְטֶער פֶּערְמֶעגִין דֶע–דְיָאן , אִיז גֶענוּג גְרוֹיס אוּנ שְׁטַארְק , אוֹיף

דָעם דָאס מֵיין לִיבֶּער זָאהְן, זָאל ,קענִין זַיין גֶעעֶהְרְטֶען קֶענִיג דִינֶען זויא וִויא ,עם גִיהֶער.

פִינַארְד הָאט נִישְט גֶעווַארְט אויף ,קיין אַנְטְוָוארְט פָאן קֶענִיג, נָאר ,ער הָאט גְלַייך אַנִידֶער גִילֵייְקט דִיא שְׁלִיסְלֶען, פָאן זַיין פַאר מֶענִין, פַאר דִיא פִּים פָאן ,דֶעם ,קעניג דַאנְקבֶּערְט, אונ האט אִיהְם גִיזָאגְט, דָאס ,ער גִיבְּט אִיהְם דַאס שׁוין צוּ פְּרָאזֶענְט, זַיין גַאנְץ פַאר מֶעגִין, אונ פִיר זִיךְ הָאט ,ער נָאר אִיבֶּער גִילָאזְט, דְרַייא אֵיילִין ,עֶרְד, אויף אֵיין גְרָאב, וְואס וַואהְר שׁוין אוים גִיגְרָאבִּין, פָאן דִיא נַאכְט אָהְן, וְואס זַיין פָאטֶער הָאט דָאס אִיהְם גִיצֵייְגְט.

נאךְ דֶעם וִויא פִינאַרְד הָאט גִיעֶנְדִיגְט, דִיא אוֹיבִּין גֶעשְׁרִיבֶּענֶע רֵיידֶע, וָואס ,ער הָאט גִירָעט מִיט אַלֶע קְרֶעפְטִין הָאט ,ער זִיךְ אַנֵייג גִיטָאהְן, צוּם ,קענִיג, אונ הָאט זִיךְ אַריין גִילָאזְט מִיף אִין וַואלְד אַרַיין זויא אִיז ,ער אִין אֵיינֶע קוּרְצֶע צַייט פַאר שְׁווינְדֶען, פָאן אַלֶע אוֹיגִין,

אִין דֶעם זִעלְבִּין טָאג, הָאט דֶער ,קענִיג גִימַאכְט אֵיין צֶערְמָאנִיֶע אִין שְׁלָאס ׳דֶע—בָּאק, אונ לִידֶערִיג הָאט אִיהם צוּ גִישְׁוָואהְרִין טְרַייהֵייט, אונ הָאט אִיבֶּער גִינָאמֶען, אונ גִיקְרֵיינְט גִיוָוארִין, אַלְם פִירְסְט ׳דֶע—בָּאק, גְרַאף דֶע—הַארְלֶעבַאקֶע, אונְר פִירְסְט דֶע—דְיָאן, דֶער ,קענִיג הָאט אִיהְם נָאךְ אֵיין טִיטֶעל, (נָאמֶען) צוּ גִיגֶעבִּין, דֶער עֶרְשְׁטֶער הֶערְשֶׁער ׳פלאנדריא.

נָאךְ אַלֶעם הָאט מַאן אֵיין מָאהְל צַייט גִימַאכְט, פִיר דֶעם ,קענִיג מִיט אַלֶע הוֹיפְלֵייטֶע, אונ בֶּעזָאנְדֶער פִיר אַלֶע סָאלְדַאטִין, אונ מַאן הָאט דֶעם גַאנְצִין טָאג גִיפֵייעֶרְט,

און דיא קאפעלע (מוזיק) האט בעגלייט דעם קעניג מיט זיין גאנצע קאמפאניע, וויא זייא זענין נאך הויזע גיפארין.

לידעריג האט אן גיפאנגין צו רעגירען, אונד ארום צו רייזין, דאס פארינע אונ דאס פרישע פאר מעגין, דאס עס זאל בעוואוסט זיין, איבעראהל זיין נאמען. אונ וועסען מען זאל דינען. אונ אן צו צייגין זיינע פראקורענטין דאס זייא זאלין זיך צייכנען אום זיין נאמען.

דיא רייזע האט גידויערט דרייא טאגען, אונד איבער דיא גאנצע דרייא טאהג, וואהר זויא וויא אין איין פייערטאג דען ערמאנגארדע, וואהר זעהר געליבט פאן איהרע אונטער טעהנער. איבער דיא גאנצע צייט, פאן איהר זיין אין געגענקענים, האבין אלע געבעטין דעם ליבען גאט, דאס ער זאל זייא וויא אם שנעלסטין זייער פירכטען. צו ריק קערין גיזונד. זויא וויא זיא איז אוועק. אלס דאן וואהר דיא פריידע זעהר גרויס, דאס דער ליבער גאט האט זייער פיהל יערינע ביטע אויס גיהערט. וואס זייא האבין זיך עבין דארויף גיראכט.

וויא זייא זענין צו ריק גיקאמען. אין דעם פאלעה דע–באק. האט ערמאנגארדע גיפרעגט איהר זאהן. צו ער האט איבער דיא צייט וואס ער האט גירייזט אן גיטראפין איין ארענטליך מעדכען. וואס ער זאל זיא קעניג רעכינען פיר זיינע בעליבסטע.

אבער לוידער האט ער גיאנטווארטעט, ניין, דאס אין זיין רייזע, אונד אין קעניגליכען הויף, אויך אין זיינע גיטער, האט ער ניט אן גיטראפין, איין מעדכין, דאס

עֶר זָאל זִיא קֶענְין לִיבֶּען .

דִיא אַנְטְוואָרְט הָאט דִיא נוּטֶע מוּטֶער אוּנְד פִּירְסְטִין, זֶעהְר טְרוּירִיג גִימַאכְט, דֶען זִיא הָאט שׁוֹין אַנְגִיפַאנְגֶע אַלְט צוּ ווֶערִין, אוּנ זִיא ווָאלְט גֶערִין פַאר אִיהְר טוֹיט, נָאךְ אֵיין אֵיינֶיקֶעל אִין אִיהְרֶע אָרֶעמֶען גֶעהַאלְטִין .

אַבֶּעְנְדְס אִיז לִידֶערִיג . גִינַאנְגִין אִין גָארְטִין אַרֵיין, אוּנ עֶר אִיז לֶענגֶער פַאר בְּלִיבֶּען ווִיא אִימֶער, דֶען דִיא פְרַאגֶע פָאן זַיין מוּטֶער, הָאט אִיהְם אַרֵיין גִיבְּרֶענְגְט אִין אוּנְמוּט, אוּנְד זִיא הָאט אִיהְם יֶעצְט אוֹיף מַארְקְזַאם גִימַאכְט .

עֶר אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף אֵיין בַּאנְק פַאר קְלֶערְט, אוּנ דַאס גֶעזִיכְט פַאר דֶעקְט, מִיט זַיינֶע הֶענְד, אַלְס דַאן הָאט זִיךְ אֵיין שְׁפִּיל פוֹיגִיל אָפּ גִישְׁטֶעלְט, אוֹיף אֵיין צְווַייג אִיבֶּער זַיין קָאפְּף, אוּנ הָאט אַנְגִיפַאנְגְען צוּ זִינְגֶען .

עֶס אִיז אֵיין מֶעדְכִין פַאר הַאנְדִין,
ווָאס זִיא גֶעהֶער צוּ זַיין דַיין פְרֵיינְדִין .

זִיא אִיז ווַייסֶער ווִיא שְׁנֵייא,
זִיא קָאן דִיר זַיין טְרֵייא,

זִיא אִיז פְּרִישֶׁער ווִיא דֶער פְרִיא מָארְגִין,
אוּנְד זִיא טוּט עֶבִּין ווֶעגִין דִיר זָארְגִין,

זִיא אִיז רֵיינֶער ווִיא דָאס סאנְדִיא מֶעהְר,
ווָאס זִיא בְּלוֹיז נָאר אַן דִיר אַן גֶעהֶער .

זִיא הָאט נאך קֵיין מַאנְסְפֶּערְזאהְן גֶעלִיבְּט ,
זִיא אִיז וֶוענְן דִיר זֶעהְר בֶּעטְרִיבְּט ,

דֶען זִיא גֶעבְּרויכְט צוּ לִיבֶּען נָאר דִיזֶען ,
וָואס וִוירְד גִיבֶּערְלִינְגֶע אֵיין גֶעהְמֶען מִיט אִיהְרֶע רִיזֶען ,

וֶוען דוּא וָואלְסְט אִיהְרֶע פַאמִילְיֶע עֶרְוֶועקִין ,
קָאן אִיךְ זֵייא דִיר אַנְטְדֶעקִין ,

זִיא הֵייסְט קְרִימִילְדֶע דִיא שֶׁעהְנֶע ,
דִיא גוּטֶע פְרָאמֶע אוּנְד פֵיינֶע ,

זִיא אִיז גוּנְטֶערְס שְׁוֶועסְטֶער ,
קֶענִיג הִיגְלַאנְדִיא דֶער גְרֶעסְטֶער ,

מֶעהְר בְּרויכְסְט דוּא דִיךְ נִישְׁט פְרֶעגִין ,
וְויא גְרוֹים אִיז אִיהְר פַאר מֶעגִין ,

נָאר בּלוֹיז דֵיין מוּטֶער פְרֶעג ,
אוּנְד מָארְגִין לָאז דִיךְ אִין וֶועג ,

אוֹיךְ צוּא מָארְגִינְס , הָאט לִידֶערִיג דִיא מוּטֶער בּענַאכְרִיכְטֶעט , דָאס מִיט קֵיין מֶעדְכֶען וִוירְד עֶר נִישְׁט הֵייראטֶען , נָאר מִיט דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע , מִיט דִיא שְׁוֶועסְטֶער פוּן גוּנְטֶער דֶער קֶענִיג הִיגְלַאנְדִיא .

דִיא מוּטֶער הָאט אִיהְם אָבֶּער גִיפְרֶעגְט , וְויא וַואהְר דֶען דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע , אוּנ וְויא גֶעפִינְט זִיךְ דָאס קֶענִיגְרַייךְ , הִיגְלאנדֶע ? לִידֶערִיג הָאט אָבֶּער בֶּעאַנְטְוָוארְט דָאס עֶר וֵוייסְט דָאס נִישְׁט , נָאר דָאס נָאךְ הֵייטֶע טוּם

עֶר אַוֶועק רֵייזֶן , נִישְׁט צַייט צוּ פֶערְלִירֶען , אוֹיף צוּ זוּכֶען וִויא עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָאס קֶענִיגְרַייךְ , אוּנ וָואה אִיז דִיא שֶׁעהְנִע קְרִימִילְדֶע .

אוּנְד זוִיא וִויא עֶר הְאט גִיזְאגְט , זוִיא הָאט עֶר גִיטאהְן , דִיא זֶעלְבִּע נאכט . הָאט עֶר אִיבֶּער גִילְאזְט זַיין רֶעגִירוּנְג , אִין דִיא הֶענְד , פְאן זַיין מוּטֶער עֶרמַאנְגַארְדֶע אוּנ הְאט זִיךְ אָן גִעגִירְט אִין זַיין גוּטֶע בֶּעקאנְטֶע שְׁוֶוערְד , ׳באלמונג. אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיף גִיזֶעצְט אוֹיף אֵיין זֶעהְר גוּטֶעם פְפערְד , וְואס עֶר הָאט דָאס בְּעקְאמֶען , פְאן דֶעם קֶענִיג דַאגָאבֶּערְט , אוּנ אִין גֶעזֶעלְשַׁאפְט פָאן זַיין (אַטִיוּדַאנְט) לֵייבּ מַאן פֶּעטֶערְס , אִיז עֶר אַוֶועק נֶעפָארִין אוּם צוּ זוּכִין , דִיא שְׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע .

דֶער יוּנגְער מַאן הָאט זוִיא אָפּ גִירֵייזְט אַפְּאר הוּנְדֶערְט מַייל , דוּרְךְ עֶרְד , אוּנְד וַואסֶערִין , דוּרְךְ בֶּערְגֶער , אוּנ טְאהְלִין (גְרִיבֶּער) , אוּנְד וַואהְר זִיכֶער דָאס עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אִירֶען אִין וֶועג , דֶען דֶער שְׁפִּיל פוֹיגִיל אִיז אִימֶער גִיפְלוֹיגִין , אִיבֶּער אִיהְם , נָאר אַלֶע אַבֶּענְדְס הְאט עֶר זִיךְ אָפּ גִישְׁטֶעלְט , אוֹיף אֵיין בּוֹים , וְואס עֶר אִיז אוּנְטֶער אִיהְם גִילֶעגִין , אָדֶער אוֹיף אֵיין זֶגֶעל בּוֹים פָאן דִיא שִׁיף וְואס עֶר אִיז אוֹיף אִיהְר גִיפָארִין אוֹיף אֵיין מֶעהְר , אָדֶער אוֹיף אֵיין טַייךְ .

אַלְס דַאן אֵיין מָאהְל אִיז עָר גִיקָאמֶען אוֹיף נַאכְט , אִין אֵיין זֶעהְר שֶׁעהְנֶע גֶעגֶענְד , אוּנ אוֹיךְ זוִיא וִויא גֶעוֶועהְנְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ גִילֵייגְט צוּ זַאמֶען , מִיט פֶּעטֶערְסִין שְׁלָאפִין , אוּנְטֶער אֵיין בּוֹים , אוּנְד דָער פוֹיגִיל הְאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט

אִיבֶּער אִיהְם, אוֹיךְ דִיא פֶערְד הָאבִּין זִיךְ אַרוּם זַייא
גֶעפַּאשֶׁעט זוֹיא הָאבִּין זַייא אֵיין גַאנְצֶע נַאכְט גֶעשְׁלָאפִין.

אוּנד וְויא עֶס אִיז גִיקָאמֶען גַאנְץ פְרִיה, עֶס הָאט נַאר אַנְגִיפַאנְגִין צוּ טַאגִין. הָאט זִיךְ גִילָאזְט הֶערִין אֵיין גֶערִידֶער אוּנְד גֶעפִּילְדֶערַייא. זוֹיא דָאס לִידֶערִיג הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיף גֶעכַאפְּט, עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלט אִיבֶּער צַייגִין וָואס דָאס אִיז, אוּנְד עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוֹיף הֵייבִּין, הָאט עֶר זִיךְ אִיבֶּער צַייגְט, דָאס עֶס אִיז אוּם מֶעגְלִיךְ. עֶר וַואהְר צוּ גֶעבִּינְדֶען צוּ דֶעם בּוֹים, זוֹיא דָאס עֶר הָאט נִישְׁט גִיקָאנְט רִירֶען נִישְׁט מִיט קֵיין הַאנְד, אוּנְד נִישְׁט מִיט קֵיין פִים.

דַאן הָאט עֶר דֶער הֶערְט אַרוּם זִיךְ אֵיין שֶׁענְדְלִיךְ גֶעלֶעכְטֶער, אוּנְד אֵיין שְׁטִימֶע וָואס הָאט אִיהְם גִיוָוארִינְט אוֹיךְ אֵיין פְרַאגֶע.

וֶועהְר בִּיסְט דוּא אוּנְד וָואס ווִילְסְט דוּא אוֹיךְ נִיא גֵייסְט דוּא.

לִידֶערִיג הָאט גִיוָואלְט זֶעהְן וֶוער עֶס רֶעט צוּ אִיהְם זוֹיא זִיכֶער, הָאט עֶר זִיךְ אֵיין פֶּעסְטִין קֶער גִיגֶעבִּין, זוֹיא דָאס דִיא שְׁטְרִיק זֶענִין גְלַייךְ גִיפְּלַאצְט, וָואס וַוארֶען דֶעם קָאפּף גֶעבִּינְדֶען, אוּנ הָאט נִיקֶענְט זֶעהְן וֶוער עֶס הָאט אִיהְם דִיא פְרַאגֶע גִימַאכְט.

עֶס וַואהְר אֵיין קְלֵיינֶער פֶּערְזָאהְן, עֶר הָאט גִיהַאלְטִין אַנְדֶערְט הַאלְבֶּען אֵיילִין דִיא הֵייךְ, מִיט אֵיין גַאנְץ לַאנְגֶע וַוייסֶע בָּארְד מִיט אֵיין גָאלְדֶענֶע קְרוֹין אוֹיף דֶעם קָאפְּף,

אין דיא האנד האט ער גיהאלטען איין גאלדענע בייטש, מיט פיר שטאלערנע קעטבען, אויף דעם עק פאן דעם קעטכען, האט גיהאנגען איין געשליפענער דיאמאנט, יעדער קאנט פאן דעם דיאמאנט, וואהר פיהל שארפער, וויא איין ברייטווע, (איין גאל מעסער) זויא ווען דער מענטש האט יעמאנדין איין זעץ גינעבין, האט ער מיט איין מאהל זיבען ראנעס גימאכט.

לידעריג האט גלייך פאר שטאנין דאס דיזעס קליינע וועזין האט איהם דיא פראגע גימאכט, האט ער איהם גיאנטווארטעט, דיזע ווערטער.

איך בין לידעריג, דער ערשטער גראף פאן פלאנדריא איך בין גיקאמען איין נעהמען דעם שאץ פאן ניבעלונגע, אויך דעם נישט זעהענדין געזיכט שיצער, דער נישט זעהענדער געזיכט שיצער, וואהר זויא איין געוועהר, וואס איז אויף איין מיצע, ווען מאן לאסט דאס ארונטער אויף דעם געזיכט, קאן מאן דיזען מאן וואס טראגט דאס נישט זעהען, אונ ער זעהט אלעס), אונ איך געה זוכין דיא שעהנע קרימילדע דיא שוועסטער פאן גונטער, דער קעניג פאן היגלאנדע.

ווען זויא האט איהם דאס מענטשיל גענטווארטעט האט זיך דיין רייזע שוין גיענדיגט, דוא ביסט צוואהר שוין איז דעם פאר מעגין, ניבעלינגע, נאר אויף דעם ארט וואס דוא ווילסט איין נעמין דעם שאץ אונ דעם נישט זעהענדין געזיכט שיצער, ווירסט דוא דיין לעבין שוין ענדיגען, ביי דיא ארבייט, פאן דעם גראבין. וואס

הֵייסְט סְאלְטֶעְן , אוּנ דֵיין דִינֶער וִוירְד מֵיינֶע שְׁוֵויינִין פּאשֶׁען (חַזִירִים) , אוֹיךְ דַיינֶע צְוֵוייא פֶּערְד ווירְדֶען דְרֵייעֶן בֵּייא דִיא רֶעדֶער פוּן מֵיינֶע מִילֶען , אוּנְד דֵיין שְׁפִּיהְל פוֹיגִיל , וִוירְד זִינְגֶען , בַּייא מִיר אִין אֵיין שְׁטַיינ , וָואס עֶס הֶענְגְט אִין מַיין פֶענְצְטֶער, אוּנד דִיא פִירְשְׁטֶען קְרִימִילְדֶע , וָואס עֶרְוַוארְטֶעט דִיךְ מִיט אָן גֶעדוּלְט . וֶועט הֵייַראטֶען אֵיין אַנדֶערִין , אָדֶער זִיא וֶועט שְׁטַארְבִּין אֵיין מֶערְבִין , זִיא וִויא דִיא טָאכְטֶער פָאן יֶעפְטֶע , אוֹיף אֵיין צֵייכִין דָאס אִיךְ זָאג דִיר אַלֶעס וַואהְר , זָאג אִיךְ דִיר נָאךְ דָאס , אִיךְ בִּין אַלְבֶּערִיק , דֶער קֶענִיג פָאן נִיבֶּערְלִינְגֶע .

אוֹיף דִיזֶע שְׁטְרֶענְגֶע וַוארְנוּנְגֶען , וָואס לִידֶערִיג וַואהְר נָאךְ בִּיז יֶעצְט נִיט גֶעוָואהְנְט צוּ הֶערִין , הָאט דָאס אִיהְם זֶעהְר גִיקְרֶענְקְט . אוּנ עֶר אִיז זֵייעֶר בֵּייז גִיוָוארִין , זוֹיא דָאס עֶר הָאט זִיךְ אֵיין שְׁטַארְקִין קֶער גִיטָאהְן , הָאבִּין דִיא שְׁטְרִיק אוּנְטֶער אִיהְם גִיפְּלַאצְט , אוּנ וֶוען עֶר הָאט נָאר גִיקֶענְט אֵיין הַאנְד אַרוֹיס נֶעמִין , זוֹיא וִויא עֶר הָאט גִיהַאט נָאר פְרֵייא אֵיין הַאנְד , זוֹיא הָאט עֶר אִין אֵיין מִינוּט , אַחַאפּ גֶעגֶעבִּין דֶעם קֶענִיג אַלְבֶּערִיק , בֵּייא דִיא בָּארְד , נָאר דֶער קֶענִיג הָאט אִיהְם אַנְגִיפַאנְגִין , צוּ שְׁלָאגִין , מִיט זַיין גָאלְדֶענֶע בַּייטְשׁ , זוֹיא שְׁטַארְק , דָאס עֶר אִיז גֶעוֵייט גִיוֶועזִין דִיא הֶענְד אָפּ צוּ לָאזִין , דֶען עֶר הָאט אִיהְם מִיט דֶעם דִיאַמֶענט גִיטְרָאפִין , אוֹיף דֶעם אָרְט , וִויא עֶס אִיז אִיהְם דַאמָאלְס אַרוֹיף גִיפַאלִין דָאס לִינְדֶען בְּלֶעטִיל , אוּנְד וַואהְר אוֹיף דִיזֶען אָרְט נִישְׁט גֶעפַאנְצֶערְט , אַלְזוֹיא הָאט עֶר אִיהְם גֶערַאנִירְט .

אִין דִיא זֶעלְבֶּע מֶענִיט הָאט דֶער קֶענִיג צוּ זָאמֶען

גֶערוּפֶען, צוּ זִיךְ זַיין מִילִיטֶעהר, הָאט יֶעצְט לִידֶערִיג דֶערְפִילְט וְויא מֶען שְׁלָאגְט אִיהם מִיט פֶערְשִׁידֶען גִיוֶועהְר, אוּנ אויךְ מִיט דִיא גָאלְדֶענֶע בַּייטְשׁ, זוֹיא דָאס מַאן הָאט גִיהַאקְט זַיין קֶערְפֶּער זוֹיא וְויא מַאן הַאקְט דִיא גֶעטְרֵיידֶע אִין דִיא סְטָאדָאלֶעם.

דַאן הָאט לִידֶערִיג גִיזֶעהְן, דָאס עֶס אִיז אַשָׁאדֶע דִיא צֵייט צוּ פַאר לִירֶען, הָאט עֶר זִיךְ מִיהֶע גִינֶעבִּין, צוּא בֶּעפְרֵייֶען, אוּנ הָאט מִיט דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד, וָואס עֶר הָאט שׁוין פְרַייא גֶעהַאט, זִיךְ בֶּעפְרַאיֶעט דִיא לִינְקֶע הַאנְד אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיף גִיזֶעצְט.

אוּנ אוֹיף זוֹיא אֵיין פַּאסָאן, הָאט עֶר גִיקֶענְט זֶעהְן' דָאס אַרוּם אִיהְם. אוֹיף אֵיין הַאלְבֶּע מַייל וַוייט בֶּעלֶעגֶערְט מִילִיטֶעהְר פָאן גִיבֶּערְלִינְגֶע. עֶס הָאט גִיקֶערְט צוּ זַיין בִּיז צֶעהְן טוֹיזֶענְט מַאן רַייטֶער אוּנְד פִים גֵייעֶר, אויךְ מִיט פֶערְשִׁידֶען גִיוֶועהְר, אֵיין טֵייל מִיט הֶעק, אֵיין טֵייל מִיט פִּיקֶעס, מִיט שְׁוֶוערְדִין, אוּנְד דֶער גְלַייכֶען פֶערְשִׁידֶען גִיוֶועהְר.

אִין מִיטֶען אִיז גִישְׁטַאנִין דֶער קֶענִיג אַלְבֶּערִיק, אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיף גִיזֶעצְט אוֹיף אֵיין פֶערְד, וָואס מַאן הָאט דָאס אִיהְם יֶעצְט צוּ גִיבְּרֶענְגְט. דֶען עֶר הָאט גִיזָעהְן. דָאס עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גִילֶעכְטֶער, עֶר הָאט נִיט פַאר שְׁטַאנִין מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט צוּ טָאהְן.

אֵיין גַאנְצֶע נַאנְדֶע, עֶס הָאט גִיקָאנְט זַיין הוּנְדֶערְט פִּיזְרְזָאהְן הָאבִּין פֶּעטֶערְסִין אָפּ גֶעפִירְט מִיט זַיינֶע צְוֵייא פֶערְד, אִין פְּלֶען אַרַיין אוּנ אֵיין שְׁוַוארְצֶער מוֹיעֶר הָאט דֶעם

שְׁפִּיל פוֹיגִיל אַרַיין גִינָאמֶען אִין אַשְׁטַייג אַרַיין. אוּנ הָאט דַאבֵּייא גֶעטַאנְצְט אִין גֶעלַאכְט זֶעהְר שֶׁענְדְלִיךְ.

דִיזֶע סְצֶענֶע הָאט מֶעהְר גִיוֶוערְקְט אוֹיף לִידֶערִיגְן, וִויא זַיין גַאנְץ פֶערְלֶעגִינְהֵייט, הָאט עֶר בֶּעפְרַייֶעט זַיין רֶעסְט קֶערְפֶּער, צְוַואהְר מִיט קְרֶעפְּטִין, אוּנְד זוֹיא וִויא עֶר הָאט זִיךְ נָאר אוֹיף דִיא פִּים גִישְׁטֶעלְט זוֹיא הָאט עֶר גְלֵייךְ גִיחַאפְּט זַיין שְׁוֶוערְד, דִיא בַּאלְמוּנְג' אוּנְד הָאט זִיךְ גִילָאזְט נָאךְ זֵייא נָאךְ צוּ יָאגִין אוּם צוּ בֶּעפְרַייעֶן פֶעטֶערְסִין. דִיא פֶּערְד אוּנְד דֶעם שְׁפִּיל פוֹיגִיל. אוּנְד זוֹיא וִויא עֶר אִיז צוּא זֵייא נֶעהֶנְטֶער צוּ גִיקָאמֶען זוֹיא הָאט עֶר אַנְגִיפַאנְגִין צוּ פֶעכְטִין גְלֵייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיהַאט צוּ טָאהְן מִיט רִיזֶען. אוּנְד אִין דִיא זֶעלְבֶּע מִינוּט הָאט אַן גִיפַאנְגִין צוּ פַאלִין הֶענְד, קֶעפּ אוּנְד פִּים, זוֹיא דָאס יֶעדֶער הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גִיהַאלְטִין אוּנְד זֶענִין אַנְטְלָאפִין וִויא וַוייט זֵייא הָאבִּין נָאר גִיקֶענְט גִישְׁווִינְד, נָאר אֵיין שְׁוַוארְצֶער מוֹיֶער הָאט נִיט גִיוָואלְט אָפְּלָאזִין דִיא שְׁטַייג מִיט דֶעם שְׁפִּיל פוֹיגִיל נָאר לִידֶערִיג הָאט אִיהְם אֵיין נֶעם גִיגֶעבִּין בַּייא דֶעם פַּאס, הָאט דֶער מוֹיֶער גֶעוָואלְט אִיהְם אַבִּים גֶעבִּין, נָאר עֶר הָאט אִיהְם שְׁנֶעל אֵיין וָוארְף גִיגֶעבִּין צוּ דֶער עֶרְד, אוּנְד הָאט אִיהְם מִיט דִיא פִּים גִיטְרֶעטִין זוֹיא וִויא מֶען צוּ טְרֶעט אֵיין וֶוערְמִיל. גְלַייךְ הָאט לִידֶערִיג בֶּעפְרַייֶעט פֶּעטֶערְסִין, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעשְׁנִיטֶען, דִיא שְׁטְרִיק פָאן דִיא פֶערְד גֶעעֶפִינְט דָאס שְׁטַייגִיל. קוּרְץ עֶר הָאט אִין אֵיין מֶענִיט אַלֶע בֶּעפְרַייֶעט. אוּנְזֶער לִידֶערִיג הָאט אָבֶּער גְלַייךְ דֶער הֶערְט אֵיין גֶעשְׁרַייא אוּנְד אֵיין שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעפִילְדֶער. אַרוּם זִיךְ הָאט עֶר גְלַייךְ דֶער קֶענְט דָאס אִיז נָאךְ נִישְׁט קֵיין

ענדע אויף דעם וואס עס וואהר. עס איז געבער איין אנפאנג וויא איין ענדע. אונד זיא וויא ער האט זיך אונ געקיקט האט ער דער זעהן. דאס דער קעניג מאכט זיך גרייט צום שלאכט, אונד דאס ער האט צו טיילט דאס מיליטעהר אויף 3 טהייל, 2 טהייל פים גייער אונד 1 טהייל רייטער. אום צו שטרייטין פאן פארנט אונד פאן ביידע זייטין, אונד פאן הינטען האבין פאר געווים אויך גילויערט מיליטעהר, אום פלעצליך צו בעפאלין פאן הינטען.

לידעריג האט אין אנפאנג גערעכינט אויף צו זיצען אויף זיין פערד אונד זיך צו ווארפין אויף זיינע לווענדע, נאר ער האט בערעכינט דאס זיין פערד איז ניט זויא בעפאנצערט זויא וויא ער, אלזויא קאן עס איהם נאר שטערין צום שטרייטין. אויף דיא שטעלע וויא איהם בייא הילפיג צו זיין. אלס דאן האט ער בעפוילין פעטערסין צו שטיין בייא דיא פערד פאן אונטען, אונד זיך פאן דער שטעלע ניט צו רירען, אונד זעלבסט האט ער זיך בעשלאסין שטרייטין צו פים.

אונד וואס אן בעטרעפט דער שפיהל פויגיל, האט ער זיך בעוואויגין אויף איין צווייג פאן איין בוים אונד זיך גאנץ רוהיג אונד אויך זעהר שעהן געזינגען פאן צו פרידע הייט וואס ער וואהר פרייא.

דאן האט זיך יעצט אן גיפאנגין איין שטרייט.

לידעריג זויא וויא ער האט גיזעהן, וויא דער קעניג קאמט צו איהם פאן פארנט מיט דיא קאוואלעריא רייטער, אונ פאן ביידע זייטין מיט פים גייער, אונד אי

פאן אונטען. פאר געוויס אויך מיט פיהל מיליטעהר האט ער אנגיפאנגין אנצוקעגיו צו געהן, אונד האט איין מיהל גיבאכט פאן זיין באלמונג (שוועדד) זויא פלינק אונד געשמט דאס מיט איין מהל האט ער פאר יאגט אלע זיינע לוירער. דאס ניעבלונגען מיליטעהר וואהרין זעהר מייא, אונד אויב וואהל לידעריג וואהר ניבט פארמאטערט, אונד דיא געטריידע שניידער מעכטין דיא העגדע ארונטער פאלין, וועו זייא זאלין זויא פיהל זאנגען אפ שניידין אין איין גאנצין טאג, וויא פיהל ער האט דורך 1 שטונדע מענטשין קעפף אפ גישניטין.

דאן האט אונזער העלד בעמירקט דאס מען גיברויכט צו שטרייטין נאר אויף איין אנדערע ארט, אלס דאן האט ער זיך גיווארפין אויף דער לינקער זייט, וואס ער האט עביז ניט איינים איבער געלאסט. נאכהער האט ער זיך גיווארפין אויף דער רעכטער זייט וואס אלע זענין זיך גליך צו לאפין, זויא דאס עס איז איהם נאר געבליבען, דער קעניג מיט דיא רייטער. אונד וואס אן בעטרעפט דאס מיליטעהר וואס האט איהם געזאלט בעפאלין. פאן הינטען האבין זיך גאר ניט געוואגט צו צו געהן אויף דעם וואס זייא האבין געזעהן וואס עס טוט זיך.

אלזויא איז נאר געבליבען אויף דעם פלאץ, דער קעניג מיט דיא רייטער. נאר לידעריג וואהר איבער צייגט דאס מיט איהם איז איין שלעכט גישעפט, זויא קליין וויא דער קעניג אלבעריק וואהר האט ער דאך אוים גיזעהן אונד אויך קרעפטין גיהאט וויא דער גרעסטער ריז, אבער דאך וואהר לידעריג זויא צו רייצט דאס ער האט זיך

רֶעזִיקִירְט, אוּנְד הָאט נִיט גֶעקִיקְט אוֹיף דִיא רַייטֶער, וָואס נַאהְר זֶעהְר פִיל, נָאר עֶר הָאט זִךְ גִינאמֶען צוּם קֶענִיג.
דֶער קֶענִיג הָאט זִךְ אַנְגִיפַאנְגִין זֶעהְר גִישִׁיקְט צוּ וֶוערִין, אִיבֶּער הוֹיפְּט הָאט עֶר זִיךְ גֶעהִיטֶען דָאס עֶר זָאל נִיט קְרִיגֶען מִיט דֶעם בּאַלְמוּנג, אוּנד זוֹיא הָאט עֶר לִידֶערִיגֶען אַזֶעץ גִיגֶעבִּין מִיט זַיין גאלְדֶענֶע בַּייטְשׁ, דָאס וֶוען לִידֶערִיג מֶעכְטֶע גִיפּאנצֶערְט נִיכְט גֶעוֶועזֶן, וָואלְט עֶר פַּאר גֶעוִויס זַיין לַייבּ אוֹיף שְׁטִיקֶער צוּ הַאקְט. אַם עֶנְדֶע הָאט לִידֶעריג מִיט אֵיין זֶעץ מִיט דֶעם בַּאלְמוּנְג, הָאט עֶר אָפּ גִיהַאקְט דִיא פֶערֶערְשְׁטֶע פִיס פָאן דֶעם פֶערְד, וָואס עֶס אִיז עֶבִּין גְלַייךְ גִיפַאלִין אוּנְד עֶס הָאט פָאן זִיךְ דֶעם קֶענִיג אַרוּנְטֶער גֶעשְׁמִיסֶען.

דַאן הָאט לִידֶערִיג מִיט אֵיין עֶק פָאן בַּאלְמוּנְג אָן גֶערִירְט דִיא בְּרִיסְט פָאן דֶעם קֶעניג, וְואס עֶר הָאט גְלַייךְ פָאן דִיא הַאנְט, דִיא גָאלְדֶענֶע בַּייטְשׁ ארוֹים גִילָאסְט, אוּנְד הָאט זִיךְ גִיבֶּעטִין, אוּם עֶרְבַּארְמוּנְג, אוּנד הָאט צוּ גֶעזָאגְט דָאס עֶר וִוירְד אִיהְם אָפּ גְעבִּין דֶעם שָׁאץ נִיבֶעלוּנְג, אוּנד דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער וָואס מַאן לַאסְט אִיהְם אוֹיף דֶעם גֶעזִיכְט אַרוּנְטֶער, ווירְד מאן נִיט גִיזֶעהְן אוּנד זָלְבְּסְט זֶעהְט מַאן יֶעדֶען, אוּנְד אַלֶעם וֶוען עֶר וִוירְד אִיהְם דָאס לֶעבִּין שֶׁענְקִין.

דִיא רֶעסְט מִילִיטֶעהְר, הָאבִּין בֶּעמֶערְקְט דַאס דֶער קֶעניג זַיירֶער אִיז גֶעפַאלִין, זֶענִין זֵייא אַלֶע אַנְטְלָאפִין, פְּאן שְׁלַאכְט פְּלַאץ.

אַלְזוֹיא הָאט לִידֶערִיג, זַיין שְׁווֶערְד צוּרִיק אַרַיין

גֶעלֵיינְט (אויף דיא שְׁטֶעלֶע וִויא דִיא שְׁוֶועהְד גֶעהֶער) אוּנְד הָאט דֶעם קֶענִיג אַלְבֶּערִיק אַפִּיר גִיצְווִינְגֶען פָאן אוּנְטֶער'ן פֶּערְד . אוּנְד וִויא עֶר הָאט אִיהְם צוּ גֶעבִּינְדֶען דִיא הֶענְד מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע בָּארְד , הָאט עֶר אוֹיךְ גִיהוֹיבִּין דִיא גָאלְדֶענֶע בֵּייטְשׁ , אוּנְד הָאט בֶּעפוֹילֶין דֶעם קֶענִיג דָאס עֶר זָאל גֶעהְן פַאר אִיהְם אוּנְד זָאל אִיהְם צֵייגִין דָאס אָרְט , וְויא דֶער שַׁאץ (אוֹצָר) נִיבֶּעלוּנְגֶע אִיזְט בֶּעהַאלְטִין .

פֶּעטֶער מִיט דִיא 2 פֶּערְד אוּנְד דֶער שְׁפִּיל פוֹיגִיל זֶיינֶען אִיבֶּערַאל מִיט גִינַאנְגִין מִיט זַייעֶר מֵייעֶרִין רֶעטֶער אוּנְד שִׁיצֶער .

אוּנ פַארְלוֹיף פָאן אֵיין הַאלְבֶּע שְׁטוּנְדֶע , הָאט דֶער קֶענִיג זֵייא צוּ גֶעפִירְט צוּ אֵיין אָרְט וָואס עֶס וַואהר בֶּעלֵייגְט מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע פֶּעלְזִין (סְקָאלֶ'ס) זְויא דַאס עֶס הָאט אוֹיס גִיזֶעהְן וְויא מֶען וָואלְט שׁוֹין נִיט מֶעהְר גִיקֶענְט וַוייטֶער גֶעהְן.

דַאן הָאט דֶער קֶענִיג אַלְבִּרִיק גֶעהֵייסִין דָאס דֶער פִּירְסְט זָאל מִיט דִיא גָאלְדֶענֶע בֵּייטְשׁ אֵיין זֶעץ גֶעבִּין אִין אֵיין שְׁטֵיין , וֶועלְכִין עֶר הָאט אִיהְם אָן גֶעוִויזֶען , דֶער פִּירְסְט הָאט גְלַייךְ זְויא גִיטָאהְן . אוּנְד עֶס הָאט זִיךְ אוֹיף גִיעֶפִינְט זְויא אַייז עפְנוּנְג , דָאס דֶער קֶענִיג , אוּנְד דֶער פִּירְכְט , אוּנְד פֶּעטֶערְס , אוֹיךְ בֵּיידֶע פֶּערְד . אוּנְד עֶס אִיז גַאנְץ בֶּעקְוֶועמְט גִיוֶועזִין דֶער אַרַיין גַאנְג .

נָאר דֶער שְׁפִּיל פוֹיגִיל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פָאן אוֹיסִין וֶוייניג , דֶען עֶר הָאט גִיוִויסְט זִיךְ גִיפָארְכְטִין אוֹיב דָאס אִיז נִיט אֵיין גִיפֶענְגְנִיס פִיר אִיהְם .

דֶער פִּירְסְט פָאן פלאנדריא , אוּנְד דֶער קֶענִיג

אַלבּעריק, האָבּין איבּער גילאָסט אויף דעם הויף דיא פערד, אונד זעלבּסט מיט פעטערסין זענין זייא אַריין געגאַנגין דורך איין קאָריטאָר פאָן פילאַרין, יעדע פילאַר נאָהר פאָן זאָלכע שטיינער וואָס זייא הייסין יאַספּיס, פאָרפיר, אָבּער לאַפּיס-לאַזולי) אונד זייא זענין אַריין גיקאָמען אין איין זעהר גרויסין זאָהל, אין גאַנצין פאָן מאַלאַכיט. (דאָס צימער האָט גיהאַט 4 טירען וואָס יעדע טיהר בּעזונדער האָט אַריין געפירט אין איין צימער פאָן טייערע שטיינער, אונד יעדע טיהר האָט גיהייסין איין נאָמען לויט וואָס פיהר איין שאַטץ זיא האָט געשיצט: איין פּערילנע טיהר, איין רובּינענע טיהר, איין קאַרבּונקילענע טיהר, אונד איין דיאַמענטענע טיהר.

אַלבּעריק האָט מיט איין פאָרטהייל געעפינט מיט איין מאָהל אַלע 4 טירען, אונד האָט ערלויבּט דעם פירסט זיך נעמען וואָס עס האָט איהם נאָר גיפאַלין.

נאָר ווייל מאַן האָט גיבּרויכט צו האָבּין אום גיפעהר 500 פירין אום צו נעהמין דיזען זעלטענעם גרויסין שאַץ, האָט לידעריג זיך בּעשלאָסין, אונד פאָרלייפיג בּעניגט געלאַסט מיט 4 קאָרבּין (קוישין) איינעם מיט פּעריל, דעם צווייטין מיט רובּינען, דעם דריטען מיט קאַרבּינקלין, אונד דעם 4 מיט דיאַמענטין, אונד האָט בּעפוילין פעטערסין דאָס אויף צו לייגין אויף דיא 2 פערד. נאָכהער האָט ער גיזאָגט אַלבּעריקען, וואָס אַלבּעריק האָט איהם צו גירעט צו נאָך טייערע זאַכין, דאָס דער ווייל איזט דאָס גינוג אונד ווען ער וועט וועלין וועט ער קאָמען נאָך מעהר.

דאַן האָט דער קעניג אַלבּעריק גיבּעטין דעם פירסט

פָאן פלאנדריא דָאס עֶר זָאל עֶס אויף בִּינְדֶען · דִיא הֶעמְד אוּנְד זָאל אִיהְם דִיא גָאלְדֶענֶע בֵּייטְשׁ צוּ רִיק גֶעבִּין, וְוירְד עֶר פִירֶען צוּ דֶעם אָרְט וְויא עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אֵיין גֶעזִיכְט שִׁיצֶער, דָאס וֶוען יֶעמַאנְט וָואס טְרָאגְט אִיהְם אוּנְד לַאסְט אִיהְם אויף דֶעם גֶעזִיכְט אַרוּנְטֶער, וֶוערְט עֶר נִישְׁט גִיזֶעהְן פָאן קֵיין מֶענְטְשׁ, אוּנ עֶר קָאן אַלֶעס זֶעהְן, אוּנ הָאט אִיהְם אוֹיךְ אִיבֶּער צֵייגְט דָאס דֶער גֶעזִיכְט שִׁיצֶער, הִיט אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶער רִיז, עֶר הֵייסְט טַאפְּנֶער, עֶר וָואלְט גֶעוִויס נִישְׁט גִיוֶועזִין גֶעהָארְזַאם וֶוען עֶר וָואלְט אִיהְם אָן דִיא בֵּייטְשׁ גִיזֶעהְן ׃

לִידֶערִיג הָאט אִיהְם גִיאַנְטְוָוארְטֶעט דָאס וָואס אַן בְּעטְרֶעפְט דֶעם רִיז, וֶוען עֶר וְוירְד נִיכְט גִיהָארְזַאם זַיין, וֶועט עֶר זִיךְ מִיט אִיהְם קֶענִין בֶּערֶעכִינֶען, אויף דִיא אַנְטְוָוארְט הָאט אִיהְם אַלְבֶּערִיק גִיאַנְטְוָוארְט דָאס וֶוען דֶער רִיז וְוירְד אַן צִיעֶן דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער אוּנְד וְוירְד גְלַייךְ פֶערְשְׁוִוינְדֶען, וְוירְד אֵיינֶער אוּנ דֶער צְוֵייטֶער זִיכֶער נִישְׁט וִויסֶען וְויא עֶר אִיז אַהִין גִיקָאמֶען ׃

דֶער פִירְסְט לִידֶערִיג, הָאט רֶעכְט גִיגֶעבִּין, דִיא רֵייד פָאן דֶעם קֶענִיג אַלְבֶּערִיק. אוּנ הָאט אִיהְם גְלַייךְ דִיא הֶענְד אויף גֶעבִּינְדֶען, אוּנְד הָאט אִיהְם דִיא גָאלְדֶענֶע בֵּייטְשׁ צוּ רִיק גִיגֶעבִּין ׃

אַלְבֶּערִיק וַואהְר זֶעהְר צוּ פְרִידֶען פָאן דֶעם וָואס לִידֶערִיג הָאט אִיהְם נִיגְלֵייבְּט, אוּנְד אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס גִיגַאנְגִין, פָאן דֶעם אָרְט וְויא זַייא וַואהְרִין מִיט לִידֶערִיגֶען אוּנְד מִיט פֶּעטֶערְסִין אוּנְד גְלַייךְ מִיט דִיא 2 פֶערְד, אוּנְד

איז מיט זֵייא גִיגַאנְגִין, אִין אֵיין אנְדֶערֶע מְהֵייל פָאן דֶעם קֶענִיגְרַייךְ גִיבְּעֶרְלִינגְע וואס אויף דֶעם וֶועג הָאבִּין זֵייא אִן גִיטְרָאפִין פערְשִׁידֶענֶע פֶעלְזִין. זֵייא וַוארִין זויא שְׁוַוארְץ וָואס מַאן הָאט זֵייא גִיקָאנְט רֶעכִינֶען פִיר אֵייזֶערְנֶע פֶעלְזִין.

אִין דִיא צייט ווִיא זֵייא זֶענִין זויא גִיגַאנְגִין אִיז דֶער (סלאוויק) שְׁפִּיל פויגִיל גִיפְלויגִין, אִיבֶּער זֵייא אונְד הָאט גֶעזִינְגֶען.

לִיבֶּער לִידֶעריג! הֶערֶע מִיךְ.
מַיין לִיבֶּעם קִינְד הִיטֶע דִיךְ.

דָאס פַאר פִירוּנְג פַאר שְׁטָאפּט דִיא אויֶערִין.
אונְד עֶס שְׁטֶעלְט פְאר פֶערְשִׁידֶענֶע מויֶערִין.

דִיא אויגִין וֶוערִין פַאר בְּלֶענְד.
פָאן דֶעם פִינְסְטֶערְנִים פָאן דִיא וֶוענְד

וֶוען מַאן פַאלְט שׁוין אַרַיין.
פַאר שְׁטֵייט מֶען דַאן דִיא פַאלְשֶׁע מֵיין.

מַאן דֶער שְׁפִירְט יֶעצְט דִיא נֶעגִיל פָאן דִיא טִינֶערִים.
אונְד פְאן דֶעם שְׁלַאנְג דָעם גִיפְּטִינֶען בִּים.

לִיבֶּער לִידֶערִיג הֶערֶע מִיךְ.
מַיין לִיבֶּעם קִינְד, הִיטֶע דִיךְ.

לִידֶערִיג אָבֶּער, הָאט דֶעם קֶענִיג נִיכְט פָאן דִיא אויגִין אַרָאפּ גֶעלָאסְט, עֶר חָאט גִיגֶעבִּין אֵיין צֵייכִין דֶעם פויגִיל, דָאס עֶר הֶערְט אִיהְם, אוּנְד אִיז זִיךְ גִיגַאנְגִין זַיין

וָועג. אָבֶער אִין זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְראַכְט דָאס דֶער שְׁפִּיל פּוֹיגִיל מוּז נִיט גֶיהֶערִין צוּ דִיא דְרֵייסְטֶע פֵייגִיל, אוּנְד דָאס גִיפַאהְר זֶעהְט בַּייא אִיהְם שֶׁעדְלִיכֶער אוֹים וִויא עֶס וִוירְקְלִיךְ אִיזְט.

וָואס זֵייא זֶענִין נֶענְטִיר צוּ גִיקָאמְען צוּ דֶעם שְׁוַואַרְצִין בַּארְג, וַואהְר דֶער וֶועג אַלֶעס עֶרְגֶער, נָאר דֶער קֶענִיג אַלְבֶּערִיק אִיז גִינַאנְגִין אַלֶעס פְרִיהֶער, אוּנְד הָאט מִיט דִיא גָאלְדֶענֶע בַּייטְשׁ אַלֶע פַּאר שְׁטֶערוּנְגֶען צוּ שַׁאנְדִין גִימַאכְט אוּנְד הָאט אֵיין וֶועג גִימַאכְט.

קוֹים זֵייא זֶענִין צוּ גִיקָאמֶען צוּ דֶעם אָרְט, וִויא זֵייא זֶענִין נָאךְ אַבִּיסֶעל אַרוּנְטֶער גִינַאנְגִין אוּנְד זֶענִין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין נֶעבִּין אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶע הֵייל, זוֹיא הָאט גְלַייךְ דֶער קֶענִיג אַלְבֶּערִיק אָפּ גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּנְד הָאט אַגֶעשְׁרַייא גִיטָאהְן — טַאפְּנֶער טַאפְּנֶער קָאם דַא, אוּנ הָאט מִיט דֶעם פִּיס אַזֶעץ גִיטָאהְן אִין דִיא עֶרְד, הָאט זִיךְ גְלַייךְ גִיעֶפִינְט אֵיין עֶפְנוּנג אוּנְד עֶר אִיז פַּאר שְׁוִוינְדֶען, זוֹיא וִויא אֵיין שַׁאטְין, מֶען הָאט נִיט גֶעוִויסְט וִויא עֶס אִיז אַהִין גִיקָאמֶען.

לִידֶערִיג הָאט גִיזִיכְט דָאס עֶפְנוּנְג, עֶר הָאט גִיוָואלְט נָאךְ יָאגִין דֶעם קֶענִיג אַלְבֶּערִיק אִין דִיא עֶרד אַרַיין, אָבֶּער עֶר אִיז שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבֶּען וִויא עֶר הָאט דֶער הֶערְט. וִויא עֶר עֶרְגֶענְטֶערְט זִיךְ זֶעהְר שְׁוֶועהְרֶע טְרִיט, זוֹיא אִין דִיא זֵייט וִויא מֶען וָואלְט צוּ אִיהְם גִינַאנְגִין. אַלְס דַאן הָאט עֶר זִיךְ גִיקֶערְט צוּ דִיא שְׁטִימֶע פּאן דֶעם גַאנְג, וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט, אָבֶער עֶר הָאט נָאר נִיט גִיזֶעהְן דָאס וָואס הָאט גִיזָאלְט זַיין דֶער רִיז טַאפְּנֶער אָן גִיטָאהְן אִין דֶעם גֶעזִיכְט

שׁיצֶער, אונד הָאט גֶעזָאלְט קָאמְען מִיט אִיהְם צוּ שְׁטְרֵייטִין.

אָבֶּער ווירְקְלִיךְ עֶר הָאט נִיט צַייט גִיהַאט זַיין שְׁווֶערְד פָאן דֶעם גַארְטִיל אַרוֹיס צוּ צִיהֶען דָאס עֶר זָאל זִיךְ הָאבִּין מִיט וָואס צוּ וֶוערִין, אִין דֶעם הָאט זִיךְ, אִיהְם גִידַאכְט דָאס עֶס אִיז אִיהְם דֶער גַאנְצֶער בַּארְג אוֹיף דֶעם קָאפְּף אַרוֹיף גִיפַאלִין דֶען דָאס וַואר עֶבִּין דֶער רִיז טַאפְּנֶער וָואס הָאט אִיהְם מִיט זַיין פַאלְקֶע אַיין זֶעץ גִיגֶעבִּין.

לִידֶערִיג וִויא עֶר הָאט דֶעם זֶעץ גִיקְרִיגֶען אוּם גֶערַאכְט הָאט עֶר זַיין קָאפְּף אַרָאפּ גִיבוֹיגִין, אוּנְד דִיא קְנִיא אַיין גִיבוֹיגִין, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אוּנְד הָאט מִיט זַיין בַּאלְמוּנְג אַיין זֶעץ גִיגֶעבִּין פַאהְר זִיךְ, אוֹיבּ וָואהְל עֶר הָאט קֵיינֶעם נִיט גִיזֶעהְן, אָבֶּער דָאךְ הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט דָאס עֶר הָאט גִיטְרָאפִין אַיין זֶעץ דֶעם רִיז, אוֹיבּ וָואהְל עֶר וַואהְר נִיט זֶעהֶענְד, אָבֶּער דָאךְ וַואהְר עֶר אָן רִירֶענְד, אוּנְד גְלַייךְ הָאט זִיךְ גִילָאזְט הֶערִין אַיין גֶעשְׁרַייא פָאן וֵייטוּג, אוּנְד דֶער נָאךְ אַיין צְווַייטִין זֶעץ מִיט אַיין פַאלְקֶע פָאן דֶעם רִיז. אָבֶּער יֶעצְט וַואהְר שׁוֹין לִידֶערִיג גְרֵייט אוּנ הָאט דֶעם זֶעץ אָפּ גִישְׁלָאגִין. זוֹיא דָאס עֶר הָאט גִיקֶענְט דִיא פַאלְקֶע צוּ הַאקִין, זוֹיא גְלַייךְ הָאט זִיךְ גֶעלָאסְט הֶערִין אַיין פְרִישֶׁע (רִיטְשׁ) גֶעשְׁרֵייא, יֶעצְט אָבֶּער הָאט לִידֶערִיג, שׁוֹין אוּם זָאנְסְט גֶעוָוארְט אוֹיף אַיין דְרִיט מָאהְל, אַיין זֶעץ מִיט דִיא פַאלְקֶע.

דֶער פִירְסְט פָאן פלאנדריא, הָאט גֶערֶעכִינְט דַאס עֶר אִיז שׁוֹין לוֹיז גֶעוָוארִין פָאנ דֶעם רִיז. דֶען עֶר אִיז פַאר גֶעווִיס אַנְטְלָאפִין. אָבֶּער וִויא וַואהְר עֶר פַאר וואוּנְדֶערְט

אם זויא גְלַייך הָאט עֶר עֶרְזֶעהֶן, וויא אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶער
טַיין גָויא גְרוֹים וִויא אֵיין הויז אִיזְט אַנִידֶער גִיפַאלֶין פַאר
יְהם אַרוֹים פָאן דִיא פֶעלְזֶענֶע וֶוענְט, אוּנְד זויא גְלַייך דֶער
דֶערֶער אוּנְד דֶער דְרִיטֶער, אוּנְד דָאס זויא שְׁנֶעל דָאס
וַואהְר נִיט אוּם שְׁטַאנְד אוּים צוּ מַיידִין אֵיין זֶעץ.

לִידֶערִיג הָאט פּאַר שְׁטַאנִין זויא וִויא דֶער רִיז הָאט
קְרִיגֶען 2 מָאהְל אֵיין זֶעץ מִיט דֶעם בַּאלְמוּנְג אִיז עֶר
נְטְלָאפִין דָאס עֶר זָאל דָאס 3 מָאל נִיט קְרִיגֶען, אוּנְד
יז זִיך גִינַאנְגִין וֶוערִין פָאן וַוייטִין. אַלְזויא הָאט עֶר זִיך
עֶרעכִינְט דָאס עֶר זָאל זִיך אַנְדֶערְשׁ בֶּעגֵיין אוֹיף דֶעם אָרְט
אס עֶר הָאט גִיוָואלְט אַנְטְלוֹיפִין אִיז עֶר נָאך גִינַאנְגִין
קְיִגִין אוּנְד הָאט זִיך אַנִידֶער גִיוָוארְפִין אוֹיף דִיא עֶרְד
ַייך וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועזִין טוֹיט, עֶר הָאט זִיך נִיט
רִירְט, אוּנְד הָאט דֶעם אָטוּם אֵיין גִיהַאלְטִין, דָאס דֶער
יז זָאל מֵיינִין דָאס עֶר לֶעבְּט שׁוֹין מֶעהְר נִיט.

פֶּעטֶערְס הָאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גִיזֶעהְן אֵיין
רֶעקְלִיך גִישְׁרֶייא גִיטָאהְן, אוּנְד דֶער (סלָאוִויק) שְׁפִּיל פוֹיגִיל
אט אוֹיך פָאן וַוייטִין זֶעהְר טְרוֹירִיג גִיזוּנְגֶען, אוּנְד דֶער רִיז
יז גְלַייך צוּ גִילָאפִין צוּ אִיהְם זויא שְׁנֶעל דָאס לִידֶערִיג הָאט
שְׁפִּירְט וִויא דִיא עֶרְד הָאט גִיצִיטֶערְט אוּנְטֶער אִיהְם.

אוּנְד גְלַייך הָאט לִידֶערִיג דֶער שְׁפִּירְט דָאס יֶעמַאנְד
אט אֵיין קְנִיא אוֹיף אִיהְם אַרוֹיף גִישְׁטֶעלְט. אוּנְד הָאט
יהְם דִיא בְּרִיסְטֶען צוּ גִיקְוֶועטְשְׁט, אוּנְד הָאט אוֹיך
שְׁפִּירְט דָאס אֵיין הַאנְד וִויל אִיהְם אַמֶעסֶער אִין הֶערְץ
רַיין שְׁטֶעקִין, דַאן הָאט לִידֶערִיג אַנֶעם גִיגֶעבִּין זַיין

באלמוננ זויא שנעל אונד פלינק, דאס מיט איין זעץ האט ער דעם ריז דעם קאפף אראפ גיהאקט.

דער קאפף האט זיך איין קאלער געגעבין אויף דיא ערד, אונד אויף זויא איין ארט האט זיך דער געזיכט שיצער אראפ גינאמען פאן דעם קאפף, אונד אין איין סעקונדע, האט מאן ערזעהן איין קערפער, אונד איין קאפף, אונד וויא דער קאפף האט געגריזעט איין שטיין פאן שמערצין, אונד אויך דער געזיכט שיצער, איז געבליבען ליגען אויף דיא ערד זעהר פארבליט, עס האט זיך אויך גלייך איין טייך פאן בליט גימאכט ארום דעם קערפער, דער קערפער האט זיך איין קורצע צייט גיווארפין מיט דיא הענד צו שפרייט, ביז ער איז געבליבען ליגען, זויא וויא איין בוים, וואס דאס מעהר וואלט איהם מיט דעם ווארציל ארויס געריסען.

לידעריג האט גלייך אויף גיהויבין דעם געזיכט שיצער, אונד זויא וויא ער וואהר שוין איבער צייגט דאס, דער ריז טאפנער לעבט מעהר שוין ניט. אלזויא האט ער גלייך אן גיהויבין צו זיכען דאס ארט וויא דער קעניג אלבעריך איז אריין גיגאנגען.

אונד וויא ער זיכט זויא, האט איין פערד אזעץ גיטאהן מיט דיא פיס אין דיא ערד האט זיך גלייך איין עפנונג גיעפינד וואס עס האט ענדעקט דאס ארט וויא דער קעניג איז אריין אנטלאפין, אונד האט דעם ריז ארויס גישיקט.

לידעריג וויא ער האט בעמערקט אין דעם עפנונג

שְׁטִינֶען, הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען דָאס דִיא שְׁטִינֶען מוּזֶען פִירֶען צוּ אֵיין וָואהְנוּנְג אוּנטֶער דִיא עֶרְד, אוּנְד פַאר גֶעוִויס רֶעכִינְט זִיךְ אַלְבֶּערִיק גַאנְץ זִיכֶער דָארְטִין. אַלְס דַאן הָאט זִיךְ לִידֶערִיג בֶּעשְׁלָאסֶען אַרַיין צוּ גֶעהֶן אוּנְד אִיהְם אוֹיף צוּ זוּכֶען.

דַאן הָאט פֶּעטֶערְס וָואס וַואהְר זֶעהְר אִיבֶּער שְׁרָאקֶען, אִיבֶּער זֵיין הֶער, הָאט עֶר אַנְגִיפַאנְגֶען זַיין הֶער אָפּ צוּ הַאלְטֶען פָאן אַרַיין צוּ גֵיין אִין דִיא הֵייל אַרַיין, אָבֶער עֶס אִיז זֶעהְר שְׁוֶועהְר וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אֵיין מָאהְל גֶעזָאגְט אִיהְם אָפּ צוּ הַאלְטֶען דֶער פָאן. דָאךְ הָאט עֶר גִיפִּוִילְט דַאס עֶר זָאל אִין טִיהְן דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער דַאס דוּרְךְ דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער קָאן עֶר נִיט זַיין גֶעזֶעהֶען.

לִידֶערִיג הָאט זִיךְ בַּייא זַיין לַייבּ מֶענְשׁ בֶּעדַאנְקְט, אוּנְד הָאט אִיהְם עֶרְלוֹיבִּינִים גֶעגֶעבֶּען, אוּמְזַאל וֶוען עֶר ווִירְד אוּם פֶעְרְלוֹיף פָאן אֵיין הַאלְבֶּע שְׁטוּנְדֶע נִיט אַרוֹיס קָאמֶען קָאן עֶר אַרָאפּ גֵיין צוּ אִיהְם צוּ הִילְף, אוּנד זוֹיא פָארְט הָאט עֶר אַרוֹיף גִילָאזְט דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער, זוֹיא אִיז עֶר גְלַייךְ נִיט זֶעהֶענְד גִיוָוארֶען פִיר פֶּעטֶערְסֶען, אוּנְד אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען פָאן דִיא שְׁטִינֶען.

ווִיא לִידֶערִיג אִיז אַרַיין טִיפֶער אִין דִיא הֵייל אַרַיין הָאט עֶר גְלַייךְ בֶּעמֶערְגְט דַאס עֶס מוּז פַאר גֶעוִויס זַיין אֵיינֶע פָאן דֶעם קֶענִיגְס אַלְבֶּערִיקְט פַּאלֶעסֶען. דֶען דִיא וֶוענְט הָאבֶּען גֶעגְלַייכְטֶען פָאן פֶערְשִׁידֶענֶע דִיאַמֶענְטֶען, אוּנְד דֶער וֶועג וַואהְר אוֹיס גֶעשִׁיט מִיט גָאלְדִין זַאמְט.

וִיא לִידֶערִיג אִיז זוֹיא דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אֵיינִיגֶע לֶעהְרֶע

צימערין, וואס וואהרין בעלייכטין דורך אלבאסטער
פאנארין, אונד עס האט אין זייא געברענט, שמעקענ
עהל, וואס עס האט אלע צימערין פאר שמעקט, דאן ז
ער אריין גיקאמען אין איין זעהר שענעם גארטין אריין מ
זעהר פיהל בלומען. אונד עס וואהר בעלייכט זויא ו
מיט איין וואהרע זאנע. נאר וויא ער האט דעם קאפף
דעם הימעל ערהויבין, האט ער יעצט ערזעהן וואס ע
האט גיהאלטין פיר איין הימעל, אונד איין זאנע, וואה
איינע טיפע פאן זיין טאהל, איינע זא ריינע, דאס מ
האט גיקאנט דורך זיהר דורך זעהן, דאך האט ער ז
גיוואונדערט דאס אויב וואהל עס וואהר זעהר שע
בעלייכטעט. דאך אבער וואהר אום מעגליך, דאס די
שטראלין פאן דער זאנע זאל זויא דורך שלאגין אונ
וואהרעמען, דאס עס זאלין קענין זאלכע בלומען וואקס
נאר וויא ער האט זיך גוט איינגיזעהן האט ער גלי
בעמערקט דאס עס איז ניט קיין וואהרע בלומען, נאר ע
וואהר געוויקסע, זויא קונצטליך אונד פראכטפאל געמאכ
דאס יעדער ווער עס מעכטע דאס נאר גיזעהן מעכטע
גיזאגט דאס עס איז וואהרע געוויקסע. דיא ריטלעך וואר
אוים קרעל. דיא בלעטער וואהרען אוים שמאראגין. די
בלומען אונד רויזין וואהרין אוים ראבינען, טאפאזין אונ
שאפירען.

אין דער מיטע פאן דעם גארטין איז גישטאנין איי
געצעלט וואס וואהר זויא שעהן דאס נור פיר איין קעני
קאן נאר זויא איין גיצעלט זיין. אלזויא איז לידעריג ניב
גיזעהן ווערענד, דען ער איז גיגאנגין אין געזיכט שיצער, צ

גִינאַנגִין צוּ דֶעם גֶעצֶעלְט, אוּנְד אִיז גֶעבּלִיבֶּען שְׁטֵיין אוֹיף דִיא שְׁוֶועל בַּייא דִיא טִיהר, אוּנְד הָאט עֶבִּין עֶרְזֶעהְן וִויא דֶער קֶענִיג אַלְבֶּערִיק אִיזְט גֶעלֶעגִין אִין אֵיין שַׁאטֶקֶע, צְווִיישֶׁען פְּרוֹיֶענְצִימֶר, וָואס זֵייא גֶעהֶערִין צוּ זַיין דֶעם קֶענִיגְס פְרוֹיֶען, וָואס אֵיינֶע הָאט אִיהְם גִישְׁאקִילְט, אוּנְד דִיא אַנְדֶערֶע הָאט אִיהְם גִיפָּאכְט מִיט אֵיין עֶק פָאן אֵיינֶע פּפוֹיא (פַאוֶועע) אוּנְד גֶעבִּין אִיהְם אוֹיף אֵיינֶע זָאפֶע אִיזְט גִילֶעגִין דִיא גָאלְדֶענְע בַּייטְשׁ.

דִיא גֶערֶיידֶע וָואס וַאהְר וָואהר דָארְט, וַאהְר זֶעהר אַנְגֶענֶעהְם, אַלְבֶּערִיק הָאט עֶבִּין עֶרְצֶעהְלְט זַיינֶע 2 פְּרוֹיֶען וָואס עֶס הָאט אִיהְם גִיטְרָאפִין, דָאס אִיזְט, וִויא עֶס אִיז גִיקָאמֶען אֵיין פְרֶעמְדֶער אִין דֶען גֶעגִין גִיעבֶּערְלִינְגֶע, אוּנְד וִויא עֶר (דָאס אִיז אַלְבֶּערִיק) הָאט אִיהְם צוּ גִיזָאגְט צוּ גֶעבִּין דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער וָואס מַאן ווִירְד אִין אִיהְם נִיט גִיזֶעהְן, אוּנְד דֶער וַוייל הָאט עֶר אִיהְם גִינַארְט, אוּנְד הָאט זִיךְ אַרַיין גִילָאזְט אִין דִיא עֶרְד אַרַיין, אוּנְד גְלַייךְ גִירוּפִין דֶעם רִיז אוֹיף הִילְף וָואס עֶר הָאט אִיהְם פַאר גֶעווִיס שׁוֹין גִיהַארְגִיט מִיט זַיין פַאלֶקֶע.

לִידֶערִיג הָאט שׁוֹין כֶּעהר נִיט גִיקֶענְט אוֹיס הֶערִין, הָאט עֶר אַלְבֶּערִיקֶען אִין גֶעכַאפְּט בַּייא דִיא בָּארְד. אוּנ הָאט אִיהְם אַרוֹיס גִיכַאפְּט פָאן דִיא שַׁאטֶקֶע ווָאס עֶר הָאט זִיךְ אִין אִיר גִיהָאזִילְט, אוּנ הָאט צוּ אִיהְם גִיזָאגְט.

דוּא נִידֶער טְרֶעכְטִיגֶער קַארְלִיק, דוּא מוּסְט מִיר בֶּעצַאהְלִין פִיר דֶעם פַאר פִירוּנְג! ... עֶר הָאט אִיהְם גְלַייךְ גִיפּוּנְדִין, דִיא הֶענְד אַרִינְטֶער, אוּנ הָאט אַרְאפּ

גִינָאמֶען דִיא שִׁפִּין וָואס אִיז גִיהָאנְגִין אִיבֶּער אִיהְם אִין דֶער מִיט פְאן דֶעם גֶעצֶעלְט. (דִיא שְׁפִּינֶע וָואס הָאט אִיבֶּער אִיהְם גִיהָאנְגִין וַואהְר אֵיינֶע קִינְצְטְלִיכֶע שְׁפִּינֶע, אוּנְד זִיא הָאט אוֹיס גִיזֶעהֶן וִויא אֵיינֶע וַואהְרֶע שְׁפִּינֶע) אוּנְד אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּין הָאק, הָאט עֶר אִיהְם אוֹיף גִיהָאנְגִין בַּייא דִיא בְּאֹרְד, דֶעןּ דִיא בָּאֹרְד אִיז אִיהְם גוּט צוּ נִיץ גִיקָאמֶען, עֶר הָאט פַאר שְׁפָּארְט צוּ נֶעמִין אַשְׁטְרִיק.

יֶעצְט דוּא פַארְפְלוּכְטְער קָארָאלִיק, הָאט לִידֶערִיג צוּ אִיהְם גִיזָאגְט, הֶענְג אַזוֹיא לַאנְג בִּיז דִיא בְּאֹרְד וֶועט דִיר צוּ וַואקְסִין, אוּנְד דוּא וִוירְסְט קָאנִין דֶער לַאנְגִין צוּ דֶער עֶרְד.

דֶער קָארְאלִיק (דַאס אִיז דֶער קֶענִיג אַלְבֶּערִיק) הָאט זִיךְ גִישְׁאקִילְט (גִיהָאזִילְט) אִין דֶער לִיפְט זוֹיא וִויא אֵין פִּישׁ אוֹיף דִיא וֶוענְטְקֶע, אוּנ הָאט אַן גֶערוּפֶען הִילְפֶע, אוּנְד הָאט דִיא שְׁטוּנְדֶע פאן זַיין גִיבּוֹירִין פַאר שָׁאלְטִין, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעבֶּעטִין, אוּנ הָאט צוּ גֶעשְׁוָואִרין דָאס עֶר וֶועט אִיהְם גִיטְרֵייא דִינֶען, זוֹיא וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועזִין זַיין הֶער פָאן קִינְדְוֵויים אוֹיף, וֶוען לִידֶערִיג. וִוירְד אִיהְם נָאר לֶעבִּין לַאסִין. אָבֶּער לִידֶערִיגֶען הָאט דָאס גַאנְץ וֶוענִיג אוּנְטֶערֶעסִירְט, עֶר הָאט גִינָאמְעןּ זַיינֶע צְוֵוייא פְרוֹיעֶן, מִיט דִיזֶע מֵיינוּנְג דָאס עֶר זָאל זֵייא אַוָועק גֶעבִּין, דִיא שֶׁעהְנֶע פִירְסְטֶען, קְרִימִילְדֶע, אוּנ עֶר הָאט גִינָאמֶען דִיא גָאלְדֶענֶע בֵּייטְשׁ, וָואס מִיט דִיא בַּייטְשׁ קָאן מַאן טֶעפִּינֶען דֶעם שַׁאץ פָאן נִיבֶּערְלִינְגֶע, לִידֶערִיג הָאט אַבִּיסֶעל אַרָאפּ גִינָאמֶען דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער, צוּ פְלֵייס, דַאס דֶער קֶענִיג זָאל זִיךְ אִיבֶּער צֵייגִין מִיט וֶועמִין עֶר הָאט גִיהַאט צוּ טְאהְן אוּנ הָאט אַנְגִיפַאנְגִין אַרוֹים צוּ גֵיין מִיט דֶעם זֶעלְבִּין וֶועג

ויא ער איז אַריין גיגאַנגען אונד אויף דעם וועג וויא ער איזט דורך גיגאַנגען דורך דעם גארטען, האט ער אפּ געריסען דיא שענסטע רויזע (וואס זיא וואהר איין קונסט–שטיק פון טייערע שטיינער) אונד איזט זויא אַרוים גיגאַנגען מיט דיא זעלבע שטינען וואס ער איז דארט אַריין גיגאַנגען, אין איין קורצע צייט איז ער שוין גישטאַנען מיט דיא 2 פּרויען אויף דיא ערד. דארט האט ער שוין ניטראָפין פּעטערסין, אונד האט זיך גלייך גינאָמען אין וועג אַריין, נאך דער געגינד קיין הירגעלאַנדיע צו זאמען מיט פּעטערסין, מיט דיא פּרויען, מיט זיין פערד, אונד מיט זיין שפּיל–פּוינֿיל, ער וואהר זעהר צו פרידען, אונד כיט איין נוטע מוהט, פיר דעם ווייל עם איזט איהם אַלעס זויא גוט געראָטין.

לידערינ איזט זויא גיגאַנגען מיט זיין קאמפּאניע אַכט טאגע אונד אַכט נאַכטע, אויף דעם וועג האט ער גערעט מיט דעם קעניגס פּרויען, זייא האבין איהם געזאָגט דאס זייא ווילען ליבער זיין אונטער דעם נאהרין הימעל, וואס ער איז בעלייכט בייא טאג מיט דיא זאָנען שטראַלין, אונד בייא נאַכט פאן דער מאָנד אונד דיא שטערין, אונד אויף דיא ערד וואס איז פאַרצירט מיט שמעקענדע בלומען, וויא דער ערדישער קרישטאַלענער הימעל וואס איז זעוינ אָהנע ענדערונגען, אונד דיא קאַלטע דיאַמענטענע בלומען, וואס דיא מהייערסטע אונד דיא שענסטע האבין ניט גיהאט דעם גרוך פאן מינדעסטין טאהרין בלימכען וואס איז צווישען דעם גראז, דאדורך אַלע טאג אין דער פריה ווען דיא זאנע איזט אויף גיגאַנגען אונד אַבענדס ווען דיא זאנע איז אונטער געגאַנגען, האבין דיא פּרויען גידאַנקט, לידערינגען פיר דעם

וָואס עֶר הָאט זַייא פְאן דִיזֶען גֶעפֶענְקֶענִים אַרוֹיס גֶענָאמֶען, וָואס זַייא וַואהְרִין דָארט בַּייא אִיהְם וִויא דִינְסְטֶען, זַייא הָאבִּין גֶעמוּסְט זַיין אַלֶע מָאהְל אוֹיף דֶעם בֶּעפֶעהְל פָאן זַייא אַיין מִיסֶען אוּנְד שְׁלֶעכְטִין קָארָאלִיק, וָואס זַייא הָאבִּין אִיהְם נִיט גֶעקָאנְט אָן קִיקֶען.

נָאךְ אַיין וָואךְ רַייזֶע זֶענֶען זַייא אַן גִיקָאמֶען, אוֹיף אַיין פָּארְט פְאן אַיין מֶעהְר, אוּנְד זַייא זֶענִין אִין אַיין שִׁיף אַיין גִיזֶעסִין, אוּנְד זַייא זֶענִין 3 טַאהְגֶע גֶעשְׁווִימֶען אוֹיף דֶען מֶעהְר, אוּנְד אוֹיף דֶעם 4 טָאג אִין דֶער פְרִיה זֶענִין זַייא אָן גִיקָאמֶען אִין דֶעם לַאנְד "הִיגְלַאנְדֶע" וְואס זַייא הָאבִּין גְרַאדֶע אָן גִיטְרָאפִין אִין אַיין טָאג וָואס וַואהְר אַיין גְרוֹיס פֵייֶערוּנְג (הוּלַאנְקֶע) וָואס וַואהְר גִיפֵייֶערְט אוֹיף דֶעם גֶעבּוּרְץ טַאג פְאן דֶעם דָארְטִינֶען קֶענִיג.

דָאס פַייֶערוּנְג וואהְר צוּ גֶערִיכְטֶעט אִין דִיזֶען אָרְדֶענוּנְג זוֹיא וִויא וַייטֶער אִיז אוֹיס גֶערֶעכִינְט, דָאס אִיז, עֶס הָאט גִיזָאלְט זַיין אַיין פְּרוּבִּירוּנְג דוּרְךְ דִיא גְרֶעסְטֶע הֶעלְדִין, אוֹיךְ שִׁיסֶען צוּ דֶעם פוֹיגִיל צִיהְל, דוּרְךְ דִיא בֶּעסְטֶע שִׁיסֶער, אוֹיךְ אַיין יֶעגוּנְג (ווִישְׁצִינֶע) (אָבְּאטֶע) דוּרְךְ פֶערְשִׁידֶענֶע יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן אוֹיף פֶערְד, אוֹיךְ הָאט זִיךְ גִיזָאלְט עֶנְדִיגֶען אַיין צַאנְקֶערַייא (אַיין שְׁלַאכְט) פָאן ווִילְדֶע טְהִירֶע, וַואס דֶער קֶענִיג פָאן "הִיגְלַאנְדִיע" הָאט גֶעקְרִיגֶען אַיין פְּרָאזֶענְט פְאן דֶעם (קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאלִישֶׁען) קֶענִיג, פִיהְר דִיא 4 טְהַייֶערֶע פֵייגִיל פְאן "נָארְוֶועגִי" וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אִיהְם גֶעשִׁיקְט צוּ פְרֶעזֶענְט.

דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע, הָאט גִיזָאלְט זַיין, דִיא

פירערין פאן דעם פראבירונג פאן דיא העלדין, אויך האט זיא גיזאלט זיין בייא דעם שיסען צום ציהל, אויך האט זיא גיזאלט גיהערין צו דיא וואס ווערדין זיך יאגין (ווישציגען) עס מאהר זויא נאהל, איין איינפירונג, אין דעם גאנצין לאנד "היגלאנדיע" דאס יעדע יונגע פירסטען ווען זיא איז גיווארין 18 יאהר אלט, האט זיא אנגיפאנגין נאך צו יאגין נאך דעם רויזען פריזענט, דער רויזען פריזענט, האט זיך איבער דעם זויא גירופען, וויל דאס רויזע ביימכען, וואהר דיא מעטע פאן דעם געיאג, און דער שענער פראזענט האט גיווארט אויף דיזע, וואס איז אם ערשטין, צו דיא מעטע צו גיקאמען. דיא האט אפ געריסען דיא איינציגע רויזע וואס איז אויף דעם ביימכען גיוואקסין, אונד דיזעס מערכען האט אים פעלויף פאן איין יאהר, פערלויבט דעם שענסטין און דעם גרעסטין העלד, און פעכטער, פאן דיא גאנצע וועלט.

אלזויא האט זיך אונזער לידעריגען גיטראפין איין גילעגינהייט דאס ער זאל קענין זעהן דיא שעהנע קרימילדע דיא פירסטען פאן "היגלאנדיע" דען דאס פארוויילונג האט זיך גיזאלט אנפאנגין, אויף צו מארגין פאן זיין אהין קאמען אבער לידעריג האט ניכט גיקענט ווארטין ביז אויף צוא מארגינס ער האט גלייך אן גיטאהן, דעם געזיכט שיצער וואס מאן ווירד אין איהם ניט גיזעהן.

ער איז גיגאנגין אין קייזערליכען פאלעה אריין. דארט וויא זיא וואהר, און ער איז דורך גיגאנגין דרייא ערלייא זעהר שעהנע וואהנונגען, איין וואהנונג מיט דינער, דאס צווייטע וואהנונג מיט הויף לייטע, און דאס דריטע

וואהנונג מיט מיניסטאריום , ער אבער איז ניט שטיין געבליבען , ניכט אין דער וואהנונג פאן דיא דינער , ניכט פאן דיא הויף לייטע, אויך ניכט פאן מיניסטאריום, ער איז נאר דורך גיגאנגין , אונ איז אריין גיגאנגען אין דעם טראהן זאהל אריין , דארט וויא דער קעניג איז גיזעסין אונטער איין פורפורנעם באלדאכין , (חופה) גיהאפטין מיט נאלד , אונ איין קרוין אויף דעם קאפף , אונ איין קעניגליכע ריט אויס גאלד אין דער האנד , עס וואהר דארט אויך פערשידענע דינער , אונ קיין פרויא האט ער ניכט געזעהן , ער אבער האט זיך דא אויך ניכט פאר האלטין , קוים איז ער גיגאנגין , אין איין קליין צימער אריין , עס וואהר דארט איין זעהר שעהנע פאטעל (פאטער שטול) אונ זעהר פיהל שעהנע בלומען , אין דיא מיטע וואהר איין פאנטאנע , וואס האט גישפריצט מיט וואסער וואס וואהר זויא וויא קריסטאהל , אונ אויף דער פאטעל האט ער גיזעהן איין זעהר שענעם יונגעם מעדכען , האלב זיצענד , אונד האלב ליגענד , זיא האט אויס גיזעהן , וויא איינע נימפע , זיא האט אפ געריסען זעהר פיהל בלעטליך פאן איין צווייגיל אהנע צאהל , זיא איז זויא גיזעסין אונ האט גיקלערט , אונ האט ניכט געוויסט וואס דען זיא האט נאך קיינעם ניכט געליבט , זיא האט אויך ניכט געוויסט דאס זיא וואהר שוין דורך לידערינגען געליבט .

דאס מעדכען וואהר דיא פירסטין , דיא שעהנע קרימילדע . דיא שוועסטער פאן גונטער , אויב וואהל לידערינג וואר דאך זעהר שעהן , אבער זיא וואהר פיהל

שענער פיהר איהם . לידעריג האט זיך נאר ניכט גיקאנט פאהר שטעלין זויא איין שעהנהייט , אין זיינע גידאנקין , וויא זיא ווירקליך וואהר . אלזויא האט ער זיך פאהר גינאמען צו ליידין אלע שווערי קייטין אין דער וועלט . וואס עס ווירד איהם נאר שטערין אונ זיא פיר איינע פרויא צו בעקאמען .

ווען עס וואלט געמוזט זיין ער זאל ברויכין צו דינען פיהר איהר , זויא וויא אונזער פאטער יעקב האט געדינט . פיר אונזער מוטער רחל .

לידעריג וואלט ניט מיד גיווארין צו שטעהן . זיא אן צו קוקען עוויג , ווען דער קעניג . איהר ברודער וואלט זיא ניכט גילאזט רופין צו זיך .

דאס יונגע אונד שעהנע מעדכען איז אויף גישטאנין , אונד וואהר גיהארזאם איהר ברודער זויא דיא איינע טויבע , אונ איז צו איהם גיגאנגין , לידעריג איז נאך איהר נאך גיגאנגין , אלעס נאך אין געזיכט שיצער , דאס קיינער זאל איהם ניכט זעהן , זויא וויא ביז יעצט .

דער קעניג גונטער האט זיך גיוואלט ראהמין (איין עצה האלטין) מיט זיינע שוועסטער קרימילדע , וואס אן בעטרעפט צום צו ריכטען צו דעם פייערונג . וואס עס האט גיזאלט זיין אויף צו מארגענס , וואס דיא האט עבין גיברויכט צו שפילען דיא גרעסטע ראלע , אונ האט גיברויכט דיא רויזע אפ צו רייסין צום ערשטין פאן דעם בוים .

דיא וויא לידעריג האט נאר דער הערט , דאס

קרימילדע בריוכט דעם יאכט צו געווינען , האט ער ביא זיך בעשלאסין . איהר ביא הילפיג צו זיין , נאר וייל ער האט קיין צייט גיהאט , דען ער האט גיברויכט זיך פאר צו ברייטען , אויף מארגינס צום פייערונג , איז ער גלייך גיגאנגין , אהיים אין (האטעל) גאסט הויז ארין .

לידעריג האט זיך גאר פאר געסין און איז זויא נאך היזע גיקאמע , אן גיטאהן אין דעם ניכט זעהענדין געזיכט שיצער , אלזויא זא וויא ער וואהר ניכט גיזעהן האט ער אן גיטראפין , דיא ביידע גיוועזענע פרויען פאן דעם קעניג אלבעריק , וויא זייא ארבייטין ביא איין פראזענט , וואס זייא האבין דאס איהם גיוואלט געבין , צו פראזענט , פיר דעם וואס ער האט זייא פאן זייער מערדער בעפרייט , אונ אויף דיזען ציהל האבין זייא אויף דעם וועג וואס זייא זעין אהער גיקאמען צו פארין , אן געקליבען וויא זייא האבין נאר אן גיטראפין שפין-בעבע וואס יעדער דרום וואס איינע פאן זייא האט געשפינען , וואהר דינער וויא דיא דינסטע האר פאן איין קינד , האט אידער דיא צווייטע אוים גיארבייטעט איין מאטעריאהל וואס וואהר ווייסער וויא שנייא , ווייכער וויא זיידע , אונ לייכטער וויא דער לייכסטער פייגיל פאך .

דיא גוטע ארבייטערין האבין זיך זעהר צו גיאיילט מיט זייערע ארבייט , דען זייא האבין געוואלט ענדיגען וויא אם שנעלסטין דען עס האט גיזאלט זיין איין קונסטליכע אונד איין שענער אנצוג אויף דיא פייערטאגע וואס האט גיזאלט זיין .

לידעריג האט גלייך בעמערגט ביא וואס זייא

אַרְבֵּייטִין זויא פְלֵייסִיג, אונ הָאט זִיךְ זִיא שְׁטִילֶער הֵייט צוּרִיק אַרוֹיס גְערִיקְט, דַארוּם דָאס עֶר זָאל, זַייעֶר פְּלאהֶן נִיכְט צוּ שַׁאנְדִין מַאכִין, אוּנ דִיא צְוֵויא אַרְבֵּייטֶערִינס זֶעגְנִין זִיךְ גֶעזֶעסִין, אוּנ הָאבִּין זויא פְלֵייסִיג גֶעאַרְבֵּייטֶעט דָאס בִּיז אוֹיף צוּ מארְגִינס פְרִיה וַואהְר שׁוֹין דֶער אַנצוּג פֶערְטִיג, אוּנ עֶר וַואהְר אוֹיס גִיהָאפְטִין מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע טֵייעֶרֶע פֶּערִיל, אוּנ מִיט גָאלְד, אוֹיךְ וַואהְר אוֹיס גֶענֵייט זָאלְכֶע בְּלֶעטֶער, פְּאַן שַׁאפִירִין, פְאַן קַארַאבּאלִין, אוּנד פְאַן דִיאַמֶענְטִין, זויא וויא עֶס וַואהְר אִין דֶעם גָארְטִין אוּנְטֶער דֶער עֶרְד בִּייא דֶעם קֶענִיג אַלְבֶּערִיק.

לִידְערִיג האט זִיךְ שֶׁעהְן בֶּעדַאנְקט, אוּנ הָאט זִיךְ גְלַייךְ אַן גֶעצוֹיגִין, אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶערִיטֶען אוֹיף זַיין פֶערְד, אוֹיף דֶעם אָרְט וויא עֶס הָאט גִיבְּרוֹיכְט צוּ זַיין דָאס גַאנְצֶע פֵייעֶרוּנְג, אוּנ זויא וויא עֶר הָאט זִיךְ נָאר בֶּעווִיזֶען, אוֹיף דֶעם רִיכְטִיגֶען אָרְט, זויא הָאט זַיין אַנְצוּג, וָואס וַואהְר טֵייעֶרֶער פָאן אַלֶעם, אוֹיף יֶעדֶען בֶּעזָאנְדֶער, זויא אוֹיךְ אוֹיף דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע, אֵיין אֵיינְדְרוּק גִימַאכְט, יֶעדֶער הָאט נָאר אוֹיף זַיין שְׁעֶנֶעס גֶעזִיכְט, אוּנ אוֹיף זַיין שֶׁעהְנֶעם אַנְצוּג גִיקוּקְט, אוּנ בֶּעוואוּנְדֶערְט.

נאר מֶעהְר פָאן אַלֶע, הָאט עֶס אוֹיף דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע גֶעווִירְקְט, זִיא הָאט נאר אִיהְם נָאךְ גֶעקִיקְט, אוּנ אַם מֵיינְסְטֶען הָאט זִיא אִין זִיךְ גִימְרַאכְט דָאס דֶער אִין דֶעם שֶׁעהְנֶעם וַוייסִין אַנְצוּג, מִיט דִיא טַייעֶרֶע בְּלֶעטֶער, גֶעווינֶען אוּנְד אוֹיס פִירֶען זָאל, אִיהְר וואוּנְטְשׁ הָאט זִיךְ עֶבִּין אִין אֵיינֶע קוּרְצֶע צֵייט עֶרְפִיהְלְט, לִידֶערִיג הָאט יֶעדֶען, פָאן דֶעם קְלֶענְסְטִין בִּיז דֶעם גְרֶעסְטִין הֶעלְדִישֶׁען

רייטער פאן זיין פערד אראפּ גיווארפין , אונ דער העלד אין דעם ווייסין אנצוג , איז געווארין אויס גירופין , דאס ער האט אוים געפירט אונ האט געווינען .

אונ דיא שעהנע קרימילדע זעלבסט , האט איהם איין זעהר שענעם קראנץ אן גיטאהן , אונ איז אויך גלייך פאר ביטען גיווארין , אויף דעם באל , (מאהלצייט) וואס האט גיזאלט זיין אין דעם קייזערליכען פאלעה , אונ אויך אויף דעם באל , וואס ער האט גיזאלט זיין נאך דעם באל .

אויף צו מארגינס האט זיך לידעריג איבער גיקלייד פיר איין שיסער , אונ ער וואהר , דער ערשטער וואס האט אין דעם פויגיל ציהל אריין גיטראפין , דען זויא וויא וויר האבין שוין אויבין ערצעהלט דאס ער וואהר אין דיא ארבייט זעהר איין געאיבט , נאך דארט ביא דעם אבגעזאנדערטין אין דעם וואלד , וויא ער וואהר אויף גיצויגין , דאן האט ער אויף געהויבין פאן געשאסענעם פויגיל אונ האט איין טייערין דיאמענט אריין גיזעצט אין דזאב (מונט) אונ צוויא קארבין קוילין אויף דיא ערטער פאן דיא אויגין , פאן דעם טויטין פויגיל , האט ער צוא גערופען זיין קאמער דינער , פעטערסין , אונ האט איהם געהייסען , דאס ער זאל דאס אוועק טראגען דיא פירסטען , צו פראזענט , פאר דיא געערטע עמפפאנגונג , וואס ער האט פאן איהר בעקאמען .

אויף צו מארגענס האט געזאלט זיין דיא ווישצינגע נאך דיא רויזע , אונ עס וואהר צוואהר זויא , אויף צוא

מָארְגִנְס הָאט גִיזאלְט זַיין דִיא יַאגְט (ווִישְׁצִיגֶע) נָאךְ דִיא רוֹיזע אוּנְד עֶס וואהְר צְוַואהְר זויא. אוֹיף צוּ מָארְגִינְס זֶענְן אַלֶע מֶעדְכֶען גִישְׁטאנְן אִין אֵיין שְׁרֶענְגֶע ווָאס עֶס וואהְר גיצוֹיגִין 2 זַיידֶענֶע שְׁנִיר אַלְס גְרֶענֶעץ פָאן בֵּיידֶע זַייטִין אוֹיף דֶעם פֶּערְוַוייטֶערוּנג פָאן 500 שְׁרִיט, אִיז גִישְׁטאנְן אֵיין רוֹיזִין בֵּייכְכֶען, ווָאס אִיז אוֹיף אִיהְם גִיווַאקְסִין נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶע שֶׁנְהְנֶע רוֹיזֶע.

דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע אִיז אוֹיךְ גִישְׁטאנִין, אִין דִיא שְׁרֶענְגֶע צְווִישֶׁען אַלֶע מֶעדְכִין, זִיא וואהְר דִיא שֶׁענְסְטֶע אוּנד דִיא עֶדעלְסְטֶע פָאן אַלֶע, אִיהְר גֶעזִיכְט הָאט גֶעבְּלִיט פָאן נֵייגֶערִיגְקֵייטִין צוּ דִיא רוֹיזֶע, אוּם דַאס זִיא זָאל קֶענִין הֵיירַאטִין (חתונה הָאבִּין) מִיט דֶעם גְרֶעסְטִין הֶעלְד פָאן דֶער וֶועלְט אוּנד דַאדוּרְךְ וואהְר זִיא נָאךְ פִיהְל שֶׁענֶער, ווִיא דַאמַאלְס ווֶען לִידֶערִיג הָאט זִיא דַאס עֶרְשְׁטֶע מָאהְל גִיזֶעהְן.

לִידֶערִיג הָאט דַאן בֶּעשְׁלָאסִין אִיהְר בֵּייא הִילְפִיג צוּ זַיין, דַאס זִיא זָאל צוּם עֶרְשְׁטִין דִיא רוֹיזֶע אָפּ רַייסִין. אַלְזוֹיא אִיז עֶר דַאדוּרְךְ גִיפְאהְרִין נָאךְ הוֹיזֶע אִין הְאטֶעל אַרַיין אוּנ הָאט אָן גִיצוֹיגִין דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער, דַאס עֶר זָאל נִיט קֶענִין גִיזֶעהְן ווֶערִין, עֶר הָאט זִיךְ אָן גֶעשִׁיט דִיא מַאשִׁין מִיט מֵייעֶרֶע שְׁמֵיינֶער אוּנְד אִיז אַרַיין גִיגַאנְגִין אִין דִיא גְרֶענְצֶע, דָארְט ווִיא דִיא מֶעדְכִין זֶענִין אַלֶע גִישְׁטַאנִין אוֹיס גִישְׁטֶעלְט, אוּנְד הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט נֶעבִּין קְרִימִילְדֶען.

אוּנְד זוֹיא זֶענִין אַלֶע גִישְׁטַאנִין, זוֹיא דִיא צוּ קִיקֶער, ווִיא דִיא מֶעדְכִין הָאס הָאבִּין זִיךְ גִיבְּרוֹיכְט צוּ יָאגִיז, זֶעהְר מִיט אוּנְגֶעדוּלְט. אָבֶּער קוֹים הָאט דֶער קֶענִיג אֵיין צֵייכִין גִיגֶעבִּין,

זויא הָאבִּין אַלֶע מֶעדְכִין מִיט אֵיין מָאהְל אַן גֶעפַאנְגִין צוּ יָאגִין , אָבֶּער זויא שְׁנֶעל אוּנְד גְרִינְג זויא וִויא דִיא פֵייגִיל .

אויבּ וָואהְל קְרִימִילְדֶע וַואהְר זֶעהְר גֶעשִׁיקְט , דָאךְ זֶענִין אֵיינִיגֶע מֶעדְכִין גִילָאפְּן מִיט אִיהְר גְלַייךְ זויא וַוייט , דָאס מַאן הָאט נִיט גִיקֶענְט בֶּעמֶערְקִין וֶועהְר פָאן זֵייא ווִירְד פְרִיעֶר צוּ דִיא מֶעטֶע צוּ קָאמֶען .

זויא וִויא לִידֶערִיג אִיז גִילָאפִין נֶעבִּין אִיהְר , דַאן הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַפִּילֶע הַאנְד מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע טַייֶערֶע שְׁטֵיינֶער . אוּנְד הָאט גִיוָוארְפִין פָאהְר זִיךְ , אוּנְד וִויא דִיא מֶעדְכִין הָאבִּין גִיזֶעהְן אוֹיף דִיא עֶרְד לִיגִין , זֶעהְר שֶׁענֶע פֶּערִיל , רוּבִּינְען , קַארְבֶּעקְאלִין , אוּנְד דִיאַמֶענְטִין , הָאבִּין זֵייא זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אוֹיף הַאלְטִין , דַאס זֵייא זָאלִין פַּאר בֵּייא גֶעהְן אוּנְד זָאלִין נִיט אוֹיף הֵייבִּין , אוּנְד דֶער וַוייל הָאט קְרִימִילְדֶע צַייט גִיהַאט זֵייא אוֹיס צוּ מַיידִין , אוֹיבּ וָואהְל קְרִימִילְדֶע הָאט אוֹיךְ גִיזֶעהְן דִיא שֶׁעהְנֶע אוּנְד טַייֶערְע שְׁטֵיינֶער אוֹיף דִיא עֶרְד בְּלִישְׁצֶען , דָאךְ אָבֶּער וַואהְר בַּייא אִיהְר דִיא הָאפְנוּנְג צוּ הֵייראַטִין מִיט דֶעם גְרֶעסְטִין הֶעלְד פָאן דֶער וֶועלְט , גְרֶעסֶער וִויא אַלֶע שֶׁענְסְטֶע אוּנְד טַייֶערֶסְטֶע דִיאַמֶענְטִין . דַאדוּרְךְ הָאט זיא זִיךְ אַם עֶרְשְׁטִינְס צוּ גִיקְרִיגֶען צוּ דִיא מֶעטֶע , אוּנְד זיא וַואהְר דִיא עֶרְשְׁטֶע וָואס הָאט דִיא אֵיינְצִיגֶע רוֹיזֶע אָפּ גֶערִיסֶען .

אוֹיף צוּ מָארְגִינְס הָאט גִיבְּרוֹיכְט צוּ זַיין אֵיין צַאנְקֶערַייא צְווִישֶׁען ווִילְדֶע מֶהִירֶע . אִין דֶעם צִירְק וָואס מַאן הָאט יֶעצְט פְּרִישׁ אֵיין גֶערִיכְטֶעט , אִין אֵיין אוֹיס גִיקָאפְּעטִין גְרָאבּ , וָואס אַרוּם הָאט מֶען אֵיין גֶערִיכְטֶעט אֵיין גַאלֶערִיֶע , אוּנְד

אֵיין אַמְפֶּעטֶעאַטֶער .

אויף אֵיין בְּעזָאנְדֶערֶע בִּימֶע, וֶועהְר שֶׁעהְן פַּאר צִירְט, איז גִיזֶועסִין דֶער קֶעניג גוּנְטֶער מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער קְרִימְהִילְדֶע, וָואס זִיא הָאט גֶעהַאלְטִין אִין דִיא הַאנְד דִיא רויזֶע, וָואס זִיא הָאט גֶעוִוינֶען אויף דִיא רויזֶען יַאכְט .

דָאס פָאהְר שְׁטֶעלוּנְג הָאט זִיךְ אָן גֶעפַאנְגֶען, מַאן האט אַרַיין גִיבְּרֶענְגְט אֵיין לֵייבּ, אוּנ אֵיין טִיגֶער, וֶועהְר שֶׁעהְן פַּאר צִירְט, וָואס עֶס איז יֶעדֶען בֶּעוואוּסְט דַאס דִיא טְהִירֶע זֶענִין דִיא שֶׁענְסְטֶע אוּנ דִיא שְׁרֶעקְלִיכְסְטֶע וָואס עֶס גִיבְּט נָאר, דִיא טְהִירֶע הָאבִּין אִימֶער קֵיין פְרִידֶען נִישְׁט צוּ וִוישֶׁען זִיךְ, אַלְזוֹי זוֹיא וִויא זֵייא וַוארִין שׁוֹין אִין גְרֶעסְטִין צַאנְקֶערַייא, זוֹיא הָאט דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימְהִילְדֶע אֵיין גֶעשְׁרַייא גֶעגֶעבִּין, זוֹיא שְׁטַארְק דַאס דֶער גַאנְצֶער פּוּבְּלִיק הָאט זִיךְ דֶער שְׁרָאקִין, דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימְהִילְדֶע, הָאט אִיהְר רויזֶע וָואס זִיא הָאט גִיהַאלְטִין אִין דֶער הַאנְד אַרָאפּ גִילָאזְט אַרַיין צוּ וִוישֶׁען דִיא טְהִירֶע .

גְלַייךְ הָאט זִיךְ גִילָאזְט הֶערִין אֵיין שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעשְׁרַייא פְאן גַאנְצִין פּוּבְּלִיק, דֶען עֶס הָאט זִיךְ זֵייא פְאן הארְץ אַרוֹים גֶערִיסֶען דָאס גֶעשְׁרַייא, דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵייא הָאבִּין גִיזֶעהְן וִויא לִידֶערִיג אִיז אַרַיין גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין דִיא אָרֶענֶע אוּם דִיא רויזֶע אויף צוּ הֵייבִּין .

אִין דִיא זֶעלְבֶּע מֶענִיט וִויא דִיא טְהִירֶע הָאבִּין דֶער זֶעהְן לִידֶערִיגֶען, הָאבִּין זֵייא זִיךְ אויף גִיהֶערְט צוּ צַאנְקִין, אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִיקֶערְט צוּ לִידֶערִיגֶען, מִיט אֵיין שְׁרֶעקְלִיךְ רִימְשֶׁערַייא אוּנְד גֶעפִּילְדֶער, אוּנ מִיט דִיא וֵויידְלֶען הָאבִּין

זייא גיוואָרפֿין פֿאַר (כּעס) .

אָבּער דער יונגער מאַן האָט גלייך אַרויס געצויגין דיא גאָלדענע בּייטעל פֿאָן דעם גאַרטיל אונ האט זייא אַן געפֿאַנגין צו שלאָגין דער מיט, האבין דיא טהירען אָן גיהויבּען צו אַנטלויפֿין אונ האבין געריצעט .

דאַן איז לידעריג צו גיגאַנגען צו דיא שטעלע וויא דיא רויזע איז געלעגין, אונ האט זיא צו גענאָמען, נאָר אויף דעם אָרט וואס ער האט גיבּרויכט דיזע רויזע אָפּ צו געבּין וואס ער האָט אויף געהויבּען, האט ער אפּ געגעבּין דיא פירסטען דיא רויזע וואס ער האט אויס געריסען אין גאָרטין בּייא דעם קעניג אַלבּעריג פֿאָן ניבּעלינגע .

קרימילדע וואהר זויא צו מישט דאס זיא האָט ניכט בּעמערקט דעם אירטהום, זיא האָט דיא רויזע צוא גענאָמען פֿאָן דעם יונגען מאַן אונ האט זיך אום געקערט צום קעניג אונ האָט געזאָגט .

אַך מיין ליבּער בּרודער זאג מיר דיא וואהר הייט איז דען לידעריג ניכט דער גרעסטער העלד אוף דיא גאַנצע וועלט ?

אויף צו מאָרגינס האָט לידעריג געשיקט דעם קעניג גענומער דיא 4 קאַרבּין מיט שטיינער, איינעם מיט פּעריל, דעם צווייטען מיט רובּינען, דעם דריטען מיט קאַראַנקאַלין אונ דעם פירטען מיט דיאַמאַנטין, וואס ער האט מיט זיך גינאָמען, פֿאָן דעם שאַץ ניבּעלינגע, אונ האט איהם געבּעטין אום איין טויש אויף זיינע שוועסטער דיא שעהנע

קְרִימִילְדֶע פִיר זַיינֶע טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אוּם זִיא פִיר אֵיינֶע פְרוֹיא צוּ נֶעמִין.

אָבֶער דֶער קֶענִיג גוּנְטֶער הָאט אִיהְם בֶּעאַנְטְוָואָרְטֶעט דָאס נָאר דֶער ווִירְד בֶּעקְאָמֶ״ן זַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער פִיר אֵיינֶע פְרוֹיא, וָוער עֶס ווִירְט אִיהְם הֶעלְפִין אֵיין נֶעמִין דָאס שְׁלָאס סֶעגַארְד וָואס אִיז אַרוּם מִיט פַייעֶר, אוּנְד וָואס מִיט פוּפְּצִיג יָאהְר צוּ רִיק אִיז אִין אִיהְם גִיוָואָרִין אֵיין גֶעשְׁלָאפִין דִיא שֶׁעהְנֶע בְּרוּנְהִילְדֶע דִיא קֶענִיגֶען פָאן יסלאנדיע.

לִידֶערִיג הָאט אִיהְם דַארוֹיף גִיאַנְטְוָואָרְטֶעט דָאס עֶר אִיז גֶרֵייט אֵיין צוּ נֶעמִין דָאס שְׁלָאס סֶעגַארְד, אוֹיף צוּ וֶועקִין דִיא קֶענִיגֶען פאן יסלאנדיע, אוּנ זִיא אָפּ צוּ גֶעבִּין דֶעם קֶענִיג פָאן הינלאנדיע.

אָבֶּער דֶער קֶענִיג גוּנְטֶער הָאט נִיכְט גִיוָואלְט אֵיין ווִילִיגֶען דַארוֹיף, דָאס לִידֶערִיג זָאל אֵיינֶ״ר אַלֵיין זִךְ זִיא אֵיינֶע גְרוֹיסֶע זַאכֶע אוּנְטֶער נֶעהְמִין, אַלְזוֹיא הָאט עֶר בֶּעשְׁטִימְט דָאס בֵּיידֶע זָאלִין זִךְ אַוֶועק לַאזִין אִין דֶער רֵייזֶע אוּם דָאס פֶעסְטוּנְג סֶעגַארְדֶע אַיין צוּ נֶעמִין, אִים פַאלֶע וֶוען עֶס וֶועט זַייא גֶעלוּנְגֶען וָועלִין זַייא צוּ רִיק נַאךְ זַייעֶר לַאנְד הִיגְלַאנְדִיע, דַאן ווִירְד יָעצְט לִידֶערִיג קֶענֶען הֵייראַטִין דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע.

אִים פֶערלוֹיף פָאן צְוֵוייא וָואכִין אִיז שׁוֹין אַיין אַקְרֶעגְט פֶערְטִיג גֶעשְׁטַאנִין גְרֵייט, וָואס הָאט גִיזָאלְט אָפּ פִירֶען דֶעם דֶעם קֶענִיג גוּנְטֶערִין מִיט לִידֶערִיגֶען, קֵיין יִסְלַאנְדִיע, אִין גִיזֶעלְשַׁאפְט פָאן 100 דִיא גְרֶעסְטֶע הֶעלְדִין, אוּנ הָאבִּין עֶבִּין גְלַייךְ אָפּ גִירֵייזְט פָאן לַאנְד הִיגְלַאנְדִיע.

בֶּעפֿאהְר לִידֶעריג הָאט אַפּ גֶערֵייזְט, הָאט עֶר גִישֶׁענְקְט דִיא שֶׁעהְנֶע קְרִימִילְדֶע דִיא 2 פְּרוֹיֶען, פֿאָן דֶעם קֶענִיג אַלְבֶּערִיק, וָואס זִיא הָאט גְלַייךְ דִיא צְוֵייא פְּרוֹיֶען אוֹיף גִינָאמֶען פִיר אִיהְרֶע הוֹיף דַאמֶען, דַאס זִיא זָאל הָאבֶּען מִיט וֶועמִין צוּ שְׁפְּרֶעכִין, פֿאָן דֶעם וָואס עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אֵיין אַזוֹי וַוייט דָאס עֶר זָאל קֶענִין הֵייראַטֶען מִיט אִיהְר.

דֶעם דְרִיטֶען טָאג פֿאָן זֵייעֶר רֵייזֶע, הָאבִּין זֵייא שׁוֹין בֶּעמֶערְקְט אֵיין הֶעלֶע שֵׁיין פֿאָן וַוייטִין, אוּנ וִויא זֵייא הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיפְרֶעגְט בַּייא דֶעם שִׁיפְס קַאפִּיטֶעהְן, הָאט עֶר זֵייא אוֹיף גִיקְלֶערְט, דַאס דִיזֶעס אִיז אֵיין פֵייעֶר, וָואס עֶס נֶעמְט אַרוּם דַאס פֶּעסְטוּנְג סעגארד.

אִין דֶער וַואהְר הֵייט, אִיז בִּיסְלֶעךְ וַויים זֶויא וִויא דִיא נַאכְט הָאט צוּ גֶעשְׁלָאגִין, זֶויא הָאט מַאן דֶעם רוֹיךְ אוּנ דָאס פֵייעֶר מֶעהְר, אוּנְד מֶעהְר אַן גֶעזֶעהֶען, דִיא הֶעלְדִין הָאבִּין דֶער זֶעהֶען דִיא הוֹיכֶע גֶעקְארְבְּטֶע מוֹיעֶרִין, אַרוּם גִינָאמִין אִין גַאנְצִין מִיט פַייעֶר, וָואס עֶס הָאט זֵייא נִיכְט פַאר בְּרֶענְט, דֶען זֵייא וַואהְרִין פֿאָן זָאלְכֶע פְּעלְזִין וָואס הֵייסִין אַסְבֶּעסְט, אִין דִיא מוֹיעֶרִין הָאט מַאן גִיזֶעהְן 10 טוֹיעֶרִין אוּנ יֶעדֶ׳ס טוֹיעֶר בֶּעזוּנְדֶער וַואהְר גֶעהִיטֶען פֿאָן אֵיין זֶעהְר שְׁרֶעקְלִיכֶען סְמָאק.

אוֹיף צוּ מָארְגִינְס גְלַייךְ מִיט דֶעם טָאג זֶויא וִויא עֶס הָאט נָאר אָן גִיפַאנְגֶען צוּ טָאגִין, אוּנ בַּייא דִיא לִיכְט פֿאָן דֶעם פַייעֶר, זֶויא וִויא דִיא גְרוֹיסֶע מֶעהְר פַאנַארִין, אִיז דִיא שִׁיף צוּא גֶעשְׁוִוימֶען צוּ זֶעהְר אֵיין שֶׁעהְנֶעם פָּארְט אִיבֶּער וֶועלְכִין עֶס אִיז גִיוֶועזִין דַאס שְׁלָאס.

דֶער קֶענִיג גונְטֶער הָאט גְלַייךְ גְיוָואלְט אַרויס שְׁפְּרִינְגֶען אויף דֶער טְראַקְעְנִים ; אונ הָאט גְיוָואלְט אַן פַאנְגִין , זִיךְ דורְךְ צו שְׁלָאגִין , דורְךְ דֶעם פַייֶער , אָבֶּער לִידֶערִיג הָאט אִיהְם דֶער פָאן צוּ רִיק גֶעהַאלְטִין , עֶר הָאט אִיהְם גִיזָאגְט דָאס עֶר הָאט שוין זִיךְ גִימַאכְט אֵיין גַאנְצִין פְלַאהְן , אונ עֶר אִיז זִיכֶער דָאס עֶר וֶועט גֶעווִיס מִיט זַיין פְּלַאהְן אויס פִירֶען , אונ עֶר הָאט אִיהְם גִיבֶּעטִין דָאס עֶר זָאל דָאס אִיהְם אִיבֶּער גֶעבִּין , עֶר וֶועט דָאס נֶעמִין אויף זִיךְ .

דָער קֶענִיג גונְטֶער אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אויף דֶעם אָקְרֶענְט מִיט זַיינֶע 100 הֶעלְדִין , אונ לִידֶערִיג הָאט זִיךְ אַן גִיצויגִין זַיין בַּאלְמונְג , אונ הָאט זִיךְ אֵיין גִישְׁטֶעקְט אִין גַארְמִיל , אַרַיין , דִיא גָאלְדֶענֶע בַּייטְשׁ , אונ הָאט אַן גִיצויגִין דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער , אום דַאמִיט עֶר זָאל נִיכְט גִיזֶעהְן וֶוערִין אונ אִיז גְלַייךְ אַרויס גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אויף דִיא טְרָאקֶענִים , אונ עֶר הָאט נִיכְט גִימַאכְט קֵיין אויס וַואהְל , אִין וֶועלְכִין טויֶער עֶר זָאל אַרַיין גֵיין , נָאר אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין טויֶער וָואס וַואהְר גֶעהֶנְטֶער , אִיז עֶר אַרַיין גִיגַאנְגֶען , דָאס טויֶער הָאט גֶעהִיטֶען אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶער סְמָאק מִיט 6 קֶעפְּף , וָואס 3 קֶעפְּף הָאבִּין גֶעהִיטֶען אִין דִיא צַייט וֶוען דִיא אַנְדֶערֶע הָאבִּין גִישְׁלָאפִין . אַלְזויא אויף זויא אֵיין אַרְט וַואהְר דָאס שְׁלָאס אִימֶער גֶעהִיטֶען , (דֶער סְמָאק הֵייסְט לויט וִויא מַאן בֶּעשְׁרַייבְּט אִיהְם ,הידראליר נעהסקא׳ ) .

לִידֶערִיג אִיז דְרֵייסְט צוּ גֶעגַאנְגֶען , אויב וָואהְל לִידֶערִיג וַואהְר נִיכְט גִיזֶעהְן , דָאךְ אָבֶּער הָאט דִיא הִידְרָע (דֶער סְמָאק) דֶער הֶערְט דִיא טְרִיט פָאן זַיינֶע פִים , אונ גְלַייךְ אִין דִיא זָעלְבֶּע מֶענִיט הָאבִּין דִיא דְרַייא קֶעפְּף , וָואס

הָאבִּין גִיהִיטֶעְן , אוֹיף גִיוֶועקְט דִיא דְרַייא שְׁלאפֶענְדֶע קֶעפּף אוּנ אַלֶע זֶעקְס קֶעפְּף , הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין , אִין דֶער הוֹיךְ , אוּנ הָאבִּין פָאן זִיךְ גֶעשְׁפִּריצְט מִיט פַייעֶר , אוֹיף דִיא זַייט פָאן וַואנִין זֵייא הָאבִּין דֶער הֶערְט דִיא טְרִיט פָאן לִידֶערִיגְס פִּים .

דָאס פַייעֶר וַואהְר זוֹיא שְׁטַארְק , דַאס לִידֶערִיג הָאט נִיכְט גִיקָאנְט צוּ גֵיין צוּ דִיא הִידְרֶע זוֹיא וַוייט דָאס עֶר זָאל מִיט זַיין בַּאלְמוּנְג קֶענִין דֶער לַאנְגִין , אַלְזוֹיא וַואהְר עֶר גִינֵייט זַיין שְׁוֶועְרְד אִין זַיין גָארְטִיל אַרַיין צוּ שְׁטֶעקִין , אוּנ אַנְפַאנְגִין מִיט דִיא גָאלְדֶענֶע בַּייטְשׁ צוּ שְׁטְרַייטִין , אוּנ עֶר הָאט גְלַייךְ אָן גִיפַאנְגֶען , מִיט דִיא בַּייטְשׁ צוּא פֶעכְטִין , הִין אוּנְד הֶער , דָאס אִין פֶערְלוֹיף פָאן אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען , הָאט דִיא הִידְרֶע זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אוּנ הָאט אַנְגִיפַאנְגִין צוּ אַנְטְלוֹיפִין .

לִידֶערִיג הָאט זִיךְ נַאטִירְלִיךְ נִיכְט גִיפוֹילְט אוּנ הָאט זִיא נָאךְ גִיאָגְט . אוּנ אִיז מִיט אִיהְר צוּ זַאמֶען אַרַיין אִין שְׁטָאט , דָארְט הָאט עֶר זִיא אַרַיין גֶעטְרִיבֶּען אִין אֵיין ווִינְקֶעל אַרַיין ווִיא זִיא הָאט נִיכְט גִיקָאנְט מֶעהְר אַרוֹיס גֵיין , הָאט עֶר דַאן אִיהְר אָן גִיפַאנְגִין צוּ גֶעבִּין מִיט דִיא בַּייטְשׁ עֶטְוַואס פֶעסְטֶער . זוֹיא דַאס זִיא הָאט שׁוֹין אוֹיף גִיהֶערְט פָאן זִיךְ פַייעֶר צוּ שְׁפְּרִיצֶען , נָאר זִיא הָאט זִיךְ אִין אִיהְר בְּלוּט נִיבָּאדִין .

דַאן הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן פְּרָאפִּיטִירְט פָאן דִיא צַייט , אוּנ הָאט זַיין בַּייטְשׁ , אִין גֶערְטִיל זִיךְ פַאר שְׁטֶעקְט אוּנ הָאט אַרוֹיס גִינָאמֶען זַיין בַּאלְמוּנְג , אוּנ הָאט דֶעם

סְמָאק אָפּ גִיהַאקְט אַלֶע 6 קֶעפּף , אֵיינֶעם נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין אוּנ אִיז זִיךְ גַאנְץ צוּ פְרִידֶען וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען .

עֶס וַואהְר דָארְט צְוַואהְר לַייכְט צוּ טְרֶעפִין צוּ דֶעם אָרְט וויא עֶר הָאט גִיבְּרוֹיכְט צוּ גֶעהְן , דֶען אַלֶע גַאסִין וַוארִין זויא וויא שְׁנִירֶען גֶעצוֹיגִין צוּ דֶעם פַּאלֶעה פָאן דִיא פִירְסְטֶען וְואס עֶר אִיז דָארְט גִישְׁטַאנִין , אִין דִיא רִיכְטִיגֶע מִיטֶע פָאן דֶער שְׁטָאדְט .

אוּנְזֶער גוּטֶער לִידֶערִיג , אִיז זִיךְ גְלַייךְ צוּ גִיגַאנְגִין צוּ דֶעם פַּאלֶעה , אָבֶער עֶר וַואהְר זֶעהְר פַא־ וואוּנְדֶערְט וְואס וַואהְר זויא שְׁטִיל , רוּהִיג , עֶר הָאט אוֹיף יֶעדֶען טְרִיט אוֹיף דעם וֶועג אַן גֶעטְרָאפִין , גַאסִין דִינָער מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע פִּיעְקְלִיךְ אִין דִיא הֶענְד , דָא הָאט עֶר אַן גִיטְרֶאפִין בְּרִיף טְרֶעגֶער וְואס זֵייא הָאבִין גִיהַאלְטִין אִין דִיא הֶענְד , דֶעם גְלָאק בַּייא אֵיין הויז וְואס עֶר הָאט דָארְט אַרַיין אֵיין בְּרִיף גֶעטְרָאגִין , ווִידֶער הָאט עֶר גִיזֶעהְן , פֶערְשִׁידֶענֶע קִיצֶערְס זִיצֶען אוֹיף דִיא קָאזְלֶעס , פָאן דִיא קָאטְשִׁין , אוּנְד ז. וו. , אוֹיךְ פֶערְשִׁידֶענֶע הֶענְדְלֶער אוּנ הֶענְדְלֶערִין , אוֹיךְ קוֹיפְמֶענֶער אוֹיף דִיא שְׁוֶועלֶע בַּייא זֵייעֶרֶע לַאדִינְס , אוֹיךְ קֵייפֶער אִין פֶערְשִׁידֶענֶע פָאזִיצְיֶעס , אוּנ פְרָאצֶעסְיֶעס וָואס גֵייעֶן פָאן אֵיין קְלוֹסְטֶער אִין צְווייטִין אַרַיין . אוּנ דָאס אַלְעס וַאהְר וויא אִין אֵיין שְׁלָאף פֶערְטִיפְט , אוֹיךְ אֵיין שְׁפִּילֶער וָואס הָאט גִישְׁלָאפִין , מֶען הָאט גִיקָאנְט מֵיינֶען דָאס עֶר הָאט נָאךְ נִיכְט אוֹיף גִיהֶערְט צוּ שְׁפִּילֶען .

לִידֶערִיג הָאט אוֹיף אַלֶעם נִיכְט גֶעקִיקְט , עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען דְרֵייסְט גְלַייךְ אִין פַּאלֶעה אַרַיין , זויא וויא עֶס

וואהר שטיל אין טויב אין שטאדט , זיא וואהר אויך אין פאלעה .

אויף דיא טורמע וואס וואהר איבער דעם פאלעה , איז דער היטער גישמאק גישלאפין , ער האט גיהאלטין איין טראמייט אין דער האנד , דיא הינט וואס זענין גילעגין ביא דיא טהיר , דיא פייגיל וואס זענין גישטאנען אויף דיא צווייגין , אויך דיא פליגען וואס זענין גישטאנין אויף דיא ווענט זענין אויך גישלאפין .

וויא לידעריג איז דורך גיגאנגין דורך דיא צימערין פאן דעם פאלעה , וואהר ער איבער צייגט דאס דער שלאף איז איבער פאלין דיא איינוואהנער אין דיא צייט פאן איין פאר ווילונג , דען דאס פאדער צימער וואהר פאל מיט דינער , וואס האבין גיהאלטין פערשידענע טאצין אונ טעלער מיט שפייזין , זייא זענין אלע גישטאנין שטייף וויא פאר שטיינערט .

אלס דאן איז לידעריג אריין גיגאנגין אין דעם באל זאהל אריין , וויא ער האט אן גיטראפין דארט פערשידענע געסט , אונ טאנצין קאנטערדאנס , איינינע האבין דיא הענד אין דיא העהע גיהאלטין , אנדערע האבין דיא פיס אין דיא לופט געהאלטין , אונד דיא שפילערס האבין דיא ביינין ביא דיא זייטין פאן דיא פידעל גיהאלטין , אנדערע האבין ווידער ביא דיא מיילער דיא אינסטראמענטין גהאלטין זויא וויא אויף איין טראן איז גילעגין איין זעלטין שענער העלד אין זעהר שענעם גלאנצענדע גיוועהר בעהאנגין , מיט איין געזיכט שיצער אויף דעם געזיכט , אלעס ניכט רירענד .

ווייל דער העלד האט גיזעהן צו זיין דער קעניג פאן דער פאר ווילונג , איז ער צו צו דעם העלד אונ האט איהם

אַראָפּ גינאָמען דעם גענויכט שיצער . אין דער מענוט האָבּין זיך שעהנע בלאָנדע האָר אַראָפּ גילאָזט אויף דיא שילטערין האָט לידעריג דער זעהן אַגעזיכט פאַן איין פרויענצימער , דער יונגער מאַן האָט זיין געזיכט צו גילייגט צו דער פרויא , דאס ער זאל זיך איבער צייגין צו זיא עטעמט . האָט ער זיך איבער צייגט אונ האָט געשפירט דאס זיא איז לעבענדיג זויא גלייך האָט זיא איין צאפּיל גיגעבין אונ האָט איהרע אויגין גיעפינט .

אין דיא זעלבע מענוט , וויא זיא האָט דיא אויגן גיעפינט האָט זיך אַלעס ערוואכט , די שפּילער האָבין ווייטער געשפּילט דיא מענצער האָבין ווייטער געטאַנצט , דיא דינער זענין אַריין גיקאָמען מיט פערשידענע גיטראַנקין אונ שפּייזין אויף טאצין , דאַן האָט זיך דיא קעניגען אָן גערופין .

גריסע מיך יונגער מאַן , מיינע פיליזאָפּין האָבּין מיר שוין לאַנג פאר געזאגט , דאס איך ווערדע ערוואכט ווערין דורך דעם , וואס וויד בעזיצען דיזע קאָראָנע אונ דיזע רינג וואס זיא האָט איהם געציינט .

ליידער שעהנע פירסטען — האָט איהר לידעריג ניאַנטוואָרטעט מיט איין שמייכיל — ניכט מיר וועט דאס דאס גרויסע גליק טרעפין איך בין נאר געשיקט גיוואָרין פאַן גונטער דער קעניג פאַן הינלאנדיע , אום צו ביטען דיך דיינע האַנד , פיר איהם . וואס איך ברויך זיינע שוועסטער צו הייראַטען .

אַך ! האָט דיא קעניגען בּראַנהילדע אַנגעשרייא גיגעבן מיט פערדרוס , צו הערין זיא מיינע הערען אונ דאמען ? דער וואס האָט געשיקט בעטין אום מיינע האַנד , האָט ניכט גיוואָלט פיר אונז זיין לעבין ריזיקירען , נאר ער האָט געשיקט

זויא אײנעם וואס ער איז פיהל שטארקער פאר איהם.

דוא אירסט זיך, דוא פערגעטערטע פירסטען — האט ווידער לידעריג גיאנטוואָרטעט, איך בין ניכט שטארקער וויא גונטער, נאר איך האבע מיך ביא איהם זעלבסט גיבעטין אום דיזען דאס ער זאל מיר ערלויבין צו געהן פיר איהם. אום דעם איך זאל איהם קענין דינען.

לאס זו'א זיין—האט בראנהילדע גיאנטוואָרטעט, אונ האט לידעריגען ניכט גיוואלט ווייטער הערין, אבער צו דער וואס האט דיך געשיקט, ווייסט פאן דיא דרייא פראבין וואס דער צו קינפטיגער מאן, גיברויכט אוים צו פירען?

יא גינעדיגע פירסטען, האט לידעריג גיאנטוואָרטעט נאר ווייל דיא פראבין וואס ער האט געברויכט אוים צו פירען, זענין דיא שווערסטע אונד שעדליכסטע, דאדורך האט גונטער דאס פיר זיך גילאסט.

אלזויא געהע צוריק צו איהם, האט זיך בראנהילדע אן גירופין, אונד זאג איהם, דאס ער זאל זיין גרייט אוים צו פיהרען דיא גיפערליכסטע פראבין וואס איך האבע פיר איהם, נאר איהר זאלט וויסען, אום פאל ווען דיא פרובין ווירדען אים ניכט גילונגן, דאן ווירד איהר ביידע פערלוירין.

לידעריג האט גיוואָלט ענדיגען מיט העפליכע ווערטער זיין וויזיט, נאר בראנהילדע האט איהם קיין צייט איבער גילאזט דארויף, אונ האט זיך פאן איהם אוים געדרייט מיט פערניכטונג, אונ איז אריין גיגאנגין אין אנ'יטיגעם צימער.

לידעריג האט זיך גלייך גיקערט אום צו גונטערין איהם אנטוואָרט צו ברענגין.

ער האט דעם קעניג אן גיטראפין, ווארטענדיג אויף איהם מיט אונגידולט, לידעריג האט איהם גלייך ערצעהלט

אלעם וואס עס האט זיך מיט איהם גטראפין, אונד ער האט איהם גזאגט דאס ער אונד גונטער ברויכין אויף צו מארגינס אוים צו האלטין פערשידענע שוועהרע גיפארין, וואס זייא מוסין דורך אוים געוויגען, ווען ער ווינטשט זיך צו בלייבין איין מאן פאן בראנהילדע אונד קעניג פאן יסלאנדיע.

נאכהער האט ער איהם אויך בענאכריכטעט דאס בראנהילדע האט איהם גילאזט זאגין דאס עס ווארט אויף זייא ביידע דר טויט, ווען גונטער וועט ניכט אוים פירען די פרובן.

דער קעניג גונטער האט גיבעטין לידעריגען דאס ער זאל איהם זעלבסט איבער לאסין, אונ ער זאל אוועק רייזין קיין היגלאנדיע, אונ האט איהם פאר זיכערט, דאס וואס עס וועט זיך דא מאכין, וועט ער איהם געבין זיין שוועסטער פיר איין פרויא, אבער לידעריג האט גירעכינט דאס עס וועט איהם דא צו נישט קאמען, האט ער ניכט גיוואלט בעשטיין אויף דעם וואס דער קעניג האט איהם פאר גיטראגין, ער האט איהם גיזאגט, דאס ער ווינטש זיך ביז צו דיא ענדע מיט איהם זיין שיקזאהל טהיילין.

אונ גונטער וואס וואהר בייא זיך צו פרידען, דאס ער האט לידעריגען נעבין זיך, האט ער אן איהם שטארק ניכט אן גיהאלטין דאס ער זאל אפ רייזין פאן איהם, אונ האבין ביידע צו זאמין מיט אונגעדולט גיווארט ביז צו מארגינס.

אום 6 אוהר פריה מארגינס, האט דער אקרענט גיזאלט אפ רייזין, גונטער וואהר רייזע פערטיג אין דיא ריכטיגע צייט אין דעם וויא ער שטייט זויא גרייט, האט ער זיך אום גיזעהן ארום זיך אום צו שפרעכין מיט לידעריגען, אבער אום זאנסט וואהר זיין זוכין לידעריגען.

גונטער וואהר זעהר אונרוהיג. דען ער האט פארכט

בְּקָאמֶען אוּם פֶּערְפִירוּנְג , דַאן יֶעצְט וֶוען גוּנְטָער הָאט דֶער הֶערְט אֵיינֶע שְׁטִימֶע , וָואס הָאט אִיהְם אִין אוֹיעֶר אַרַיין גִּירָאהְמְט .

פָּארְכְטֶע דִיךְ נִיכְט גוּנְטֶער , אִיךְ בִּין בַּייא דִיר , אִיךְ ווירְדֶע דִיךְ נִיכְט פֶערְלַאסִין , עֶס קָאן נָאךְ זַיין דָאס אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ מֶעהְר נוּצֶען וֶוען אִיךְ וָועְרֶדע זַיין נִיכְט זֶעהֶענְט , וִויא זֶעהֶענְד , הָאט יֶעצְט גוּנְטֶער עֶרְקַאנְט לִידֶערִיגְס שְׁטִימֶע אוּנ הָאט זִיךְ יֶעצְט בֶּערוּהִיגְט ,

אַלְזוֹיא הָאט עֶר גֶערִירְט אִין וֶועג אַרַיין , מִיט זַיינֶע 100 הֶעלְדִין , אוּנ הָאט זִיךְ גֶעקֶערְט צוּ דִיא שְׁטָאדְט .

אִין אֵיין קְלֵיינֶע צַייט . הָאט עֶר דֶער זֶעהְן בּראנהילדע אַרוּים גֵייעֶנְדִיג פָּאן טוֹיעֶר מִיט 500 דִיא בֶּעסְטֶע אִיהְרֶע סָאלְדַאטִין , וָואס זֵייא הָאבִּין שְׁנֶעל אַרוּם גִּינָאמֶען , גוּנְטֶערִין מִיט זַיינֶע הֶעלְדִין , אִיז גוּנְטֶער זֶעהְר עֶרְשְׁטָאהְנְט גִּיוָוארִין , דֶען וֶוען עֶס מֶעכְטֶע אוֹיס גִיקָאמֶען צוּ וֶועהְרִין זִיךְ , וַואהְר דָאס אוֹיף אַלֶער אַרְט אוּם מֶעגְלִיךְ .

נוּנְטֶער הָאט זִיךְ בֶּערוּהִיגְט , אוּנ הָאט זִיךְ אֵיין דְרֵייסְט גֶעזִיכְט גֶעמַאכְט , אוּנְד אִין אֵיינֶע קְלֵיינֶע צַייט הָאט עֶר זִיךְ אַן גֶעפְרַאגְט שְׁטִילֶער הֵייט , לִידֶערִיג צוּ בִּיסְט דוּא בֵּייא מִיר . אִיךְ בִּין דָא הָאט אִיהְם לִידֶערִיג גִיאַנְטוָוארְטֶעט , דַאן הָאט זִיךְ גוּנְטֶער בֶּערוּהִיגְט , אוּנ אִיז צוּ גִיגַאנְגֶען נֶעהְנְטֶער צוּ דִיא הֶעלְדִין . הָאט זִיךְ דֶער קֶענִיג גִיזֶעצְט אוֹיף דִיא קְנִיעֶן , אוּנ הָאט זִיךְ אִיהְר פָאר גֶשְׁטֶעלְט , אַלְס דֶער וָואס בֶּעטֶעט אַן אִיהְר הַאנְד . הָאט זִיךְ בּראנהילדע מִיט אֵיין שְׁמֵייכִיל אוּנ מִיט פֶערְנִיכְטוּנְג אַן גִירוּפִין .

עֶס אִיז אֵיין רֶעכְט אוֹיף דֶעם הִימֶעל , אוּנ אוֹיף דִיא עֶרְד , דָאס אֵיין פְרוֹיא זָאל גִיהָארְזַאם זַיין אִיהְר מַאן דַאן

קאַן אַפֿאַר פֿאָלק גלִיקלִיך זַיין, אונ אויף דעם דאָס אֵיין פּרווי זאָל קענִין גיהאָרזאַם זַיין, מוּס זיא טְרעפֿין זויא אֵיין מאַן אֵיין העהערין פֿאָן זיך, אַלזויא האָב איך איבּער דעם זיך פֿאַר שְׁוואָהרִין, דאָס איך זאָל הֵיירַאטִין נאר אַזאָלכין וואָס ער ווירד זיך אוּיס צייכנין, שְׁטאַרקער, געשִׁיקטער, אונ פֿלינקער פֿאָן מיר, דען דעם וועלדע איך קענין גיהאָרזאַהם זַיין, אַלזויא קעניג גונטער, בּיזט דוא גרייט אויף זיך צו נעמין, דרייא פּראָבּין וואס איך וועלדע דיר אויף געבּין.

איך בּין גרייט גינעדיגע פֿירסטין, האט איהר דער קעניג געאַנטוואָרטעט.

ווען זויא האט זיא איהם גיזאָגט, ווייל וויר בּיידע זענין בּעוואַפֿינט, וועלדין וויר אַנפֿאַנגין פֿאָן צו טרעפֿין זיך מיט פּיקעס, אוּם זיך פֿאָן דיא פֿערד אַרונטער צו זעצין, לאַס מאַן בּרענגין פּיקעס, האט זיא אַגעשרייא גיגעבּין.

גלייך האבּין 8 שְׁטאהל מייסטער גיבּרענגט צווייא פּיקעס זאלכע שוועהרע דאס, קוים 4 פּערזאָהן האבּין גיקענט אֵיין פּיקע דער טראַגין.

גונטער וויא ער האט דאָס דער זעהן האט ער פֿאַרכט בּעקאמען צו ער וועט דאָס קענין ערטראַגין, דען דיא פּיקעס וואַרין זויא גרויס וויא דיא זיגעל בּיימער פֿאָן זיין אַקרענט.

לידעריג האט גלייך בּעמערקט זיין פֿאַרכט, אונ האט צו איהם געזאגט.

פֿירכטע דיך ניכט, מאַך מיר נאר אֵיין שְׁטעלע נעבּין דיר, אוּנ פֿון דעם זאַטעל בּייא דעם קאָפּף פֿאָן דעם פֿערד, אונ וועסט נאר זויא מאַכין וויא דוא וואלסט עס גיהאלטין אונ דער מיט גיפֿאָכט, אונ איך וועל דאָס האַלטין אונ וועל מיינע בּרוסט פֿיר דיר אונטער שְׁטעלין.

דִיזֶע וֶוערְטֶער הָאבִּן גוּנְטֶערִין בֶּערוּהיגט · וָואס עֶר אִיז גְלַייךְ בּעשְׁטאנִין אוֹיף דֶער פְּרָאבֶּע אהְנע פָּארכְט , ווִאס דָאס הָאט זֶעהְר פַאר וואוּנְדֶערְט בּראנהִילדען , וָואס זִיא הָאט זֶע־ר לַייכְט אֵיין נֶעם גֶעטוּהֶען אֵיין פִּיקֶע , מִיט אֵיין וואוּנדֶער בַּאהְרֶע לַייכְטִהַייט , אוּנ הָאט דָאס פֶערְד אוֹיף גַאלְאפּ גֶעלָאזְט , אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס עֶס הָאט זִיךְ גִיזָאלְט מִיט גוּנטערין אַנְטְ־עפִּין .

גוּנטער הָאט אוֹיף גִיהוֹיבִּן זַ־יו פִּיקֶע זוֹיא לַייכט וִויא עֶס וְואלְט גִיוֶועזִין אֵיין שְׁטֶענְגֶעלְע שְׁטרוֹיא , וָואס דָאס הָאט אוֹיף אַלֶע אשְׁרֶעק גִימַאכְט , אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אוֹיף 100 שְׁרִיט וַוייט פאן בּראנהילדען .

דִיא בֶּעאמְטֶע הָאבִּן אֵיין צֵייכִין גִיגֶעבִּין , האבִּין זִיךְ דִיא פֶּערְד גִילָאזְט אִין גַאלְאפּ , הָאבִּין זִיךְ בֵּיידֶע קְרִיגֶער אַן גִיטְרָאפִּין אִין דֶער מִיט וֶועג , אוּנ אַלֶע זֶענִין זֶעהְר פַאר וואוּנְדֶערְט גִיוְוארִין זוֹיא שְׁנֶעל וִויא אֵיין פִּינְטֶעל מִיט דֶעם אוֹיג , הָאט גוּנטער אַזֶעזְ גִיגֶעבִּין מִיט זַיין פִּיקֶע אִין דִיא גאלְדֶענֶע בְּלֶעךְ וָואס בּראנהילדע הָאט אוֹיף אִיהְ־ר הַאנְד גִיטְרָאגִין , זוֹיא שְׁטַארְק דָאס זַיין פִּיקֶע אִיז אוֹיף שְׁטִיקֶער צוּ הַאקְט גִיוְוארִין , אוּנ בּראנהילדע אִיז אוּנְטֶער זִיךְ גִיפאלִין , זוֹיא דָאס דֶער גֶעזִיכְט שְׁיצֶער אִיז אִיהְר אוֹיף דִיא עֶרְד אַרוּנְטֶער גִיפאלִין , אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אוֹיף גִידֶעקְט אִיהְר עֶרְצִינְדֶען גֶעזִיכְט פָאן שַׁאנְדֶע אוּנ צָארִין , אוּנ וָואס אַן בֶּעטְרֶעפְט גוּנטער עֶר אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף זַיין פֶערְד גְרַאדֶע נִיכְט רִירֶ־נְט , דֶען דֶעם קְלַאפּ הָאט דָאךְ לידעריג בֶּעקָאמֶען .

אִיךְ בִּין גִישְׁטַארְצְט , הָאט זִיךְ דִיא קֶענִיגֶען אַן גִירוּפִין אוּנ הָאט אִיהְר פִּיקֶע אַוֶועק גֶעוְוארְפִין , אַלְזוֹיא גֶעהֶען וִויר צוּ דִיא צְוֵוייטֶע פְּרָאבֶּע .

את איז גְלַייךְ פוּן פֶערְד אַרוּנְטֶער גִיגַאנְגִין .
דוּא וִוירְסְט נִיט אַוֶועק גֶעהְן פָאן מִיר הָאט זִיךְ גוּנטער אַן גְרוּפִין צוּ לידעריגען .
נֵיין אִיךְ וֶוערְדֶע נִיט אַוֶועק גֶעהְן , זֵייא רוּהִיג–הָאט אִיהְם לידעריג גִיאַנְטְוָוארְטֶעט .
אוּנְד אִין דֶער זֶעלְבֶּער מִינוּט הָאט עֶר גִיהֶערְט מִיט אֵיין שְׁמֵייכִיל , פָאן זַיינֶע 100 הֶעלְדִין . אֵיין לויבּוּנְג אוּנְד אֵיין וִוינְטְשֶׁען , זֵייא הָאבִּין אִיהְם אוֹיפְרִיכְטִיג גִיזָאגְט דַאס זוֹיא לַאנְג וִויא זֵייא קָאנֶען אִיהְם , הָאבִּין זֵייא נָאךְ פָאן אִיהְם זוֹיא וָואס נִיט גִיזֶעהְן , זֵייא הָאבִּין זוֹיא גָאר נִיט גִיוואוּסט דָאס זֵייא הָאבִּין זוֹיא אֵיין הֶעלְדִישֶׁען הֶער , גוּנטער הָאט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהְל (אִין זִיךְ) זַיינֶע מֶענְטְשִׁין רֶעכְט גִינֶעבִּין , דָאס זֵייא זָאגִין וִואהְר .
דֶער טַייל הָאבִּין 12 מֶענְטְשִׁין צוּ גֶעבְּרֶענְגְט אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶען שְׁטֵיין .
צוּ דוּא זֶעהְסְט דָאס זֵייא טָאהְן הָאט זִיךְ גוּנטער בַּייא לידעריגען גִיפְּרֶעגְט .
אִיךְ זֶעה–הָאט אִיהְם לידעריג גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט דוּא בְּרוֹיכְסְט דִיךְ נִיט צוּ פָארְכְטִין .
קֶענִיג גוּנטער–הָאט בּראנהילדע אַגִישְׁרַייא גִינֶעבִּין צוּ דוּא זֶעהְסְט דֶעם שְׁטֵיין , אִיךְ וַוארְף אִיהְם אַרוּיף אוֹיף דֶעם בַּארְג , וִויא עֶר וֶועט פַאלִין אוֹיף 500 טְרִיט וַוייט פָאן אוּנְז , אוּנְד וֶוען דוּא וִוירְסְט אִיהְם וַוייטֶער וַוארְפִין וֶוערְדֶע אִיךְ מִיךְ רֶעכִינֶען פִיר אֵיין פֶערְשְׁפִּילְטֶע , זוֹיא וִויא דַאמָאלְס וֶוען דוּא הָאסְט מִיךְ פָאן מֵיין זָאטִיל בֶּעשְׁטִירְצְט .
דַאן הָאט בּראנהילדע אַנֶעם גִינֶעבִּין דֶעם שְׁטֵיין מִיט אֵיין הַאנְד , אוּנְד הָאט אִיבֶּער זִיךְ דֶעם שְׁטֵיין 2 אָבֶּער 3 מָאהְל

אַרום גידְרֵייט , אוּנד הָאט אִיהם אַיין וְוארְף גִיגֶעבִּין זוֹיא שְׁטַארְק דָאס עֶר אִיז צוּ בֶּענוֹיא בִּיז צוּ דִיא הֶעלְפְט בֶּערְג , נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אַרוּנְטֶער גֶעשִׁיפְט , אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען לִיגֶען פַאר דִיא פִּים .

גוּנטערס הֶעלְדִין הָאבִּין אַיין צִיטֶער גִיגֶעבִּין , אוּנ בּראַנהילדעס מֶענְטְשִׁין , הָאבִּין פָאן פְרֵיידֶע אַגְעשְׁרייא גֶטָאן .

דִיא 12 מֶענֶער זֶענִין גִיגַאנְגֶען נָאךְ דֶעם שְׁטֵיין , וָואס זֵייא הָאבִּין אִיהְם קוֹים מִיט פִיהְל מִיהֶע צוּ גִיבְּרֶענְגְט אוֹיף דִיא שְׁטֶעלֶע פוּן וַואנְען מִיָן הָאט אִיהְם גִיוָוארְפִין .

דַאן הָאט גוּנטער אַנֶעם גִיטָאן דֶעם שְׁטֵיין , (ווָאס עֶר הָאט זִיךְ אַן מֶינסטִין נָאר אַזוֹי גִיקְאנְט דַאכְטִין) אוּנ הָאט אִיהְם אַוֶועקְ גִיגֶעבִּין , גָאר אֶהְן מִיה . דֶער שְׁטֵיין הָאט זִיךְ אַיְאג גִיגֶעבִּין גַאנְץ הויךְ . אוּנ אִיז אַרִיבֶּער גִיפַאלִין אִיבֶּער דֶעם בַּארְג , אוּנ אִיז אִין וַואסֶער אַרֵיין , וָואס מַאן הָאט גְלַייךְ אַיין שוּם פוּן וַואסֶער גִיהֶערְט , פָאן אוּנְטֶער דֶעם בַּארְג .

יֶעדֶער וַואר גֵייגֶערִיג צוּ זֶעהְן דָאס גְשִׁיקְלִיכְקֵייט , אוּנ שְׁטַארְקֵייט פָאן גוּנטערין , מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגִין , אוּנ אַלֶע זֶענִין אַרוּנְטֶער גִילָאפִין אוּנְטֶער דֶעם בַּארְג , אוּנ הָאבִּין גִיזֶעהְן דֶעם שְׁטֵיין זִיךְ צאנְקִין , מִיט דִי וַואלִין פוּן וואסֶער .

בּראַנהילדע אִיז בְּלֵייךְ גִיוָוארִין פוּן צָארִין , אוּנ הָאט צוּ גִירוּפִין אִיהְר גאנְצֶע קָאמְפַּאנִיֶע , אוּנ הָאט גִיזָאגט , קָאמְט אַהֶער עס אִיז נאךְ נִיכְט גִיעֶנְדִיגְט , עֶס אִיז נָאךְ אַיין פְּראבֶּע דָא , קֶענִיג גוּנטֶער הָאט זִיא צוּ אִיהְם גִיזָאגְט אוֹיס דְרֵייעֶנְט זִיךְ צוּ דוּא זָעהסט דָאס וַואסֶער ?

אִיךְ זעה הָאט גוּנטער אִיהְר גִיאַנְטְוָוארְטֶעט , הָאט בּראַנהלדע צוּ אִיהם וַוייטֶער גיזאגְט זוֹיא וְויא דוּא זֶעהְסְט דָאס וַואסֶער הָאלְט דָאס 25 סְטָאפּ דִיא בְּרֵייט

וָואס אַן בֶּעטְרֶעפְט דִיא מְהִיף, דָאס אִיז גאר נִיכְט בֶּעוואוּסְט
דֶער שְׁטַיין וואס אִיז אַרַיין גִיפַאלִין, וְואלְט גִיוִויס גִיבְּרוֹיכְט
אֵיינִיגֶע מֶענְטְשִׁין בִּיז עֶר וָואלְט צוּם גְרִינְגֶר גִיקָאמֶען, אֵיין
גֶעוִוויסֶען טָאג, וִויא אִיךְ אוֹיף דֶעם יַאכט וַואהְר, הָאבּ אִיךְ
גֶעיָאגְט אֵיין הִירְשׁ, דַאס אָרֶעמֶע מְהִיר, הָאט נִיכְט גִיהַאט
וְויא צוּ אַנְטְלוֹיפִין, אִיז עֶר אִין וִואסְער אַרַיין גִישְׁפְּרִינְגֶען, מִיט
דֶער מֵיינוּנְג, דְאס דָארְט וֶועט עֶר שׁוֹין זִיכֶער זַיין, אָבֶּער
אִיךְ הָאבּ מִיךְ גִילָאזְט נָאךְ אִיהְם צוּ דֶער יָאגִין, אוּנ הַאבֶּע
אִיהְם דָארְט עֶרְשְׁלָאגִין. אַלְזוֹי בִּיסְט דוּא אוּם שְׁטַאנְדֶע מִיךְ
צוּ יַאגִין, זוֹיא וְויא אִיךְ הַאבֶּע דֶעם הִירְשׁ גֶעיָאגְט. אוּנ דִיא
טִיפֶּענִים אִיבֶּער צוּ קֶומֶען, הָאט גוּנְטֶער אָמְרוּק נִיגְעבִּין.

הָאט לִידֶערִיג אִיהְם שְׁטִילֶער הֵייט אַזָאג אוּנְטֶער
גִיגֶעבִּין, נֶעם דִיךְ אוּנְטֶער.

אִיךְ בִּין גְרֵייט, גֶענֶעדִיגֶע פִּירְסְטֶען, הָאט גוּנְטֶער אִיהְר
גִיאַנְטְוואָרְטֶעט, אָבֶּער צוּ וֶוערְדִין וִויר אוּנְזֶער גִיוֶוועהְר פָאן
זִיךְ אַרוּנְטֶער נֶעהְמִין.

דוּא קָאנְסְט דִיר אַרוּנְטֶער נֶעמִין דַיין גֶעוֶועהְר, וֶוען
דוּא וִוילְסְט קֶענִיג גוּנְטֶער, הָאט זִיא אִיהְם גִיאַנְטוָואָרְטֶעט
מִיט פַאר נִיכְטוּנְג, אָבֶּער אִיךְ בְּלֵייבֶּע זוֹיא וִויא אִיךְ בִּין,
מִיט דֶעם גִיוֶועהְר.

נֶעם נִיכְט אַרוּנְטֶער פָאן דִיר דַיין גִיוֶועהְר, הָאט אִיהְם
לִידֶערִיג אַזָאג גִיגֶעבִּין שְׁטִילֶער הֵייט.

אִיךְ ווערְדֶע אוֹיךְ אַזוֹי בְּלַייבִּין, מִיט מַיין גִיוֶועהְר, הָאט
אִיהְר גוּנְטֶער גִיאַנְטְוָוארְטֶעט.

דַאן הָאט זִיךְ דִיא שֶׁעהְנֶע הֶעלְדִין, גִילָאזְט אוֹיף דֶעם
וַואסֶער, זוֹיא לַייכְט וִויא אֵיין הִירְשׁ, אוּנ אִיז זֶעהְר שְׁנֶעל
אִיבֶּער גֶעשְׁוְוימֶען, בִּיז צוּ דֶעם אַנְגִיצֵייכִינְטֶען אָרְט, אוּנ

האט זיך א־ונטער גילאזט אונטער דעם וואסער זעהר מיט, אלע קיקער האבין אגישריא גיגעבין פאן צו פרידענהייט דיא האבין גירעכינט דאס זיא וועט געווים געווינען.

יעצט איז אויף דיר דיא צייט, קעניג גונטער, האט זיך בראנהילדע אן גערופען, ווען זיא איז ארויף גיקאמען פון אויס דעם וואסער.

וויא ווערדין וויר מאכין? האט גונטער גיפרעגט בייא לידעריגען שטילער הייט.

איך ווערדע דיך בייא איין האנד האלטין, אונ איך ווערדע מיך אויף דעם וואסער לאסין. האט איהם לידעריג גיאנטווארטעט.

בראנהילדען האט גונטער בעאנטווארטעט, מיט דעם, דאס ער האט זיך איין לאז גיגעבין אויף דעם וואסער שנעל דאס מען האט מיט דעם אויג ניכט געקאנט דער זעהן, אונ ער האט אויך פאר האלטין אויף 10 סטאפעס טיפער וויא בראנהילדע.

דאן האט זיך דיא קעניגען בראנהילדע אן גערופין צו איהם, קעניג גונטער, דוא האסט מיך בעוואהגין מיט אלעם, דיא אלע דרייא פראבין געווינען, דיא וואס איך האבע דיר פאר גישטעלט, אלזויא האבע איך דיר גאר ניכט וואס פאר צו ווערפין, דוא האסט מיך איין גינאמען, איך בין דיין פרויא.

דא האט גונטער לידעריגען איין גערוימט, ביסט דער מאן פאן מיינע שוועסטער.

אונד אין דיא צייט וויא גונטער האט בראנהילדען דיא האנד גיקיסט, האט לידעריג, גונטערין דיא הענד גיקוועצט אונ האט איהם גידאנקט.

דאן האבּען זיך בּיידע גונטער מיט בּראנהילדען בּייא דיא הענד צו גיפירט צו דעם פערזאמלונג פאן דיא בּעאמטע, אונד פאמיליע, בּראנהילדע האט איהם אלס איהר מאן פאר גישטעלט, וואס וואס זייא אלע האבּען זעהר מיט צו פרידענהייט גיווינטשען, אונד מיט רעספּעקט זיך גינייגט.

דאס נייעס האט זעהר איין פריידע געמאכט צו ווישען דיא העלדין. זויא אויך פאן דיא אירלאנטשיקעס זייטע, זויא אויך פאן דיא סקאציעס זייטע. דען זייא האבּען גירעכינט. דאס ווען זייא האבּען זויא איין קעניג אונד זויא איינע קעניגען, גיבּרויכען זייא זיך שוין ניכט צו פערכטען פיר פרעמדע פעלקער, זייא זאלען זייא בּעפאלין.

לידעריג האט אראפּ גינאמען דעם ניט גיזעהנוועהרדע־נעם געזיכט שיצער, אונד האט זיך גישטעלט פאר גונטערין, אונד פיר בּראנהעלדען, אונד האט זיך פיר זייא גינייגט אונד האט זייא גיווינטשען. ער האט זיך גימאכט גלייך וויא ער וואלט גיוועזין יעצט פאן דער שיף געקאמען.

בּראנהילדע האט נאר אויף איהם איין בּליק גינעבּען, אונד איבּערוואהל נונטער האט גיוואלט לידעריגען אום ארעם פאלין אונד איהם קישען אונד האלזין, האט ער גימוזט בּאשטיין אויף איין בּלויזע האנד געבּין.

מאן האט בּעשטימט דאס דיא בּיידע האכצייטין זאלין זיין אין היגלאנדיע, דאך זענין זייא נאך איבּער געבּליבּען נאך אויף 2 וואכין אין סעגארדע, דען בּראנהילדע האט גיבּרויכט איבּער צו געבּין פאר איהר אפּ רייזין, אלע וויכטיגע זאכין פאן איהר קעניגרייך.

אזויא וויא עס איז פאר גאנגין דיא 2 וואכין אונד זיא האט אלעס אין ארדענונג גיבּרענגט, האבּין זייא זיך אין וועג

אַריין גילאָזט , עס וואַהר דאַן זעהר שעהנע וועטערין , אונ עס האט גיפירט דעם אָקרענט זעהר רוהיג נאָך היגלאנדיע ,

דיא שעהנע פירסטען קרימילדע , האט מיט פריידע לידעריגען גיגריסט . נאכהער האט זיא זיך ערווייסט דורך איר ברודער פאן אַלעם , וואס עס האט זיך מיט זייא פאסירט , זיא האט אויך זעהר שעהן צו גינאמען דיא קעניגען בראנ־הילדע, אַלס שוועסטער אונ האט איהר צו גיזאגט וואהרע פריינדשאפט , אָבער בראנהילדע האט זיך גענין איהר גיצייגט שטאלץ אונ קאלט , דען זיא האט ניכט גילַידעט זויא איין מעדכען וויא קרימילדע וואהר , וואס זיא בעשעפטיגט זיך נאר מיט סטראָיען זיך אונ מיט אנדערע פרויען , בעשעפטונג .

דיא צווייא גיוועזענע פרויען פאן דעם קעניג אלבעריק , אונ יעצט וואס זייא וואהרען דיא הויף דאמען פאן קרימילדע האבין זיך אויך זעהר גיפרייט , וואס זייער רעטער איז צו הויזע גיקאמען , עס וואהר זייא זעהר גוט בייא קרימילדען וואס זייא האבין זיא פיר דאנקבאהר גילערינט פערשידענע האַפטיז , וואס זייא נאהרין , זעהר קינצטליך נאר פון בעוואונדערין .

ביידע האכצייטין וואהרין איינגעריכטעט זעהר גרויס־אַרטיג , דרייא טאגען פריער וואהר גיפייערט אויף דעם גרעסטין אונ שענסטין אַרט .

אבער אין דעם ריכטיגען טאג פאן דיא האכצייטען , האט לידעריג ערהאלטין איין בריף פאן זיינע מוטער , דאס זיא בעפעהלט דאס ער זאל קאמען נאך הויזע אין זיינע גיטער אַריין , דיא געגעדיגע פירסטען האט נאך איהם זעהר גיבענקט אונ האט איהם גיבעטין דאס ער זאל נאך הויזע קאמען מיט זיינע פרויא וויא אם שנעלסטין , דען זיא האט

זֶעהְר גִיוָואלְט אִיהְר שְׁוִוינָער טָאכְטֶער זֶעהְן . זִיא הָאט נָאךְ זָא גַאר צוּ גִיגֶעבִּין , דָאס וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ נָאךְ מִיט אֵייניגֶע טַאגֶען נָאר לֶענגֶער פַאר זוּימֶען , דָא וִוירְד עֶר זִיא שׁוֹין צוּ הוֹיזֶע טוֹיט אַנְטְרֶעפִין . פָאן בַּאנְגְשַׁאפְט אוּנ קְרֶענְקוּנג , אַלְזוֹי הָאט לידעריג דָאס גְלֵייךְ זַיינֶע פְרוֹיא פָאר גִישְׁטֶעלְט דָאס עֶר מוּס זָא פְארְט אִין וֶועג אַרַיין זִיךְ פָאר בְּרֵייטִין אוּנ וַוייל זִיא הָאט אַנְדֶערְשׁ נִיכְט גֶעוְוִיסְט צוּ טָאהְן נָאר אַזוֹיא וְויא אִיהְר מַאן הָאט פַאר לַאנְגְט , הָאט זִיא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין דָאס זֵייא זָאלְ אוֹיף דֶעם צְוֵוייטֶען טָאג אָפּ רֵייזִין לוֹיט וְויא אִיהְר מַאנְס וְוינְטְשׁ וואהְר , זִיא הָאט אִיהְם נָאר גִיבֶּעטִין דָאס עֶר זָאל אִיהְר עֶרְלוֹיבִּין אִיהְרֶע שְׁוֶועגֶערִין אַוֶועק צוּ שֶׁענְקִין אַהֶעלְפְט פָאן אִיהְרֶע פְּעֶרִיל , רָאבִּינֶען , קַארְבּאנקאלִין אוּנְד דִימַאנְטֶען , וֶועלְכֶעס לִידעריג הָאט גְלֵייךְ אֵיין גֶעשְׁטִימְט דַארוֹיף .

בּראנהילדע אָבֶּער הָאט דִיא טֵייֶערֶע שְׁטֵיינֶער מִיט שְׁטָאלְץ אִיהר צוּ רִיק אָפּ גֶעשִׁיקְט , אוּנ הָאט אִיהְר בֶּעפוֹילֶין דָאס אִיהְר שְׁמוּק אִיז אִיהְר פַאנְצֶער אוּנד גִיוֶועהְר .

דִיא אַנְטְוָוארְט פוּן זַיינֶע שְׁוֶועגֶערִין הָאט לידעריגען , נָאךְ מֶעהְר צוּ זַיינֶע רֵייזֶע צוּ גֶעאֵיילְט , דֶען עֶר הָאט גוּט גִיזֶעהְן , דַאס וֶוען עֶר זָאל נָאךְ לֶענגֶער בְּלַייבִּין אִין הוֹיף זֵיינעם שְׁוַואגֶערס מֶעכְט גֶעוִוים צוּ וִוישֶׁען זַיינֶע פְרוֹיא מִיט אִירֶע שְׁוֶועגֶערִין ארוֹיס גִיקָאמֶען אַשְׁרֶעקְלִיכֶע קְרִיג .

לידעריג מִיט זַיינֶע פְרוֹיא הָאבִּין אִין זֵייעֶרֶע בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט דִיא שְׁלֶעכְטֶע שְׁוֶועגֶערִינְס הויז פֶערְלַאסְט , אוּנְד אִין פֶערְלוֹיף פָאן דְרַייא טַאגֶען , זֶענִין זֵייא גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אִין דֶעם שְׁלָאס דע בּאק , וָואס דָארְט הָאט דִיא אַלְטֶע פִירְסְטָען לִידעריגס מוּטֶער גִיוָואהְנְט דִיא גַאנְצֶע צֵייט פוּן זַיין אָפְּרֵייזִין .

ערמאננארדע האט מיט פיהל פריידע הערצליך געגריסט איהר זאהן, אונ קרימילדען האט זיא צו גענאמען וויא איינע וואהרע מוטער, וויא לידעריג האט זיך אַרום גיזעהן האט ער געפונען אַלעס אין דיא גרעסטע ארדענונג, אונ וויא עס האט זיך אויס גיוויזען, איז אַלעס זעהר גוט גיגאנגען אין זיינע גיטער, זיינע אונטער טעהנער וואהרען זעהר צו פרידען, זייא האבין נאר דעם ליבען גאט גיבעטין, פיר זייער הויכגישעצטע אונד ליבע הערשאפטין. דאס הייסט פיר לידעריגען מיט זיין הויז גיזינד.

אין איין יאהר נאך דיא אבען געשריבענע פאר פעלע האט דיא פירסטען קרימילדע גליקליך איינען זאהן גיבארין: וואס ביי דיא טאפע האט ער ערהאלטין איין נאמען, אדרעיאקאס, דער זאהן פאן לידעריגען.

יעצט ליבע לעזער מוסין וויר לאסין לידעריגען מיט זיינע פרויא, אונ זיין גאנצעס הויז גיזינד, דא אין זיינע גיטער זיך פרייען, אונד וויר ווערדין זיך פאטיגירען נאך היגלאנדיע, צו זעהן וואס עס הערט זיך ביי דעם צווייטען פאר פאלק, דער קעניג גונטער, וויא ער האט ערהערט דאס זיינע שוועסטער, האט איין זאהן גיבארין, האט ער איין בריף גישריבען דאס עס פרייט איהם זעהר, אונד ווינטשט זייא פיהל גליק, אויך האט ער איין בריף גישריבען בעזאנדער צו לידעריגען מיט איינע ביטטע, דאס ווען ער וועט נאר קענין מיט זיינע פרויא ארויס פאהרין זאל ער זויא גוט זיין אונ צו איהם קאמען, אויך האט ער איהם גישריבען דאס ער האט איהם איין וויכטיג געהיימניס צו ערצעהלין, אונזער גוטער לידעריג האט גלייך גיציינט דעם בריף זיינע פרויא, האט עס זיא אן גינאמען איינע באנגשאפט,

דער זעקסטער העפט קאסט נאך אין 10 טאגען

צוּ זֶעהֶן אִיהר בְּרוּדֶער, דַאדוּרְךְ הָאט זִיא אִיהרֶע שְׁוֶועסְטֶערִין אַלֶעם פַאר צֵייעֶט, אוּנ הָאט אֵיין גֶעשְׁטִימְט מִיט אִיהְר מַאן צוּ זַייא אַהִין צוּ פָאהרֶין,

אָבֶּער מִיט זַיינֶע מוּטֶער דִיא אַלְטֶע פִירְסְטֶען הָאט לידעריג זֶעהר פִיהְל מִיהֶע גיהאט, בִּיז זִיא הָאט אֵיינְגֶעשְׁטִימְט דָאס זֵייא זָאלֶן זִיא פֶערְלַאסֶין, אַם לֶעצְטִין הָאט עֶר בַּייא אִיהְר אוֹיס גִיוִוירְקְט מִיט דֶעם בְּעדִינְג דָס עֶר זָאל בַּייא אִיהְר אִיבֶּער לַאסִין דָאס. אֵיינִיקֶעל, וָואס דָאס הָאט נִיזָאלְט זַייא עֶרְפְרֵייעֶן אוּנ בְּערוּהִיגֶען אִיהרֶע גִידַאנְקֶען פָאן זַייעֶר פַארֵייזֶין.

לידעריג מִיט זַיינֶע לִיבֶּע פְרוֹיא הָאבִּין אִיבֶּער גִילָאזְט זַייעֶר טֵייעֶרִין זָאהְן, אוּנ הָאבִּין פַארֵייזְט נָאךְ היגלאנדיע וָואוּ דֶער קֶענִיג גוּנטער הָאט זֵייא זֶעהר שֶׁעהֶן עֶמְפַאנְגִין, אוּנ הָאט זֵייא גִיצֵייגְט אֵיין צוּ פְרִידֶען הֵייט, זָא גַאר דִיא שְׁטָאלְצֶע בּראנהילדע הָאט זַייא מִיט אַפַּאלְטְשׁ שְׁמֵייכִילְדִיגֶען גֶעזִיכְט צוּ גֶענָאמֶען אוּנ הֶעפְלִיךְ גֶעגְרִיסְט.

וִויא גוּנטער מִיט לידעריגען. זֶענֶען נָאר בַּייא זַאמֶען אַלֵיין גֶעבְּלִיבֶּען, זוֹיא גְלֵייךְ הָאט זִיךְ לידעריג גֶעפְרֶעגְט, וָואס פִיר אֵיין גֶעהֵיימְנִיס עֶר הָאט אִיהְם צוּ עֶרְצֶעהְלִין. וָואס עֶר הָאט אִין בְּרִיף נִיכְט דֵייטְלִיךְ דֶער פוּן אַרוֹיס גֶעשְׁרִיבֶּען.

דַאן הָאט דֶער קֶענִיג גוּנטער עֶרְצֶעהְלְט, אַוואוּנדֶער בּאהרֶע גֶעשִׁיכְטֶע, וָואס מִיט אִיהְם הָאט פַּאסִירְט בַּאלְד נָאךְ זַיין אָפְּרֵייזִין, נַאטִירְלִיךְ דָאס זַיינֶע פְרוֹיא בּראנהילדע הָאט זִיךְ נִיכְט גְעוָואלְט צוּ גְלוֹיבִּין דָאס עֶר זָאל אַזוֹי שְׁטַארְק אוּנד מֶעכְטִיג זַיין, נָאר דָאס הָאט גִימוּזְט זַיין, דוּרְךְ אֵיין הִילְף פוּן אֵיין טֵייפֶעל. אַלְזוֹיא הָאט זִיךְ בַּאלְד אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פָאן נָאךְ דִיא הָאכְצֵייט, הֶען זִיא אִיז נָאר גֶעבְּלִיבֶּען בַּייא זַאמֶען מִיט אִיהְר מַאן אַלֵיין, זוֹיא הָאט זִיא זִיךְ אַנְגִיפַאנְגִין מִיט אִיהְם צוּ פְרָאבִּירֶען. אוּנד גֶעוִויס אִיז זִיא

שְׁטַארְקֶער גִיוֶועזֶען, אַלְזוֹי הָאט דִיא קֶענִיגִין, פוּן פַארְדְרָאס אִיהְם צוּ גֶעבִּינְדֶען צוּ אֵיין אַייזֶערְנֶעם בִּינְט מִיט גִיוֶועהְר, וָואס וַואהְר אֵיין גִימוֹירְט אִין אֵיין וִוינְקֶעל פָאן אִיהְר שְׁלָאף צִימֶער, אוּנ זֶעלְבְּסְט הָאט זִיא זִיךְ שְׁלָאפִין גִילֵייגְט גַאנְץ רוּהִיג, אוּנ עֶר הָאט זוֹיא גִימִיזְט שְׁטֵיין בִּיז צוּ מָארְגִין אִין דֶער פְרִיה, דִיא בַּאבֶּע (נקמה) הָאט אִיהְר זֶעהְר שֶׁעהְן גִיפֶעלִין, דַאס אוֹיף דֶעם צְוֵייטֶען טָאג הָאט זִיא אִיהְם וִוידֶער אַזוֹיא גִימַאכְט, אוּנ וֶוען גוּנטֶער הָאט אַן גִיפַאנְגִין צוּ שְׁרַייֶען אוּנְד אוּם הִילְף צוּ רוּפִין, זוֹיא הָאט זִיא אִיהְם מִיט רִיטֶער גִישְׁלָאגֶען, זוֹיא דָאס עֶר הָאט גֶעבִּיךְ גִימוּזְט שְׁטֵיין רוּהִיג אוּנ שְׁטִיל חִיא דִיא וַואנְד, דֶעם דְרִיטֶען טָאג, הָאט גוּנטֶער זִיךְ אַן גִיפַאנְגֶען צוּ וֶועהְרִין, אוּנ צוּ סְטְראשִׁין, דָאס עֶס ווירְד אִיהְר נִיכְט זוֹיא אַן גֵיין, זוֹיא לַיכְט, הָאט עֶר זִיךְ דַאמִיט נָאךְ פִיהְל שְׁלֶעכְטֶער גִימַאכְט, דֶען בּראנהילדע הָאט נַאטִירְלִיךְ פוּרְכְט גֶעקְרִיגֶען דָאס עֶר זָאל זִיךְ נִיכְט וֶועלִין רַאבֶּע אָפּ זוּכִין, הָאט זִיא אִיהם אַלֶע נאכט וַוייטֶער גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטִין, אִין וִוינְקֶעל פָאן אִיהר שְׁלָאף צִימֶער, אוּנ אַלֶע אִין דֶער פְרִיה בֶּעפְרֵייט, אוּנ דָאס הָאט זוֹיא גִידָארְט אֵיינִיגֶע מָאנַאטִין.

נַאכְהֶער וִויא זִיא הָאט אִיהם שׁוֹין אִין גַאנְצִין בֶּעפְרֵייט הָאט זִיךְ גוּנטֶער גִישֶׁעמְט אוֹיס צוּ זָאגִין אוּנ קֵיינֶער הָאט דַאפָאן נִיכְט גִיוְוּסְט.

וִויא לִידֶערִיג הָאט דָאס דֶער הֶערְט, אִיז עֶר פַאר שְׁטֵיינְט גִיוָוארִין, עֶר הָאט נַאר נִיכְט גִיוְוִיסְט וָואס מִיט אִיהְם טוּט זִיךְ, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז צוּ זִיךְ גִיקָאמֶען, אוּנ זִיךְ אִיבֶּער גִילֵייגְט דָאס וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט, זוֹיא הָאט לִידֶערִיג אַרוֹיף גִילֵייגְט זֵיינֶע הֶענְד אוֹיף גוּנטֶערְס אַקְסְלִין אוּנ זָאגְט, זֵייא רוּהִיג מֵיין שְׁוַואגֶער, הֵייטֶע אַבֶּענְדְס. וֶוען אַלֶע

דיינֶע פֿאזין. אונד דינֶערס וועלין גֵיין צוּ רוהֶע זויא פֿאר שׁלִים דיך אינוּ ענדיג. אונ דיא לאמפֶּע אוים לֶעשׁין, אונ ווייטער זאלסטוּ רעכנין אויף מיר. דֶען איך האב דיר שוֹין זאָ פיהל מאהל גיהאָלפין, וועל איך דיר אויך דאס מאהל הֶעלפין, האט איהם גונטער גיפרֶעגט, ווירסט דוא נעבן מיר זיין? איך ווערדע זיין, האט ער איהם גיאנטוואָרטעט.

אבער וויא אזויא ווערדע איך דאפאן וויסֶען, אוב דוא בייא מיר ביסט, האט ער איהם ווידער גיפרעגט, האט איהם לידעריג גיאנטוואָרטעט. איך וועל דיר איין רויטען איין אויער אריין, זויא וויא אין שׁטאָדט סעגאנדיא איך האב גיטאָהן. גונטער האט זיך אן גיהאנגין, אין זיין שוואנערס האלץ, אוּג האט איהם גיקישט, אויך צוּ גישׁוואהרין דאס ער וועט איהם דאס גוטעס נימאלס פאר געסין, איבער הויפט דיזעס מאהל מעהר וויא פאר דעם וואס ער האט איהם ביז יעצט גיטאן.

דער זעלבער טאג, איז דורך גיגאנגין זעהר פרייליך. דער קעניג מיט דיא קעניגען פאן האָלאנדיא, האבין אוים גיזעהן, וויא זייא וואלטין צוּ ווישׁען זיך אם בעסטין גילעבט, וויא עס איז נאר נאכט גיוואָרין, אונ אלע האבן זיך אן גיטין צוּ צוּ גיין, האט לידעריג זיך גיזעגינט, אונ האט זיינע פרויא אפּ געפירט נאך הויזע, אין איהר גאבינעט אריין, האט ער זיא איבער גילאָזט אליין מיט דעם פֿאר ענטפערונג דאס ער האט הייטע ביז שׁפּעט אין דער נאכט, מיט גונטער'ין וועגין דעם רעגירונג צוּ פֿאר ברענגין, אונ האט זיינע פרויא גיזעגינט, אונ איז אוועק גיגאנגין, צוּ ריק אין שׁלאָס אריין, אויף דעם וועג האט ער אן גיצויגין דעם ניכט גיזעהן ווירדענס געזיכט שיצער, אונ זויא ניכט זעהענד איז ער אריין גיגאנגין אין קעניגליכען שׁלאף צימער אריין, דיא טיהר האט ער אונטער זיך אפען גילאזט.

אִין דִיא זָעלְבֶּע צַייט הָאבְּן דִיא פַּאזִין, אָפּ גֶעפִירְט דִיא קִי זָערְלִיכֶע פָּאר אִין דֶעם צִימֶער אַריין, וְואס עָס פְּלֶעגְט דָארְט אִימֶער זָאלְכֶע סְצֶענֶעס צוּ זַיין, וִויא וִויר אוֹיבְּן בֶּעשְׁרִיבֶּען הַאבּען.

לִידעריג הָאט זִיךְ צְווִישֶׁען בֵּיידֶע אַריין גשְׁטֶעלְט, אוּנ וִויא עֶר הָאט גְזֶעהְן וִויא דֶער קעניג קוּקְט זִיךְ אוּם אַרוּם זִיךְ, גְלייךְ וִויא עֶר וואלְט עֶפֶּעס גֶעזוּכט, זוֹיא הָאט עֶר זִיךְ צוּ אִיהם צוּ גֶעריקט, אוּנ הָאט אִיהְם אֵיין גֶערוּימְט, אָט דָא בִּין אִיךְ.

זוֹיא גְלֵייךְ דָאס גוּנסְטִיגֶע גֶעזִיכְט ערְשֵׁיינְט גִיוָוארִין פָּאן פְרֵיידע, עֶר הָאט שׁוֹין מֶעהְר נִיכְט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם פַאר שָׁאלְמֶענֶעס בִּינְט גִיוָועהְר, וואס עֶר וַואהְר דער צוּ זוֹיא אֵיינֶע לאנגֶע צַייט צוּ גֶעבִּינֶדען אוּנ גִיפֵיינִיגְט, אוּנ דִיא אַרגְסְטֶע נאכְט פָאן זַיין לֶעבִּין דער בֵּייא פַּאר בְּרֶענְגְט, וָואס דִיא נַאכְט הָאבִּין גִיבְּרוֹיכְט צוּ זַיין דִיא בֶּעסְטֶע פָאן דֶעם מֶענשׁ נִס לעבִּין.

דִיא פָאזִין זֶענֶען אַרוּים גִיגַאנְגֶען, אוּנ הָאבִּין אִיבֶּער גִילאזְט דִיא קֵייזֶער פָּאהר אַלֵיין, אוּנ אוֹיף דֶעם טִישׁ הָאבִּין זֵייא נאר אֵיין לאמְפּ גֶעלָאסְט בְּרֶענִין, דִיא רֶעשְׁט לָאמְפִּין הָאבִּין זֵייא אוּיס גֶעלאשִׁין, דאן האט זִיךְ בּראנהילדע, וָואס וַואהר אוֹיבֶּער פְּלֶעכְלִיךְ בִּיז אהער, זוֹיא וִויא אַיינֶע פוּן דִיא בְּעסְטע פְרוֹיֶען, אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט מִיט שְׁטָאלְץ, אוּנ אִיז צוּ גֶענַאנְגן צוּ אִיהר מַאן מִיט אֲקֶענֶעגְלִיכֶען גַאנְג.

אבֶּער דֶער קעניג וַואהְר זִיכֶער, דַאס לִידעריג אִיז בֵּייא אִיהְם דָא אִיז עֶר אָפּ גֶעשְׁפְּרִינגְען צוּ דִיא טִיהְר, אוּנ זִיא פַאר שְׁלָאסֶען. אוּנ דֶעם שְׁלִיסֶעל הָאט עֶר אִין טַאשׁ אַרַיין צוּ גֶענָאמֶען, בּראנהילדע אִיז אָבֶּער צוּ אִיהְם צוּ גֶענִייגֶען אוּנ הָאט אִיהְם אַזֶען גֶעגֶעבְּן אִין דִיא פְּלֵייצֶעס

אַריין זויא שְׁטַארְק , דָאס עֶר איז אַרויס גֶיפאלִין אויף דֶעם טִישׁ וויא דִיא לָאמְפּ איז אויף אִיהְם גִישְׁטַאנִין דֶער טִישׁ איז אום גִיפַאלִין , אונ דִיא לָאמְפּ איז צוּ הַאקְט גִיווָארִין אונְד אוים גִינַאנְגֶען , אונְד אִין דָעם שְׁלָאף צִימֶער איז גִיווָארֶען פִינְסְטֶער וויא אִין אַגְרִיבּ .

צוּ דוּא זֶעהְסְט–הָאט גוּנטער לידעריגען אפְּרֶעג גִיטָאן גַאנְץ שְׁטִילֶער הֵייט . ווִיא עֶר הָאט נָאר גִיקָאנְט וויא אַם שְׁטִילְסְטֶען–איך זֶעה הָאט לידעריג אִיהְם אָפּ גִיעֶנְטוָועֶרְט– יֶעצְט גֶעה דוּא אִין אֵיין ווִינְקֶעל אַריין איך וֶועל אַלֶעם טָאהְן .

דַאן איז לידעריג צוּ גִינַאנגִין צוּ בּראנהילדען , ווָאס זִיא וַואהְר גאנץ זִיכֶער , אונ הָאט גִיוואלט אִיהְם אנְכאפִּין , בַּייא דִיא הֶענְד אונ אִיהְם בִּינְדֶען , זויא ווִיא זִיא פְלֶעגְט מִיט אִיהְם אִימֶער צוּ טָאהְן , (דֶען זִיא הָאט דָאךְ פָאן דֶעם נִיכט גֶעוויסְט דָאס דֶער שְׁטַארְקֶער לידעריג שְׁטֵייט פַאר אִיהְר , נִיכְט–איהְר שְׁוַואכֶער מַאן) .

אָבֶּער דָאס מָאהְל איז אִיהְר נִיכט גֶעלוּנְגֶען , לידעריג הָאט זִיא אֵיין פֶּעסְטִין גֶעם גִינֶעבִּין בּייא דִיא הֶענְד אונ הָאט זייא אִיהר גֶעבִּינְדען , נַאכְהֶער הָאט עֶר זִיא צוּ גֶעבִּינְדֶען צוּ דָעם בִּינְט גִיוֶועהְר וָואס זִיא פלֶעגְט אִימֶער אִיהְר מִאן דֶער צוּ צוּ בִּינְדען , אונ איז זִיךְ אַוֶועק גִינַאנגען , צוּ זִיךְ אַהֵיים אויף דֶער שְׁוֶועל וויא עֶר איז אַרוים גִינַאנְגֶען הָאט עֶר דֶער פִילְט עֶפֶּעס אונטְער דִיא פִיס , עֶס וַואהְר זויא וִויא עֶטְוַואס זֵיידֶענְס , הָאט זִיךְ אִיהְם גִידַאכְט , עֶר הָאט דָאס אויף גִיהוֹבֶן אונ בּייא אֵיין לִיכט הָאט עֶר דֶער זֶעהן , דָאס עֶס וואהְר אֵיין פַאס , אוים זֵיידֶע גֶעהָאפְּטֶן , וָואס בראנהילדע , פְלֶעגְט דָאס אִימֶער צוּ טְרָאגִין . אונ דֶער פַאס וואהְר דוּרְךְ גִינָאמֶען , דוּרְךְ אֵיינֶע גָאלְדֶענֶע רִינְג וָואס עֶס וַואהְר אויף אִיהְר דֶער הֶערְץ פָאן יסלאנדיא .

וויא לידעריג איז צו הויזע גיקאָמען, אונ האָט זיינע פרויא זעהר אונרוהיג אָן גיטראָפען, אויך ווייל ער האט גימאלס פיר זיינע פרויא קיין סעקרעט גיהאט, האט ער איהר באלד אַלעס וואס עס איז גישעהן ערצעהלט פאן אנפאנג ביז צו ענדע, אויך האט ער איהר גיוויזען דאס גארטעלע אונ דיא רינג וואס ער האט גיפינען.

קרימילדע וויא זיא האט דאס דער זעהן האט זיא אן געפאנגען זעהר צו בעטין איהר מאן דאס ער זאל איהר דאס געבין, אבער לידעריג, האט אין אנפאנג ניכט גיוואלט, אבער וויא ער האט זיך בערעכינט, דאס עס וועט איהם גאר ניכט העלפין, זיא וועט וואס אמאהל מעהר ליסט בעקאמען דער צו, אונ ער וועט מוזען איהר דאס אוועק געבין, האט ער עס איהר גיגעבין, נאר ער האט זיא גיבעטין דאס קיינער זאל ניכט וויסען פאן וואנען דאס קומט אַרויס, זיינע פרויא האט איהם צו געזאגט דאס קיינער וועט דער פון וויסען, אונ זיא וואהר אויך מיט דעם זעלבין מיינונג פעסט בעשלאסין, דאס זיא ווירד ערהאלטין דאס וואס זיא האט פאר שפראכין.

אויף מארגינס וויא גונטער האט לידעריגען נאר ערזעהן איז ער צו איהם צו גילאפין, אונ האט איהם גידאנקט, אונ האט איהם דיא הענד גיקישט. אונ זיין געזיכט וואהר וויא אויף געראכט, אבער בראנהילדע, וואהר טרויריג אונ פאר שעמט, זיא האט איהר מאן ניכט גיקאנט פאר צייען פיהר דעם ערשטין מאהל איבער ראשונג פאן איהם.

דורך דיא שלעכטע געפילע, פאן דיא צוויא פרויען וואס זייא האבין צווישען זיך ערפיהלט אין זייערע הערצער, דען קרימילדע וואהר אויף איהרע שוועגערין בייז וואס זיא האט איהר ברודער, זויא לאנג גיפייניגט, אונ בראנהילדע

וואהר דורך איהר מאנם אויף פירונג גענין איהר, אויף איהר
שוועגערין אויך ביז אלזוי איז צו ווישען דיא פרויען ארוים
גיקאמען איין אונפריינדשאפט אונ דאס אונפריינדשאפט איז
זויא וויט גיקאמען גרעסער פאן טאג צו טאג, דאס ווען זייא
האבין זיך צו זאמען גיטראפין, זויא האבין זייא אויף אנאנדער
גיקוקט זייער ביז, אונד אין דיא זעלבע צייט איז ארוים
געקאמען איין בונט, אויף (דרום זייט) האלבער נאכט,
פאן לאנד הינלאנדיע, אונ גונטער האט גימוזט פערלאסין
זיין שטאדט, אהין צו פארין, דעם בונט צו בערוהיגען.

האט ער זיך גיזעגינט מיט לידעריגען, אונ מיט זיין
שוועסטער, אויך מיט זיינע פרויא, אונ האט זיינע פרויא
געבעטין דאס זיא זאל זיין ארט פאר טרעטין שעהן צו צו
נעהמין זיינע אנגינעהמענע געסט, אונ זיא האט איהם דאס
פאר שפראכין.

אבער וויא ער איז נאר אפ גירייזט. האט בראנהילדע
אנגיפאנגען זייא צו בעהאנדלען, מיט זויא איין שטאלץ אונ
מיט פערניכטונג, וואס זייא האהרין מיט זויא איין בעהאנדלונג
נימאלס גיוואהנט.

לידעריג האט דארויף ניכט געקוקט דען ער האט גלייך
פאר שטאנין ווארום זיא זייא זוי בעהאנדלט, אבער קרימילדען
האט דאס זעהר גיקרענקט, דען זיא האט טאפילט גילייד עט
פיר זיך אונד פיר איהר מאן, אבער זיא האט שוין ניכט
גיקאנט לענגער איהר בענעהמונג אוים האלטין, אונ האט
זיך בעשלאסין ראמע אן איהר צו זוכען אונ אז עס איז נאר
גיקאמען זאנטאג האט זיא איהר מאן גאר ניכט גיזאגט.
אונ האט זיך אן גיטאהן דיא רינג, אונ דיא גארטיל, וואס
לידעריג האט געפינען ביא בראנהילדען אין צימער, אונ
איז געגאנגען אין דיא קירכע אריין, אין דיא זעלבע מעניט.

װֶען דִיא ,קֶענִיגִין אִיז אִין דִיא שְׁוֶועל פָאר אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען · דַאן הָאט בּראנהילדע זִיא פַאר הַאלְטִין, אוּנְד הָאט זִיא גֶעפְרֶעגְט מִיט צָארִין פוּן װֶען אָן קוּמְט דַאס דִיא פָאלֶענְצְרִין פָארְהֶער אִין דִיא .קִירְכֶע אַרַיין ווִיא דִיא ,קֶענִיגֶען־פָאן דַאן וְואס זִיא הָאט אַן גֶעצְווִינְגִין דִיא גַארְטִיל מִיט דִיא רִינְג—הָאט אִיהְר קרימילדע גֶעגְטוֶוערְט .

אוֹיף דִיא אַנְטְוָוארְט הָאט בּראנהילדע אֵיין גִישְׁרֵייא גֶעטָאהְן אוּנְד אִיז אִין אוּמַאכְט גֶעפַאלֶען, אוֹיף דִיא אַרְמֶען פָאן אִיהְרֶע הוֹיף דַאמֶען .

קרימילדע אִיז דֶער וַוייל אַרַיין גִגאַנְגֶען אִין דִיא קִירְכֶע אַרַיין גַאנְץ פֶעסט אוּנְד זִיכֶער , אוּנְד הָאט אַנִידֶער גֶעקְנִיט אוֹיף דִיא ,עֶרְשְׁטֶע אוּנְד בֶּעסְטֶע שְׁטֶעלֶע . אָבֶּער גְלֵייךְ , הָאט זִיא זִיךְ דֶער מַאנְט , אִין דֶעם וָוארְט וָואס זִיא הָאט גִיגֶעבּן אִיהְר מַאן , דָאס ,קֵיינֶער זָאל פָאן דִיא רִינְג , אוּנְד פָאן דֶער גַארְטִיל נִיט ווִיסֶען , אוּנְד זִיא אִיז זֶעהְר פַאר מִישְׁט גֶעוָוארִין, דוּרְךְ דֶעם נִיט גִיהָארְזַאמְקֵייט . אִיהְר מַאן דַארוּם הָאט זִיא נָאר גְוַוארְנט אִיבֶּער דִיא ,עֶרְשְׁטֶע צֶערְמָאנִיֶען אוּנְד אִיז גְלַייךְ אַהֵיים אִין אִיר פַאלֶעה אַרַיין, אוּנְד הָאט זֶעהְר גֶעבֶּעטִין לִידֶערִיגֶען דָאס ,עֶר זָאל בֶּעשְׁטִימֶען, דָאס ,זֵייא זָאלֶען גְלַייךְ פֶערְלַאסֶען אִיהר בְּרוּדֶערס הוֹיז, דַאן זִיא ,קַאן שׁוֹין מֶעהר נִיט פֶערטְרָאגִין . דָאס אִין זִיךְ צוּ דְרִיקֶען מִיט אִיהר בִּיז יֶעצְטִיגֶען גֶווִיסֶען , גְרָאבְּהֵייט וָואס זִיא הָאט בַּייא אִיהר שְׁוֶועגְערִין ,

לִידֶערִיג אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען , דֶען ,עֶר וַואהר שׁוֹין צוּ פְרִידֶען דָאס עֶס זָאל זִיךְ שׁוֹין אֵיין מָאהְל עֶנְדִיגֶען דִיא אִינְטְרִיגֶעס וָואס וַואהְר צוּ ווִישֶׁען דִיא פְרוֹיעְן , הָאט עֶר בֶּעשְׁטִימְט דָאס אוֹיף מָארְגֶענְדִיקֶען טָאג זָאלֶען זֵייא אַוֶועק רֵייזִין , אוּנְד אִיזְט דִיא פָארְט גֶעגַאנְגִין זִיךְ גִיזֶעגֶענִין מִיט דִיא ,קֶענִיגֶען . אָבֶּער בּראנהילדע הָאט אִיהְם צוּ זִיךְ נִיכְט גֶעהֵייסִין אַרֵיין לַאסְן .

לידעריג אַבֶּער הָאט גיהַאלְטִין דַאס נִיכְט אַרַיין לַאסִין צו זִיךְ פִיר אֵיין פְּרִישֶׁע צַאנֶקעֶרַייא. אלְזוֹיא דָאס וָואס עֶר הָאט גֶזָאלְט אויף דֶעם צְוֵוייטֶען טָאג אַוֶּועק פָאהְרִין, אִיז עֶר מִיט זַיינֶע פְּרויא נָאךְ דֶעם זֶעלְבִּין טָאג בַּייא נַאכט אַרוֹיס גִיפָאהְרְן, עֶר הָאט זָאגַאר דֶעם שְׁוָואגֶער נִיכְט בֶּנַאכְרִיכְטֶעט שְׁרִיפְטְלִיךְ דֶעם אִין הַאלְט וָואס עֶר פַארַייזְט זוֹיא שְׁנֶעל פָאן זַיין הוֹיז, אוּנְד לַאנְד.

אִין אֵיינִיגֶע טאגֶען נָאךְ לידעריגס אָפּ רֵייזִין, אִיז גונטער צוּ רִיק גֶקאמֶען נַאךְ הוֹיזֶע פוּן דֶעם שְׁטְרֵייט מִיט פּ׳הְל פְרֵיידֶע אוּנְד גוּטֶע מוּהְט, אוּנ אִיז גְלַייךְ גִינַאנְגֶן צוּ דֶעם צִימֶער פָאן דִיא קֶענִיגֶען, זִיא צוּ גְרִיסֶען, אוֹיךְ צוּ עֶרְצֶעהְלִין פָאן וָואס דֶער שְׁטְרֵייט הָאט זִיךְ אָן גִפַאנגִין אוּנְד זוֹיא וֵוייטער. אבֶּער וִויא עֶר אִיז אַרַיין גִיקָאמֶען אִין דִיא קֶענִיגֶ׳נְס צִימֶע־ אַרַיין, אוּנְד הָאט אִיהְר גִיוָואלְט אַקִישׁ גֶעבִּין וִויא גִיהֶערִיג אִיז עֶר פְּלִיצְלִינְג שְׁטֵין גִבְלִיבֶּען, דֶען עֶר הָאט זִיא גִיטְרָאפִין דָאס גֶעזִיכְט מִיט טְ־עֶרִין פַאר נָאסִין, אוּנ וִויא עֶר הָאט שוֹין גִוואלְט צוּ אִיהְר צוּ גֶעהְן, זוֹיא אִיז דִיא קֶענִיגֶען אִיהְם צוּ דִיא פִיס גֶפַאלִין, אוּנְד הָאט אִיהְם אָן גִיפאנְגִין צוּ בֶּעטִין, מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶעהְרִין, דַאס עֶר זָאל זִיךְ אֵיין ראכֶע אָפּ זִיבֶען פָאן לידעריגען, (עֶר זָאל זִיךְ אִין אִיהְם נקם זַיין)

וָואס הָאט עֶר דִיר דָאס גִיטָאן הָאט זִיא גונטער גִפְרֶעגְט גֶענֶעהְדִיגֶער קֶענִיג—הָאט זִיא אִיהְם גִיאַנטְוָוארטֶעט—עֶר הָאט מִיךְ אוּנְד דִיךְ בֶּעלֵיידִיגְט, עֶר הָאט פָאן מִיר גֶעשְׁטָאלִין. אִיךְ וֵויים וִוירְקְלִיךְ נִיט וִויא אַזוֹיא. דֶעם גִירְטֶעל אוּנְד דִיא רִינְג מֵיינֶע. וָואס נָאר אַבֶּענְט וֶוען איךְ גֶעהֶע צוּ רוּהֶע, טוּהֶע אִיךְ זֵייא נָאר אוים, אוּנְד עֶר הָאט דָאס זַיינֶע פְּרוֹיא גִינֶעבִּן, אוּנְד עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיהִיטֶען צוּ זָאגִין דָאס עֶר הָאט דָאס פָאן מִיר גִינאמֶען.

גונטער איז בּלייך געוואָרין וויא דיא װאַנד, דען ער וואַהר זיכער דאס לידעריג האַט איהם פערראַטהען, וויא האַט ער זיינע פרויא אויף געהויבּן פאָן דער ערד און האָט איהר גזאָגט.

נוט דאס איך ווייס דאַפאָן, אַבּער צו האָסטו נימאַנדין דאַפאָן גזאָגט, –ניין, דיר נור זאָג איך דאס האָט זיא איהם געאַנטוואָרטעט. –אַלזויא האַלט דוא דאס אין געהיים, אויך ווייטער, איך זאָג דיר צו דאס איך װערדע מיר ראַכע נעמין פאָן איהם.

אונד בראנהילדע, דיא שטאָלצע קעניגען האָט זיך גיפרייט, אונד איהרע געדאַנקין בּערוהיגט, מיט דיא האָפנונג דאס איהר מאַן, ווירד זיך ראַכע נעמין, פאָן לידערין, פאַר איהר.

נור וויל גונטער, וואַהר אין דיא נאַטור בּראַף, אונ וויא האָט ער גיקלערט, דאס ער זאָל לידעריגען אַן זאָגין איין פערכטונג, (פאיעדינעק) אַבּער ער האָט נוט גיקענט לידעריגען דאס ער איז פעהיג אונ שטאַרק, האָט ער זיך בּעשלאָסען, צו לאַסין מאַכין איין געוועהר, דאס עס זאָל איהם וועניגסטען פאַר שלעכט אָפ היטען, אונ מיט דיזע מיינונג האָט ער זיך בּעשלאָסין, דאס ער זאָל זיך, וויא איין גיוועהר מאַכין לאַסין אונ האָט ניכט גיוואָלט, דאס קיינעם אָן טרויען, איז ער זעלבּסט גיפאָהרין צו דעם בּערימטען קאָוואַל (שמיד) מימער, אונד אי פערלויף פאָן איניגע טאָגען, איז שוין גונטער געוועזין אויף דיא ריכטיגע שטעלע אונ איז צו איהם אַריין גיגאַנגען. אונ האָט עבּין גיטראָפין שיין בּייא דיא אַרבּייט, דעם ווירד מימער, אויך דעם גיזעלין האַגען, אונ אַנדערע אַרבּייטער וואָס האָבּין ווירקליך גיאַרבּייטעט דאס שענסטע, אונ דאס דאַרהאַפטיגסטע געוועהר, וואָס קאָן נאָר אויף דער וועלט עגזעסטירען.

גאָטער האט זייא פאר געשטעלט דייטליך, וואס פיר איין געוועהר ער וויגשט זיך, אונ האט צו געזאגט, צו צאהלין דאפיר, זעהר איינע רייכע סומע, דאס האט דעם ווירטה מימערין אויך זיינע אַרבייטער זעהר פאר וואונדערט, האבין זייא איהם גיפרעגט אנטקייגין וועמען ער וויל דאס געוועהר בעניצען, דען זייא האבין ווערקליך געוואלט וויסען דארום דאס זייא זאלין דאס געוועהר מאכין לויט וויא פיר איין שטארקייט, (דיא שמידען האבין גיקענט דיא גרעסטע העלדין, דען זייא פלעגין פיר דיא גרעסטע אונ בערימטע העלדין געוועהר צו מאכין) האט זייא גונטער גיענטווערט, דאס דער העלד וואס איך ברויך דאס געוועהר געגין איהם צו בעניצען, ווירד זיין לידעריג דער ערשטער גראף פלאנדריא.

דאן האט דער ווירט מימער איין שאקיל גיגעבין מיט דעם קאפף, אונ ווען גונטער האט איהם ניפרעגט, וואס אל דען זיין מאכין מיט דעם קאפף בעדייטין, האט ער איס גיאַנטוואָרטעט, געגעהריגער העלד, עס וואַרטין דיר זעהר שווערע פאראטין, דען אין דער גאנצער וועלט, ווירסט דוא ניכט גיפינען זויא איין געוועהר דאס עס זאל דיך אפ ווערין, פאן דיא קלעפף, פאן דיא שווערד וואס זיא הייסט באלמונג, וואס דיא איז געשמידעט גיוואָרין, אט דא אויף דעם שמידער קלאץ, דורך לידעריגען אליין, אונ וואס איהם אליין אן בעטרעפט, ווירד קיין געוועהר אין דער וועלט ניכט קענין דאנירען. דען ער האט זיך גיבאדיז אין היים בלוט פאן איין שמאק, אונ דאס האט איהם פון דיא שטארקסטע קלעפף פאר זיכערט, דען ער איז גיוואָרין אויף דעם גאנצין קערפער מיט שיפּען, באדעקט, טראָץ נאר אויף איין אָרט, וואו איין בלאט פון איין לינדען בוים האט זיך אויף איהם אן גיקלעפט, וואס ער איז בייא זיין נאטירליכען

פְלֵייש גֶעבְּלִיבֶּען .

אוֹיף וָואס פַאר אֵיין שְׁטֶעלֶע , אוֹיף זַיין קֶערְפֶּער אִיז דֶען דָאס לִינְדְעו בְּלַאט , אוֹיף אִים גֶעוֶועזִין ? הָאט זִיךְ גוּנטער בַּייא מִימֶערִין גִיפְרֶעגט .

אִיךְ וֵייס דָאס נִישְׁט הָאט אִיהם מִימֶער גִיעֶנְטְפִירְט . דַאן הָאט הַאגֶען דֶער וֶוערְק מֵייסְטֶער פָאן מִימֶערִין , (דָאס וַואהְר דֶער , וְואס וִויר אִיהְם שׁוֹין אֵיין מָאהְל גֶיזֶעהן הַאבִּין אִין אוּנֶזֶער עֶרְצָעהלוּנְג , וָואס עֶר הָאט דַאן מִימֶערִין צוּ גִירֶעט דָאס עֶר זָאל לִידֶערִיגֶען שִׁיקֶען אִין דֶעם שְׁווַארְצִין וַואלד אַרַיין צוּ דִיא וֵויינֶענְדִיגֶע פֶעלְזִין (סקאלע) דַארוּם אִיהְם אִיבֶּער צוּ פִירֶען , יֶעצְט הָאט עֶר אוֹיךְ אִיהְם גִיוָואלְט אִיבֶּער פִירֶען , עֶר אִיז צוּ גוּנטֶערִין נֶענְטִיר צוּ גִיגַאנְגֶען אִין גִיזָאגְט .

גֶענֶעהְדִיגֶער הֶעלְד , וֶוען דוּא וִוירְסְט פָאן דִיא גרוֹיסֶע סָאמֶע , ווָאס דוּא הָאסְט פַאר שְׁפְּרָאכִין פִיר דָאס גִיוֶועהְר צוּ גֶעבִין , מִיר גֶעבִּין אֵיין הֶעלְפְט אוּנ דֶעם הֶער מימער דִיא צְווייטֶע הֶעלְפְט , פַאר שְׁפְּרֶעךְ אִיךְ דִיר , דִיךְ צוּ בּעפְרֵייעֶן פאן לידעריגען אוּנ וֶוען עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין , וֶועסְט דוּא קֶענִין זַיין גַאנְץ פַאר מֶעגִין צוּ גֶעמִין .

וִויא אַזוֹי וֶועט מַאן זִיךְ צוּ דֶעם גֶעהְמֶען , הָאט אִיהְם גוּנטער גִיפְרֶעגְט , דָאס גִיהֶער שׁוֹין צוּ מִיר , הָאט עֶר אִיהְם גִיאנְטְוָוארְטֶעט , דוּא פֶּערְלַאס דִיךְ אוֹיף מִיר , אוּנ עָס וִוירְד אַלֶעס שׁוֹין גוּט זַיין , לַאס זוֹיא בְּלַייבִּין הָאט גוּנטער צוּ אִיהְם גִיזָאגט , דוּא הָאסט דוּא אֵיין הֶעלְפְט פוּן דֶער סָאמֶע , אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט וֶוערְדֶע אִיךְ דִיר גֶעבִּין וֶוען דוּא וִוירְסְט מִיךְ פָאן לִידעריגען בֶּעפְרֵייעֶן , (עֶס זֶעהְט אוֹיס דָאס גוּנטער הָאט מַיין אַפֶּעטִיט צוּ לִידעריגס פַאר מֶעגִין בֶּעקָאמִין מֶעהְר וִויא צוּ אִיהְם אַלֵיין .

אוֹיף זוֹיא אֵיין אַרְט אִיז דָאס גִישֶׁעפְט גִישְׁלָאסִין גִיוָוארִין ,

צְווִישֶׁען גוּנטערן דֶעם קֶענִיג , אוּנד צְווִישֶׁען דֶעם שְׁמִיד מִימֶער
מִיט זַיין וֶוערְג מַייסְטֶער האגען , דֶעם זֶעלְבִּין טָאג אִיז גוּנטֶער
נַאךְ הוֹיזֶע גִיפָארִין , אוּנ האגען , הָאט זִיךְ גִינָאמֶען אַקְלֵיין
פֶּעקְעלֶע אוֹיף אַגְרוֹיסֶן שְׁטֶעקִין , אוֹיף דִיא שִׁילְטֶערִין (פְּלֵייצֶעם)
אוּנ הָאט זִיךְ גִיקֶערְ׳ט צוּ דֶעם שְׁלָאס ,דע באק׳ .

דֶעם דְרִיטֶען טָאג אִיז שׁוֹין האגען גִיוֶועזִין דָארְט , עֶר
הָאט זִיךְ גִימֶעלְדֶען דָאס עֶר וִוינְטְשְׁט זִיךְ צוּ שְׁפְּרֶעכִין מִיט
דֶעם גְרַאף לידעריג , וְויא דֶער גוּטֶער לידעריג הָאט דֶער
הֶערְט דָאס אֵיין פְּרֶעמְדֶער רֵייזֶענְדֶער , וִוינְטשׁ זִיךְ מִיט אִיהְם
צוּ זֶעהְן , הָאט עֶר גְלֵייךְ, בֶּעפוֹילֶען , אִיהְם אַרַיין צוּ לָאזִין ,
צוּ זִיךְ , וְויא עֶר הָאט אִיהְם נָאר דֶער זֶעהְן הָאט עֶר אִיהְם
גְלֵייךְ עֶרְקַאנְט , דָאס עֶר אִיז דֶער וֶוערְגְמַייסְטֶער פוּן דֶעם
גֶערִימְטֶען שְׁמִיד מַייסְטֶער מִימֶער .

נָאר וַוייל לידעריג הָאט נִיכְט גְלֵיבְּט יֶעמַאנְדְן שְׁלֶעכְטִים
צוּ גִידֶענְקִין , הָאט עֶר האגענען זֶעהְר פְרֵיינְדְלִיךְ צוּ גִינָאמֶען ,
אוּנ הָאט אִיהְם גִיפְרֶעגט , וָואס עֶס הָאט אִיהְם גִיבְּרֶענְגְט
דַאצוּ דָאס עֶר זָאל קָאמֶען צוּ אִיהְם אִין הוֹיז אַרַיין , הָאט
אִיהְם האגען גִיאַנְטוואָרְטֶעט , דָאס עֶר הָאט זִיךְ גִיקְרִיגְט
מִיט זַיין הֶער מִימֶער , דוּרְךְ אֵיין אַרְבֵּייט , אִיז עֶר פָאן אִיהְם
אַוֶועק גִיגַאנְגֶען , אוּנ הָאט בֶּעשְׁלָאסִין , צוּ דִינֶען אַלְס שְׁמִיד
בֵּייא אֵיינֶעם פָאן דִיא גְרוֹיסֶע הֶערִין , נָאר עֶר הָאט זִיךְ דֶער
מַאנְט , אַז זַיין אַלְטֶען גוּטֶען פְרֵיינְד , אִיז עֶר גְלַייךְ פְרִיעֶר צוּ
אִיהְם גִיגַאנְגִין זִיךְ צוּ פְרֶעגִין , צוּ וִוירְד עֶר אִיהְם צוּ עֶפִּיס
נִיכְט צוּ נִיץ קָאמֶען , אוּנְד וַוייל לידעריג הָאט גוּט גִיוְוִיסְט
דָאס האגען וַואהְר בַּייא מִימֶערִין , דֶער בֶּעסְטֶער אַרְבֵּייטֶער
הָאט עֶר אִיהְם זוֹיא פָארְט , צוּ גֶענָאמֶען , אוּנ הָאט אִיהְם
אָ גִימַ׳כְט פִיר אוֹיפְזֶעהְר אִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע , שְׁמִידֶער וֶוערְג
פּ׳ שְׁטֶעלִין (קוּזְנִיע׳) .

זיינ

אַלֶע אַרְבֵּייטֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט , דָאס זֵייא הָאבְּן גֶעקְרִיגְען זויא אֵיין גוּטֶען וֶוערְגְמֵייסְטֶער , טְרָאץ נָאר אֵיין פֶעטֶערס , וָואס עֶר הָאט גוּט גִיקֶענְט האגענס שְׁלֶעכְטֶען חאַרַקְטֶער , אוּנ דָאס פַאר נִיכְטוּנְג , וָואס עֶר הָאט גִיהַאט גֶעגְען זַיין הֶער . אָבֶּער לִידֶעריג הָאט זִיךְ אוֹיס גִילַיכְט , דָאס פֶעטֶערס הָאט אִיהְם דָאס גִיזָאגְט . אוּנ האנגען אִיז זויא גֶעבְּלִיבֶּען , אִין דֶעם הוֹיף בַּייא דֶעם גְרַאף פְלאנדִריע .

אִין אֵיינִיגֶע טָאג נָאךְ דֶעם אוֹיבְּן גִישְׁרִיבְּענֶעם פַאל , הָאט לִידֶעריג עֶרְהַאלְטִין אֵיין בְּרִיף פָאן גוּנְטֶערִין , דֶעם קֶעניג זַיין שְׁוַואגֶער , אוּנ עֶר שְׁרַייבְּט אִיהְם דָאס אִין זַיין לַאנְד אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶער בּוּנְד , אוּנ עֶר בֶּעהְט אִיהְם זֶעהְר , דַאס עֶר זָאל אִיהְם צוּ הִילְף קָאמֶען , מִיט זַיינֶע גְרֶעסְטֶע הֶעלְדִין , וֶוען נִיכְט קָאן עֶר פַארְלוֹירֶען זַיין .

זויא הָאט לִידֶעריג גְלַייךְ אֵיין בְּעפֶעהְל גִיגֶעבְּן דָאס עֶס זָאל אַלֶעם ווייא אַם שְׁנֶעלְסְטִין פֶערְטִיג זַיין , אִין וֶועג אַרַייִן . דֶען עֶר הָאט נַאר נִיכְט גִידֶענְקְט , וָואס עֶס אִיז צְווִישֶׁען זַיינֶע פְרוֹיא , אוּנ זַיינֶע שְׁוֶועגֶערִין גִיוֶועזִין , עֶר הָאט נָאךְ גִיהֵייסִין דָאס 100 דִיא גְרֶעסְטֶע אַן גֶעוַואפֶענְטֶע הֶעלְדִין , פְאן זַיין גֶעגִינְד , זָאלִין מִיט אִיהְם מִיט גֶעהְן . נַאךְ דֶעם לַאנְד הִיגְלאנְדִיע , זַיין בְּעפֶעהְל אִיז עֶרְפִילְט גִיוָוארִין , דֶען פִיר דִיא יֶענִיגְע אֵייזֶערְנֶע הֶעלְדִין , פָאן דֶעם גַאנְצִין גֶעגִינְד , פלאנדריא אִיז אֵיין שְׁטַרֵייט גִיוֶועזִין , אַ פִילֶעבְּצִיל , נָאר דִיא 2 פְרוֹיעֶן , דִיא מוּטֶער אוּנ זַיינֶע פְרוֹיא , הָאבְּן טְרוֹירִיג צוּ גִיקִיקְט , אוֹיף דעם פאר בְּרֵייטִין זִיךְ צוּ דֶער רֵייזֶע , דֶען אֵיינֶע הָאט דִיא מוּטֶער לִיבֶּע נִיכְט זֶעהְר גוּטֶעם צוּ גִיזָאגְט , דֶען אִיהְר הַארְץ וַואהר אִיהְר זֶעהְר בֶּעשְׁוֶוערְט , אוּנ דִיא צְוֵוייטֶע הָאט זֶעהְר גוּט גִיקֶענְט אִיהְר בְּרוּדֶערְס חאַרַאקְטֶער (נַאטוּר) , דַארוּם אוּנ דַארוּךְ , וַואהְר זִיא נִיכְט רוּהִיג , אוּנ וֶוען קרימיל

הָאט גינוג הויךְ אַרוּ'ס גיזָאגְט אִיהְר אוּמְרוּהִיגֶייט , אוּנ האגען הָאט דָאס אַלֶעס גיהֶערְט , אִיז עֶר צוּ אִיהְר צוּ גִיגַאנְגֶען , אוּנ הָאט גיזָאגְט , גְעגֶעדִיגֶע פִּירְסְטָען , אִיךְ וֵויים גַאנְץ גוּט וָואס דוּא בִּיסְט זויא אוּנְרוּהִיג , דַיין מַאן אִיז אִין גַאנְצִין מִיט שִׁיפֶּען זויא ווִיא אֵיין פַּאנְצֶער נָאר אֵיין אָרְט וָואס אִיז דַארוּיף אֵיין בְּלַאט גיפַאלִין . דַארוּם הָאסְטוּ פָּארְכְט דָאס יֶעמַאנְד קַאן אִיהְם אוּיף יֶענֶעם אָרְט רַאנִירֶען , אָבֶּער וֶוען דוּא ווִירְסְט אֵיין צֵייכִין אוּים נֵייֶען אוּיף דִיא שְׁטֶעלֶע , דָא וֶועדְרֶע אִיךְ גֵיין , טְרִיט אוּיף טְרִיט פוּן דַיין מַאן אוּנְד ווִירְדֶע אַלֶע קְלֶעפּ אָפּ קְלַאפִּין , דַאן הָאסְט דוּא גְעגֶעהְדִיגֶע פִּירְסְטָען נִיכְט וָואס צוּ פִּירְכְטֶען .

ווִיא קְרִימִילְדֶע הָאט גיהֶערְט פָּאן האגען דִיא רֵייד , וַאר דָאס בַּייא אִיהְר ווִיא פוּן הִימֶעל גִישִׁיקְט , זִיא הָאט אִיהְם זֶעהְר גִידַאנְקְט . אוּנ הָאט אִיהְם פַאר שְׁפְּרָאכִין דָאס זִיא וֶועט אוּים הֶעפְטִין אֵיין קְלֵיין קְרֵייצִיל אוּיף זַיין אַנְצוּג . אוּיף דֶעם זֶעלְבִּין אָרְט . ווִיא דֶער בְּלַאט אִיז אוּיף אִיהְם אַרוּיף גִיפַאלִין . דָאס האגען זָאל דֶעם קְלַאפּ פוּן דֶעם אָרְט קֶענִין אַוֶועק קְלַאפִּין .

האגען הָאט גִיבִּין פָּאן אִיהְר דַאס נָאר גִיוָואלְט אַרוּיס קְרִיגֶען , עֶר זָאל זַיין מֶערְדֶערְלִיכֶען פְּלַאהְן , וָואס עֶם וַואהְר אָפּ גִימַאכְט מִיט גוּנְטֶערִין קֶענִין אוּיס פִירֶען .

אִין דֶעם בֶּעשְׁטִימְטֶען טַאג פָּאן דֶעם אַפִּרֵייזִין , וַואהְר שׁוֹין לִידֶערִיג פֶּערְטִיג מִיט זַיינֶע הוּנְדֶערְט הֶעלְדִין אִין דִיא רֵייזֶע זויא ווִיא גֶעוֶועהְנְלִיךְ . אִיז לִידֶערִיג גִיגַאנְגִין אָן גִיטָאהְן זַיין בֶּאלְמוּנְג אִין דִיא זַייט אוּיף אֵיין פַּאס . אוּנְד וַואהְר אַן גִיצוֹיגִין אִין אֵיין זֵיידֶענֶעם אַנְצוּג . עֶבִּין דֶער וָואס זַיין פְּ־וִיא הָאט אוּיף אִיהְם אוּיס גֶעהָאפְטִין פָּאן דֶער לִינְקֶער זַייט . אִיבֶּער דֶעם שִׁילְטֶער . דָאס אִיז אִיבֶּער דִיא לָאפֶּאטְקֶע

אִין אֵיין קְלֵיין קְרֵייצִיל .

ווִיא זֵייא הָאבִּין שׁוֹין גֶעוואָלְט אָפְּרֵייזִין , אִיז פֶּעטערס צוּ גִינַאנְגֶען צוּ לידעריגען . אוּנ הָאט אִיהְם גִיבֶּעטִין דָאס עֶר זָאל האנענען נִיט מִיט נֶעמִן , אָבֶּער האנגען ווַאהְר זֶעהְר אִין אֵיין קְרִיג , אֵיין נוּצְלִיכֶער אַרְבֵּייטֶער . דֶען עֶר הָאט זֶעהְר גוּט גֶקֶענְט שְׁמִידֶען . אוֹיךְ גְוֶועהְר פַארֶערְבְּטִן . אִיבֶּער דֶעם הָאט זִיךְ לידעריג אוֹיס גֶלאכְט פְּאן פעטערסינס פָארְכְּט. אוּנ הָאט האנענין גֶמאכְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁמִידֶערֵייֶען אוּנְד אַרְסֶע-נַאלִין ווָאס עֶר הָאט נָאר אִין זַיינֶע פֶּערְמֶעגֶנְס גֶהַאט , פִּיר אוֹיבֶּער מֵ יסְטֶער .

לידעריג הָאט זִיךְ גֶזֶעגֶנְט מִיט זַיינֶע פְּרוֹיא . מִיט זֵיינֶע מוּטֶער , אוֹיךְ מִיט זַיינֶעם זָאהְן . אִין דִיא הָאפְנוּנְג זוּיא ווִיא עֶר וואהְר גֶווָאהְנְט אִימֶער צוּ גֶווינְן , אוּנְד וֶועט גְוִויס נָאךְ הוֹיזֶע צוּ רִיק קָאמֶען . (עֶר הָאט נֶעבִּיךְ נִיט גֶוִויסְט ווָאס אוֹיף אִיהְם דָארְט וַוארְט), דֶען ווָארוּם הָאט עֶר נִיט גֶזָאלְט זַיין זִיכֶער עֶר הָאט גֶווִיסט דָאס עֶר הָאט מִיט זִיךְ דִיא שְׁוֶוערְד בּאלמוּנג ווָאס עֶר הָאט גוּט גֶווִיסְט אִיהְר שְׁטַארְקֵייט . עֶר הָאט גֶהַאט דִיא גָאלְדֶענֶע בּייטְשׁ, פְּאן דֶעם קֶינִיג נִיעבּעלינגע . אוּנְד דֶען נִיכְט-גִיזֶעהְן-ווֶערְדֶענֶעם גֶוִיכְט שִׁיצֶער . אַלְזָא הָאט אִיהְם דָאס אַלֶעס גֶקֶענְט פַאר זִיכֶערִין דָאס עֶר וֶועט אִיבֶּערַאל אוֹיס פִירֶען . אוֹיךְ הָאט עֶר בַּייא זִיךְ גִוִויסְט דָאס אִיהְם קָאן גַאר נִיט זַיין . דֶען עֶר ווַאהְר מִיט שִׁיפֶען ווִיא דֶער בֶּעסְטֶער פַאנְצֶער . (לֵיידֶער עֶר הָאט נֶעבִּיךְ גָאר פַאר גֶעסִן , דָאס וֶוען דִיא צֵייט קָאמְט פְּאן שְׁטארְבִּין, מוּס מֶען גֵיין, הָאט אִים דָא זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרוֹיא אוּם שׁוּלְדִיג אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ דֶעם (מלאך המות) אִין דֶער האנד אַרֵיין .

לידעריג , דֶער גְרָאף פלאנדריא, אִיז מִיט זַיינֶע לַייט גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ גַאנְצֶע 3 טֶעג אוּנְד 3 נֶעכְט . דֶער נָאךְ זֶענִין זֵייא

אויף גִזֶעסִין אויף אָקְרֶענְטִין וואס עס איז שוין דאָרְט גִוועזִין פאר גֶבְּרֵייט. קורץ אין פֶערְלויף פאן איין וואך, זענען זייא גֶשְׁטַאנִין בַּייא דיא טויעֶרִין פאן היגלאנדיע. —

לידעריג האָט זיך זֶעהר פַאר ווינְדֶערְט, דען ער האָט זיך גֶעֶרעכְט דאָרְט אַן צו טְרֶעפִין איין בּוּנְט מִיט איין קְרִיג, אין לַאנְד בַּייא זיין שְׁוַואגֶער גוּנטער, זויא וויא ער האָט גֶרעכִינְט לויט זיין בְּרִיף וואס ער האָט בֶּעקָאמֶען פאן גונטערין, האָט ער גאר אָן גִיטְרָאפִין, דאס גְרֶעסְטֶע פְרִידְהַייט אוּנְד פְרֵייליכֶע פֵייעֶרוּנְגֶען. דער קעניג גונטער האָט לידעריגען אָפּ גֶעוואַרְט בַּייא דעם פָארְט אוּנְד ער האָט אִיהם זֶעהר שֶׁעהְן צו גִינָאמֶען. זויא וויא עס פַארְדִינְט זיך ווירקליך אַגוּטֶער פְרֵיינְד וואס ער אַיילְט זיך צו קָאמֶען זיין פְרֵיינְד צו הִילְף.

לידעריג האָט אַלְץ גִיטְרָאפִין פֶערְטִיג, צו שֶׁעהְנֶע פִישׁ פַאנְגֶען, אויך (פָאלְאוואַנִיעס) זויא וויא עס זֶעהְט אויס, האָט גונטער צו גִיגְרֵייט נאר פִיר זיין שְׁוַאגֶער, דאס פִישׁ חַאפּוּנְג האָט זיך גִיזָאלְט אָן פַאנְגִין בַּאלְד אויף צו מָארְגִינְס נאך זיין אַהִין קָאמֶען, אוּנ אויף צו מָארְגִינְס פוּן לידעריגס אַהִין קָאמֶען איז ער גְלַייך מִיט גונטערין גִפָאהְרִין אין וואַלְד אויף דיא יאַכְט, דאס גאַנְצֶע לידעריגס מִילִיטֶעהְר, זענִין גֶעבְּלִיבֶּען אין שְׁטָאט, אוּנ גונטער האָט בֶּעפוילִין דאס מִילִיטֶעהְר שֶׁעהְן צו צו נֶעמִין.

האגין, אוּנְד פּעטערס, זענִין נאר מִיט גִיגַאנְגֶען, מִיט לידעריגען, אין וואַלְד אַרַיין, נאר ווייל דאס וואַלְד וואהְר נִיט ווייט פוּן דער שְׁטָאדְט, זענִין זייא שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבֶּען אויף דעם אָרְט, אין 7 אוּהְר אין דער פְרִיה אוּנ זויא פָארְט האָט זיך דער יאַכְט אָן גִיפַאנְגֶען, זייא האָבִּין נִיכְט גִיהַאט חַייט אין וואַלְד, אַנְגִיפַאנְגִין צו לוּיְטְרִין אויף איין זֶעהְר שְׁטַארְקִין בֶּעהְר.

אין פֶערְלויף פוּן 2 שְׁטוּנְדֶען איז דער בֶּעהְר זֶעהְר מִיהְד גִיוָארִין, אוּנ האָט זיך אַנִידֶער גִיזֶעצְט אויף דיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע

לַאפּעס , אונ מִיט דִיא פָאֶדערְשְׁטֶע הָאט ער צוּ זִיךְ ניכְט צוּ גֶעלָאזְט, דַאן הָאט מאן אַנגֶפַאנְגֶן צוּ בְּלָאזֶין אִין דִיא הָארְנֶס . אונ אַלֶע זֶענִין זִיךְ צוּ זַאמֶען גִילָאפִין , גוּנטער הָאט אַחַאפּ גִינֶעבִּין בַּייא זַיין שְׁוֶוערְד, הָאט לידעריג אַגֶעשְׂרַייא גֶגֶעבִּן דָאס ער וֶועט אִים חַאפִּין לֶעבֶּענְדִיגֶר הֵייט , עס זָאל זַיין אַפְּרָאזֶענְט פַאר דִיא פִים , פִיר דִיא קֶעגִיגֶען בּראנהילדע .

אִיז לידעריג אַרָאפּ פוּן פֶערְד אונ האט זִיךְ גֶהֵייסִין גֶעבִּן שְׁטְרִיק אונ אִיז גְלַייךְ צוּ גִילָאפִין צוּ דֶעם בֶּעהְר , ער הָאט אִיהְם גִיחַאפְּט אִין דִיא הֶעלְפְט , אונ הָאט אִים אַלֵייג גִיגֶעבִּן אונ גֶעבִּינְדֶען דִיא פִיר לַאפֶּעס , אונ דֶעם פִּיסְק אונ הָאט אִים אוֹיף דִיא אַקְסֶלֶען גִינְאמֶען , בִּיז צוּ דֶעם אָרְט וְויא ער הָאט גִיזָאלְט דָאס פְרִישְׁטִיג מאכֶען .

דָאס פְרִישְׁטִיג הָאט מַאן גִיבְּרֶענְגְט צוּ דֶער צַייט . אונ עס וואהְר זֶעהְר גוּט זויא וְויא פִיר זָאלְכֶע אוֹיס גֶעהִינְגֶערְטֶע יֶעגֶערְס , אָבֶער דוּרְךְ אֵיין אִירְטוּם הָאט מאן פַאר גֶעסִין וויין צוּ בְּרֶענְגִין , גוּנטער הָאט זִיךְ זֶעהְר גִיעֶרְגֶערְט , עס הָאט אָבֶער נִיכְט גֶעהָאלְפִין , הָאט ער זִיךְ דֶער מאנְט , וֶוען זַייא זֶענִין גִיגַאנְגִין אִין וַואלְד אַרַיין , הָאט ער גִיזֶעהְן אֵיין זְדְרוֹיא וַואסֶער , דָאס יֶעדֶער הָאט לוּסְט גִיהַאט צוּ טְרִינקֶען , דַארוּם וַוייל לידעריג וַואהְר זֶעהְר דָארְשְׁטִיג נָאךְ דֶעם עֶסִין , הָאט ער זִיךְ נִיכְט גִיקֶענְט אֵיין הַאלְטִין אִיז ער גְלָאפִין וַואסֶער טְרִינְקֶן .

האגען הָאט נָאר אוֹיף דֶעם גִיוַוארְט , דַאדוּרְךְ הָאט ער זִיךְ גְלַייךְ אוֹיף גְעהוֹיבֶּען . אונ אִיז אִיהְם נָאךְ גִילָאפִין גְלַייךְ וְויא ער וָואלְט אִיהְם גִיוָואלְט דִיגֶען , אִים פַאלֶע וֶוען ער וֶועט אִיהְם גִיבְּרוֹיכְין .

וְויא לידעריג אִיז צוּ גִיקָאמֶען צוּ דֶעם זְדְרָאי , הָאט ער זִיךְ אוֹיס גִיטָאן דֶעם פַאס מִיט דִיא שְׁוֶוערְד , אונ הָאט דִיא שְׁוֶוערְד אָן גִישְׁפַּארְט אִין דִיא סְקָאלֶע אִיבֶּער דֶעם זְדְרוֹיא ,

אונ ער האט נאך מעהר געוואלט האבין בקוועהמטער, האט ער אוועק גילייגט דעם געזיבט שיצער, אונ דיא קענדזיאלין, דאן האט ער אנדער געקאנט, אונ צו געבונדין דעם קאפף אום ער זאל טרינקען.

פאן דיזער מינוט האט האגען, פראפיטירט, אונ האט גינאמין לידעריגס שטילעט (קענדזיאל) אונ האט איהם פונקט אויף דעם זעלבין ארט, וויא עס וואהר אויס גיהאקט דאס קרייציל, אזעלכע אריין גינגעבין אין דעם ארט טיף.

לידעריג האט אנגעשרייא גיגעבין, אונ האט זיך אויף גיהויבין, אויב וואהל ער וואהר ראנירט צום טויט, דאך האט ער אנגעם גיטאן, דעם באלמונג, זויא וויא איין צו רייצטער לייב, וואס ער ווערט זיך, מיט זיינע לעצטע קרעפטין, זויא האט זיך לידעריג גיווארפין, אויף האגענען, אונ מיט איין זעץ מיט דעם באלמונג, האט ער איהם צו שפאלטין דעם קאפף, אויף 2 העלפטין, וואס זענין איהם אראפ געפאלען אויף ביידע אקסלען, אין דיא זעלבע מינוט האט לידעריג דער זעהן פעטערסן (זיין ריכטיגען טרייען דינער) אבער ליידער ער איז שוין צו שפעט צו געקאמען.

לידעריג האט גיוואלט נאך אמאהל עטוואס רעדין, ער האט שוין ניכט גיקענט, ער האט איהם נאר מיט דיא האנד גיצייגט, דאס ער זאל דארט אנטלויפין, אונ ער איז גיפאלין טויט ביי דעם קערפער פון זיין מערדער, פעטערס האט פאר שטאניך דאס דער נידער טרעכטיגער גונטער, וועט זיך מיט איהם ניכט בעניגען לאזין, אונ איז געשווינד צו גילאפין צו דעם מעהר, האט ער דער זעהן, דאס מאן יאגט איהם, איז ער אריין אין וואסער, אונ איז צו געשווימען צו איין שיף ער האט גישווינד ערצעהלט דעם קאפיטעהן, וואס עס איז גישעהן זויא פארט האט דער קאפיטעהן גיהייסין אויף ווייקלען

דיא זאַגלען , אונ צו שפּייטען צו דעם נעכסטין אָרט ,
עס האָט אַשרעקליכעך איין דרוק גימאכט אויף אַלע מענגשין , פון דעם שלאָם דע באק וויא זייא האָבין דער הערט פון דעם אום גליק וואָס עס איז גישעהן .

קריבילדע איז גיפאלין צו דיא פים דיא אַלטע פירסטען אויף דעם וואס איז גישעהן , זיא האט נאָר זיך שילדיג גימאכט דאָס זיא האָט גיהאַרגיט לידעריגען דורך איהר גרויסקייט אונ לייכטזיניגקייט .

ערמאנגאַרדע וואהר צום גליק איין פראמע אונד איין דרייסטע פרויא , אויב וואָהל זיא וואהר זעהר גיקרענקט וואס זיא האט איהר זאהן פאר לוירין , דאך האט זיא בעמערקט , דאס מאן ברויכט פאהר אַלעם צו פאר זיכערין , פאן פרישע אום גליקען , האט זיא גלייך גילאזט בעקאנט מאכין דעם טויט פאן איהר זאהן , דאס גונטער וואהר זיין מערדער , זיא האט גילאזט צו זאמען רופין אַלע אלאנדטשיקעס , אפּ צו ווערין דעם יונגען גראף , נאכהער האט זיא בענאכריכטעגט דעם קעניג דאגאבערט , דיא וויים זיא ברויך זיין הילף אונד ראַהט , זיא האט גוט פאר שטאנין דאס גונטער וועט ניכט רוהען , ווירקליך וואר זויא, אין פעהלות פון איין וואך איז גונטער מיט אַגרויסע צאהל , מיליטעהר ארויף אויף דעם פּאָרט .

בייא אַלעם וואָס ערמאנגארדע וואהר דרייסט אונד פעהיג דאך וואר דיא לאגע פון איהר הערשאַפט זעהר טרויריג דען דיא שטארקסטע 100 העלדין האט מען גענאנגן גינאמען אין היגלאדיע , אונד דער וואס וואהר געשיקט צום קעניג דאגאבערט , איז צוריק גיקאמען מיט איין אַנטוואָרט דאס דער קעניג איז געשטארבין , אונ זיינע צוויא זעגע פירען קריג אונ קאנען ליידער איהר צו הילף ניכט קאמען .

אַלזויא האבין דיא צוויי פירסטענס געמיזט מיט זייערע

אייגענע קרעפטין ווערין זייער פאטער לאנד, נאר איין פעלד מארשאל האבין זייא ניכט געהאט, אונ דאס וואהר נאר זייער קריטיש פאר לעגין הייט.

דר ווייל האט זיך דער קעניג גונטער, מיט זיין מיליטער פאר נעהנטערט אלע מאהל מעהר, מיט דעם אויס רייד דאס ער וויל איבער נעמין צו פירען דאס הערשאפט, ווייל דער קליינער פירסט אנדראקוסיא איז נאך יונג, אבער ווייל אלע האבין שוין געוואוסט דאס ער וואהר דער מערדער פאן דעם פאטער, אלזא האט זיך קיינער ניכט גילאזט גינארין, מיט זיין פאלש גוטסקייט, פון זיין זאחן, אלע ווארען אים פיינדע.

ערמאנגארדע, אונד קרימילדע, האבין צו זאמען גנאמין ארום זיך אלע גיוואפענטע העלדין, אונ דינער, נאר אויף איין גאט האבין זייא זיך פאר לאזט, דס ער וועט זייא העלפין זייא האבין זיך ביידע אנידער גיזעצט בייא דיא וויג וויא דער קליינער פירסט איז געלעגין, אונ גאט גיבעטין אום הילף.

זויא וויא דיא פירסטענס זענין בייא דיא וויג גיזעסין, האט מאן זייא גימעלדין דאס איין העלד, פאר לאנגט מיט זייא צו שפרעכין, אין זויא איין פאר לעגין הייט זייא ווארן האבין זייא גימוזט צו נעמין וועמין עס איז נאר צו הילף, האבין זייא בעפוילין דאס דער אומבעקאנטער העלד קאן זיך פאר זייא שטעלין, זויא איז ער אריין געקאמען.

דער געזיכט שיצער וואהר בייא איהם גיראפ גילאזט נאר אנגראע בארד, וואס מאן האט דורך גיזעהן דורך דעם געזיכט שיצער, דאס האט זייא גיגעבין צו פאר שטיין, דאס ניכט קיין יונגער מאן שטייט פאר זייא. ער האט זיך גיביינט אונ האט זייא גיזאגט, דאס ער איז גיוואר גיווארין פון זייער טרויריג פאר לעגינהייט, איז ער גיקאמען זייא צו הילף, האפענט דאס זייא ווערדין איהם גיבט ענטזאגין. אונ אויב

זַייא װֶעלִין זַיין טְרֵייהֵייט נִיכְט גְלױבְּן , אִיז עֶר פָאר בְּרֵייט צוּ שְׁװֶוערִין דָאס עֶר װִיל זַיין לֶעבִּין אָפּ גֶעבִּין , צוּ הֶעלְפִין דֶעם יוּנְגֶען פירסט . אִין זַיין רֶעדִין װַאחְר זויא פִיהְל רִיכְטִיגְקֵייט אוֹיב מאהְל דִיא פִירְסְטֶענְס הָאבִּין נִיכְט גִיװִיסְט צוּ זֵייא װֶעלִין אִין אִיהְם הָאבִּין זויא אֵיינֶעם װִיא זֵייא בְּרױכִין , דָאךְ אָבֶּער הָאבִּין זֵייא צוּ פִינָאמֶען זַיין דִינוּנג , זֵייא הָאבִּין אִיהְם גִיזָאגְט , דָאס זֵייא פַאר לַאנְגִין נִיכְט דָאס עֶר זָאל שְׁװֶערִין , נָאר דַאס װָארְט אִיז בַּייא זֵייא גִינוּג זֵייא הָאבִּין אִיהְם אִיבֶּער גִינֶעבִּין דַאס שְׁלָאס אוּנ הָאבִּין אִיהְם גֶעמַאכְט פִיר פֶעלְד מַארְשַׁאל אִיבֶּער דֶעם גַאנְצִין מִילִיטֶעהְר . זָא פְארְט װִיא דֶער אוּם בֶּעקַאנְטֶער העלד הָאט עֶרְלױבֶּענִישׁ בֶּעקָאמֶען , הָאט עֶר זִיךְ גִינֵיינְט צוּ בֵּיידֶע פירסטענס . אוּנ הָאט צוּ זַאמֶען גֶענָאמֶען . דאס גַאנְצֶע מִילִיטֶעהְר װִיא פִיהְל עֶר הָאט נָאר גִיקֶענְט , אוּנ עֶר הָאט גִיזֶעהְן דָאס עֶר הָאט 1200 מַאן גְיװָאפִינְט בֶּעזָאנְדֶערְס דִינוּנג אוּנ הױז לַייטֶע , אוּנְד װַאר אִיבֶּער צֵייגְט , דָאס גאנְצֶע מִילִיטֶעהְר , װַאהְר זֶעהְר צוּ רֵייצִט אוֹיף דֶעם אוּמפְּרֵיינְד , הָאט עֶר זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין נִיכְט צוּ װַארְטִין אוֹיף דֶעם מִילִיטֶעהְר פָאן אוּנְפְרֵיינְד , װָאס װַאהְרֶען פִינְף מָאהְל זויא פִיהְל , בִּיז זֵייא װֶערְדִין נֶעהְנְטֶער צוּ קָאמֶען , נָאר עֶר אִיז זֵייא אַנְטְקֵייגִין אִין װַאלְד אַרַיין , צוּ הױזֶע הָאט עֶר אִיבֶּער גִילָאזְט בִּיז 100 מַאן גִיװָאפִינְט , אוּנ אַלֶע הױז לַייטֶע מִיט דִינֶער .

דֶער אוּם בֶּעקַאנְטֶער הֶעלְד , הָאט דָאס מִילִיטֶעהְר צוּ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּין אָרְט (אוֹיב דֶער לֶעזֶער גִידֶענְקְט) װִיא פַאר 23 יָאהְר , אִיז דֶער גראף סאלװאטאר , עֶרְמָארְדֶעט גִיװָארֶען , אוּנ זַיין פרױא ערמאנגארדע אִיז גֶענוּמֶען גִיװָארִין אִין (פֶלֶען) דָאס הֵייסְט אִין גֶעפֶענְקִינִיס אַרַיין .

דָאס אָרְט װַאר זויא גְרױס דָאס 200 מַאן הָאבִּין זִיךְ גִיקֶענְט שְׁטֶעלִין אַנְטְקֶעגִין 2000 מַאן צוּם שְׁטְרֵייט , דָאס װַאהְר

איין פֶעלְד אַרום מִיט גִידַאכְטֶעם וואַלְד .

דֶער אום בֶּעקַאנְטֶער פֶעלְד מארשאל הָאט נָאר וָואס גִיהַאט זַיינֶע נֶעהְטִינֶע בֶּעפֶעלוּנג ארויס צוּ גֶעבִּין אוּנ פוּן דֶער זייטִין הָאט מֶען גִיזֶעהְן אַן קָאמֶען גוּנְטֶערם מִילִיטֶעהְר , זֵייא הָאבִּין גִירֶעכִינְט אויף זֵייֶער גְרויסִין קְרַאפְט . אוּנ זֵייא הָאבִּין גֶעוְוּיסְט , דַאס זֵייא הָאבִּין צוּ טְאהֶן מִיט אַגַאנְץ קְלֵיינֶע צָאהְל מִילִיטֶעהְר אַנְטְקֶעגִין זִיךְ , אָבֶּער לֵיידֶער זֵייא הָאבִּין זִיךְ גֶעאִיהְרְט דֶער אום בֶּעקַאנְטֶער הֶעלְד , הָאט אָבֶּער זְויא גֶעפִירְט דִיא שְׁטְרֵייט דָאס עֶר הָאט זֵייא פֶערְנַארְט אוּנְד הָאט זֵייא אִיבֶּער הויפְט , עֶר הָאט זַיין מִילִיטֶעהְר צוּ טֵיילְט אויף 4 טְהֵייל אוּנ אִיז דֶעם פֵיינְד בֶּעפַאלִין פָאן אַלֶע זַייטִין , דָאס הָאבִּין זֵייא זִיךְ דֶער שְׁרָאקִין דֶען זֵייא הָאבִּין גִימֵיינְט עֶס אִיז דָא פִיהְל מִילִיטֶעהְר , דֶען דָאס גֶעשְׁרייא אוּנ דָאס פוּיקִין פָאן אַלֶער זַייטִין הָאט גִימַאכְט אֵיין פַאר מִישׁוּנְג צווישֶׁען גוּנְטֶערם מִילִיטֶעהְר , אוּנְד אִין פֶערְלויף פָאן אֵיינִיגֶע שְׁטוּנְדֶען אִיז דָאס גַאנְצֶע מִילִיטֶעהְר צוּ שְׁפְּרֵייט גֶעווָארִין , נָאר גוּנְטֶער מִיט זַיינֶע 100 גְרֶעסְטֶע הֶעלְדִין זֶענִין אַנְטְלויפִין זֶעהְר פַאר שֶׁעמְט .

דָאס פלַאנדרישֶע מִילִיטֶעהְר , נָאךְ דֶעם וִויא זֵייא הָאבִּין גִיעֶנְדִיגְט דִיא קְרִיג הָאבִּין זֵייא זִיךְ גִיאַיילְט צוּ רִיק אִין שְׁלָאס אַרַיין , צוּ בְּרֶענְגִין אֵיינֶע גוּטֶע נאכְרִיכְט , אויךְ הָאבִּין זֵייא מִיט גִיפִירְט זֵייֶער אום בֶּעקַאנְטִין פעלד מארשאל , לֵיידֶער שְׁטַארְק רַאנִירְט .

דִיא בֵּיידֶע פירסטענס , זֶענִין אַנְטְקֶעגִין גִיגַאנְגֶען זֵייעֶרֶע רֶעטֶער מִיט גְרויס פְרֵייד ע, זָא וִויא זֵייא זֶענִין צוּ אִים צוּ גֶקָאמֶן הָאט עֶר אויף גִיהוֹבִּן דֶעם גֶעזִיכְט שִׁיצֶער וָואס בִּיז יֶעצְט , הָאט עֶר אִימֶער זַיין גֶעזִיכְט פַאר שְׁטֶעלְט גִיהַאט .

דֶער לֶעזֶער קָאן זִיךְ פָאר שְׁטֶעלִין דָאס פַאר וואוּנְדֶערוּנְג

פוּן אַלֶע דָאס זַייא הָאבּין דֶער קֶענִט אִין דֶעם אוּנבֶּעקַאנְטִין הֶעלְד , דָאס עֶר הַאר דֶער אַלְטֶער פירסט פינארד דע-באק וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַאר 3 יָאהְר צוּ רִיק עֶנְטְזָאגְט פָאן זַיין פֶּערמֶעגִין , אוּנ הָאט דָאס לידעריגען אִיבֶּער גִיגֶעבִּין , אוּנ זֶעלבּכט אִיז עֶר אִין טִיפֶען וַואלְד אַרַיין , זוֹיא וִויא עֶר הָאט זִיךְ דַאמאלְס זֶעלבְּסט אוֹיס גִיוֶועהְלְט , דָאס עֶר זָאל דָארְט זִיךְ פַּיינִיגֶען בִּיז עֶר וֶועט אָפּ צוּ קָאמֶען .

פינארד הָאט זִיךְ דֶער וִויסְט פוּן דֶער קְרִיטִישֶׁע לַאגֶע וָואס עֶם הָאט זִיךְ פַּאסִירְט מִיט דִיא בֵּיידֶע פירסטענס הָאט עֶר דאס עֶרְשְׁטֶע אוּנ דַאס לֶעצְטֶע מָאהְל פוּן דִיא צַייט וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארֶן אַפּגֶעזִינְדֶערְט , אַן גֶעצוֹיגְן וֶועלְטְלִיךְ גִיוֶועהְר זִיךְ צוּ אַיילִין צוּ זַייא אוֹיף הִילְף . וִויא עֶס זֶעהְט אוֹיס הָאט אִים גָאט פַאר צַייעֶט זַיינֶע זִינְד . דֶען אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּין אָרְט אִיז עֶר רַאנִירְט גֶעוָוארֶן , וָואס עֶר הָאט אַמָאל אַמְארְד עֶרְפִילְט . אוֹיף צוּ מָארגִינְס אִיז עֶר גִשְׁטָארְבִּין , פַאר דֶעם טוֹיט , הָאט עֶר גֶעבֶּעטִין דָאס מַאן זָאל אִיהְם בֶּעגְרָאבֶּען אִין דֶעם זֶעלְבֶּען גְרוּבּ וָואס וַואהְר שוין דְרַייא יָאהְר פִיר אִיהְם אָן גֶעוִויזֶען . אוּנְד מַאן הָאט אִיהְם לוֹיט זַיין וואוּנְטְשׁ בֶּעגְרָאבִּין .

דֶער יוּנְגֶער גראף אנדרעיאקוס , דֶער זָאהְן פוּן לידעריג הָאט גֶעהֶערְשְׁט פִיהְל יָאהְר , אוּנ הָאט זִיךְ אִין זַיינִי צַייטִין זֶעהְר הֶעלְדִישׁ אוּנ גְלִיקְלִיךְ אוֹיס גֶעצֵיינְט , עֶר הָאט אִיבֶּער גֶלָאזְט אֵיין זָאהְן וָואס זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶועזֶן באלדווין דֶער עֶרְשְׁטֶער , מַאן הָאט אִיהְם גֶערוּפֶען , אַייזֶערְנֶע שִׁילְטֶערִין .

דאס איז דיא ריכטיגע ביאגראפיא פאן לידעריגען דעם
ערשטין גראף פלאנדריא